STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00812

LIRIK

Jacob Isaac Segal

Permanent preservation of this book was made possible by
Ephraim & Babette S. Radner
in memory of
Dorothy Goldman Sparrow, Frieda Gottlieb Sparrow & Charles Sparrow

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. סיגאַל

ליריק

מאנטרעאל 1930

COPYRIGHT
By I. I. SEGAL
1930

די מידע זון דרימלט (א

* * *

איך בין אַליין
אויף דיינע לעצטע ברעגן.

איך גיי שוין אויך אָפּ
אין פינסטערניש.

עס צינדט זיך קראַנק
אין מיינע הענט:
דערהויבנקייט
און מיד געבעט,
צו אַ הויך
וואָס הויכט שוין אוים.

איך וועל אָפּגיין
אַ יתומדיק אינגל
הינטער אַן אַלטער שטאָט,
איבער פעלדער פון הערבסט.

אויף מיינע אַקסל
דאָס לעצטע זונרויט,
ווי אויפ'ן שטאַם
פון אַ הוילן בוים
אויפ'ן וועג
אַליין.

אָפּרו

און אַט פֿאַרגייט מײַן וועלט.
און אַט בלײַב איך הויל.
אײַנגעבויגן, קליין,
גיי איך דעם וועג צו גאָט.

מײַן אָרים געביין,
כהאָב נישט געקאָנט
אויסהיטן פֿון זינד און שטרויכל
דײַן קליין־קינדערישקייט.

דו האָסט אומעטום געוואָלט,
און איך בין געגאַנגען מיט דיר,
ווײַט אין נאַכט און אין פֿרעמד.
קיינער האָט מיך נישט געקענט
אין לאַנד וואו דיר האָט געבלענדט
אַן אוצר, אַ חלום, גאָלד.

און דו האָסט קוים דערגרייכט — —
האָסט קוים צום ברעג דערגרייכט,
און ביזט געפֿאַלן קראַנק אויף מיר
און איך האָב דיך געטראָגן אַ היים
אײַנגעשרומפּן און הויל.

און איצטער
רוסטו אָפּ.

דו רוסט זיך אָפּ
און ביזט שטיל.

ביזט שטיל
און טוסט־זיך וויי.

ביזט שטיל
און סטוט דיר באַנג,

ביזט מיד
און עס טוט דיר נאָך באַנג.

אָ קום

אָ קום מיט די אָרימע וועגן,
מיטן טאָג, אנהויב הערבסט, אין טומאַן.

פרישע קעלט קווועלט אין יונגן פרימאָרגן.
קליינע שטאָט, קליינע אידן און א מארק.

דא איז אזא איינגעשטעלט לעבן,
אזא אומעטיק־עלענטע רו.

איך בין קליין און אינגליש,ביים פענסטער,
הער זיך איין ווי א קלויסטער קלינגט.

ווער וועט קומען און וועט מיך נעמען
אין דער וויט, אין דער גרויס פון דער וועלט.

טויזענט שטימען רופן מיך און רעדן,
און א שיינקייט זינגט קראַנק אין מיין בלוט.

אָ, אינגעלאַך, חברים פון קאָרעץ
און מיידעלאַך, אין פסח'דיק זייד.

ווער וועט קומען און וועט מיך נעמען
אין דער וויט, אין דער גרויס פון דער וועלט.

אַ קלאַנג

פון אינדערפרי
אין אינדערפרי אַ ריין —
אומריין און ניט־דורכזיכטיק
איז מיין נשמה — שווער
מיין האַנט צו אויסשטרעקן
אין שלום מיט דער שווערער פרעמד.
זאָל נאָך שווער זיין,
זאָל נאָך פינסטערן,
אפשר וועסטו אויפברעכן
דיין נאַכטיקן מזרח
און אַרויספירן דיין יונגע זון
אויף מיין ענגן שליאַך.
רויטע זאַפטן שמאַכטן
אונטער מיינע הויטן.
גאָלדענער האָניק
אויף מיינע ליפּן —
דיין לויב צו זינגען.

מיין רו

איך וועל איינשלאָפן
אויפן קילן גראָז
פון מיינע לידער.

דא איז מיין לעבן,
דא איז מיין גרוב
און מיין רו.

נאָר אמאָל, אמאָל
אין בייזער אומרו,
האב איך געמאכט דעם אנשטעל
פון אן אדלער.

בין תמיד געווען מיד.
און קליינע ווערטער
האָבן געקושט מיט לידער
מיינע פארשמאכטע ליפּן.

משיח וועט קומען

א גרינגע גאָלדיקייט
פון א בלויען אינדערפרי
קלינגט אין מיין געדעכעניש.

א ווייט דאַווענען,
א טרויריק תהילימען.
און דאָס גראָז אויף דער ערד
איז נידעריק און קאַלט,
אונטער דער שאַרפער ראָסע
פון סוף־זומער.

קינדהייט, קינדערשקייט
איך רוף דיך
מיט פרומע ליפּן.

אינגעלע, יתום,
פאַרטרויער זיך נישט אַזוי
אויפן איינזאַמען טרעפּ
ביים ייִדנס שטוב
ווען דער קלויסטער קלינגט.

אינגעלע, יתום,
דאָרער גראָז
פאַרנאַכט אויפן באַרג,
לעבן דער וואַנט פון חדר
בענק ניט אין שטוב אַריין.

אין אַלקער איז פינסטער.
דער לאָמפּ איז אָן גאַזע,
די מאַמע איז אין קלייט
און וואַרט נאָך,
און טראַכט נאָך.

אביימל אין ווינקל
ביי די אַלטע שטאַכעטן אין גאָרטן
קוקט דורכן פענסטער.

שוין אויסגעטאָן אַלע
פֿאַרנאַכטיקע גאָלדן
האָבן די דעכער.

אָ, אינגעלע, יתום,
משיח וועט קומען
פֿוניוניווערזיטעט בריקן.
אין דער גוישער גאַס
וועט אַ ביל־טאָן אַ הונט.
נאָר אונזערע דעכער
וועלן זיך אָנטאָן אין גאָלדן
און אין אונזערע פֿענסטער
וועט פֿינקלען און בליאַסקען
דאָס ליכט פֿון דער וועלט

מאָרגנליכט

מיינע פענסטער מידע, נאַכטיקע,
שלאָפן זיך נאָך אוים.
קאַלטער האַפן, כמורנע וואַסערן
שיילן זיך פון אינדערפרי אַרוים.

שטוב מיט עלנקייט, כמורנע וואַסערן
ליגן ביי אַ וואַכנדיקן ברעג.
מיינע אויגן, מידע, נאַכטיקע,
פון פוילנדיקע טעג.

שיק אַרוים דיין זון אויף מיינע וואַסערן,
צינד מיין האַפן אָן מיט מאָרגנליכט.
ברענג די שיפן די פאַרבלאָנדזשעטע
אין מיין מאָרגנליכט.

באַוויליק

באַוויליק נאָך איינמאָל דעם וואונדער פון אנהויב.
א יומטוב אין אויגן,
א יומטוב אין פענסטער,
אַ יומטוב קומט אן אין אַ שטילן פאַרנאַכט
אַזוי ווי אַמאָל.

אַט, מיר זיינען נאָך עטלאַכע אידן אַזעלכע
וואָס זיינען געבליבן אַן אנדענק פון נעכטן,
אַזויווי די ליכט און די לייכטער וואָס צאַנקען
ביים גרוי פון פענסטער פאַרטאָג.

עס צינדן זיך העל
אין אונז די נשמות.
און — מיר האָבן פאַרשפעטיקט

מיר האָבן פאַרשפעטיקט
און זיינען געקומען
געקלאַפּט אין די טירן.
מ׳האָט געעפנט די טירן :

א ליידיקער חלל.

—וואו איז דער בעל שם טוב ?

—שוין נסתלק געווארן.

דער בראַצלאַווער ?

—שוין אויבעט נסתלק געווארן.

—און דער באַרדיטשעווער ?

—ער האָט אַזאַ ענטפער באַקומען פונאויבן,
אַזאַ פינסטערן ענטפער באַקומען פונאויבן,

וואָס האָט אים פאַרשטומט אין זיין חדר פאַרוואָרפן,
און ער קומט נישט אַרויס מער,
און לאָזט נישט אַריין צו־זיך קיינעם.

א לײדיקער חלל.

אוי, באַוויליק נאָך איינמאָל דעם וואונדער פון אָנהויב,
א יומטוב אין אויגן,
א יומטוב אין פענסטער,
אַ יומטוב קומט אָן אין אַ שטילן פאַרנאַכט
אַזויווי אַמאָל.

ליכט

און —
איך בין פאַר דיר געקומען
האסט מיין געוויין פאַרנומען.

און איך בין אין מיין דאָרף צוריקגעגאנגען.
דער אוונט איז שוין אויפגעגאנגען,
און די וועלט איז געווען אזוי אָפן,
און היימיש און נאָנט און גרויס
ווי א פאַטערס הויז.

אז איך בין אין מיין דאָרף געקומען
זיינען שוין שטיבער און שטאַלן געשלאָפן.

אז איך בין אין מיין הויז געקומען
האָב איך די טיר געטראָפן אָפן.
און צוויי מענטשן זיינען ביים טיר געזעסן
און ליכטיק זיינען זיי געווען
ווי די ווענט אין קאַלטער זון.
און — אין ווייסן אנגעטון.

האָב איך לעבן זיי געזעצט זיך
און האָב מיט זיי גערעדט.
די נאַכט איז געוואָרן שפּעט.
דער טאָג האָט די פענסטער געגרויט,
און א ווייטער האָן האט געקרייט.
און — מיר זיינען געזעסן שטיל,
און ווייטער גאָרנישט געהערט
וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד.

ליכט

אין מיר אַ שפּעטער אָוונט און אַן אומעט גרויט. —
אַ לעצטקייט און אַ שפּעטקייט און אַ גרעניץ שטייט.

דאָס איז מיין שטיבל הינטער דער וואַנט פון שטאָט.
איבערן דאַך דער הימל, זון און שטערן און גאָט.

כ'האָב אָפּגעוויינט און אָפּגעוויינט און אָפּגעוויילט
און פאַרנאַכט דורך פלאַנטערדיקע גאַסן זיך געאיילט.

האָב זיך אַזוי געאיילט אַהער און אָנגעקומען גיך
ביים שוועל אַרפּגעצויגן מיינע שווערע שיך.

און בין אַריין און — מיין געלעגער איז געווען געבעט.
אַן ערדיק קישעלע, פון יעדער זייט אַ ווייסע ברעט.

און אַ קנויטל אין אַ ווינקל האָט געברענט
איבער דער שאַטנדיקער סטעליע און די ווענט.

ליכט

אויב עס שטייט נאך גאנץ דיין הייליק הויז,
וועל איך נאָך קומען אהין.

וועל דערטראָגען מיין האַרץ צו דיר,
ווי א קויש מיט רייפע פרוכט.

וועסט אנדערש שוין קוקן אויף מיר,
אויף מיין קאָפּ פארזילבערט און אַלט.

אויף מיין תפילה, דערהאַלטן ביז שפּעט
אין מיין דאַרער ציטריקער האַנט.

מלאכים וועלן זינגען פאַר דיר
די לאַמפּן מיט הייליקן אויל.

און, קליין וועל איך זיך שאַרן ביים וואַנט,
א שטומער ווי באַנציע שווייג.

מיין שכר — נאָר אַן אָרט אויף די טרעפּ,
און — שטום־זיין און קוקן שטיל —

אויף די פאַרהילטע אַלטע קעפּ
עטרות פון זילבער פאַר דיר, —

אויף די וועלצנדיקע ליכט פאַר דיר.

ליכט

מיט א צוטראטענער יוגנט,
אַן אָרימאַן, אַ פרעמדער,
גיי איך פון טיר צו טיר.

נאָר קיינער וועט אויף מיר ניט דערקענען,
ווי איך בין אונטער דיין האנט,
ווי אונטער א רוט פון פייער געגאַנגען.

האב זיך געשארט פון וואנט צו וואנט,
און הערבסט איז אויף מיר געהאנגען
ווי א מגפה אויף אַן אָרים לאַנד.

נאָר קיינער וועט אויף מיר ניט דערקענען;
עס וועלן פון מיינע אויגן
אַראָפּלייכטן ליכטיגע שמייכלען.

און — כ'וועל זיין ווי דער גוטער פעטער
אויפ'ן גאַס פון די טייערע קינדער.

און — שפעטער, שפעטער, שפעטער,
וועט איר מיך טרעפן, קינדער
אויפ'ן בריקל פון שול זיצן —

אַ זיידע,
אַ ווייטער,
אַ בלינדער.

ליכט

און אויף דיין ערד וועל איך זיך לייגן,
און ווידוי זאגן שטילערהייט.

און אויף דיין ערד וועלן מיינע אויגן
איינדרימלען אין קלארן טויט.

און אויף דיין ערד וועלן ליגן צווייגן,
א בינטל צווייגן אנגעגרייט.

און אויף די צווייגן — ליכטיק שווייגן,
דערמאָן זיך ווי אין חומש שטייט:

אט־איז דאס האלץ, אָט איז דאס מעסער,
און וואו איז פּאָטער, די קרבן־שאָף?

שטילע גייען זון און פאטער
צום בארג ארויף.

ליכט

געלייטערטער גאלד איז דיין שווייגן,
דיין וואָרט, אויך דיין וואָרט איז מיר לויטער.

געלייטערטע פרייד איז דיין רופן,
דיין ווייט, אויך דיין ווייט איז מיר נאָנט,

דערהויבנקייט שטראלט דיינע אויגן,
דיין האנט, אויך דיין האנט קאָן דערהויבן.

בשעת די קומסט אומגעריכט אָן,
און זעצסט זיך ביי אונזערע טישן.

בשעת דו דערציילסט אונז די וואונדער
וואס ליגט אין אונז אלע באהאלטן.

בשעת דו באריהרסט מיט די פינגער
דאס ברויט וואָס אויף אונזערע טישן.

בשעת דו פארטייטשטט און דו זינגסט אונז
קאפיטעלאך גאָלדענעם תהילים.

ליכט

איך צינד אָן ליכט.

איך צינד אָן לידער.

איך צינד אָן ליבשאפט —

אין דיינע קרישטאָלענע רערן
אויף די בוימער־מנורות, גאָט.
אויף דער ברייטער גרויסער שטילער ערד,
דער רואיקער טיש פון דיין שבת
דיין גאָלדענער שבת,
דיין הערבסט.

אַ קלאַנג

גאָט איז גוט. אים איז גוט אויף דער וועלט
און אַ מענטשן איז גוט אין זיין שטוב.

גייט אַ בוים אַליין אויף אַ פעלד,
גייט אַ טייך איין אַליין אין דער וועלט.
קיין זאַך שטייט ניט שטיל אויף דער ערד.

קומט דער טאָג צו אַ מענטשן אין שטוב
איז אַ זון ביי דעם מענטשן אין שטוב,
איז אויך גאָט ביי דעם מענטשן אין שטוב,
און דעם מענטשן איז גוט אין זיין שטוב.

דורך זון און דורך טאג און דורך וועלט,
שוועבט אַן אומעט ארום אין מיין שטוב.
איך וויים, אויך צו מיר אין מיין שטוב,
קומט אויך גאט ווי צו יעדן אין שטוב,
נאר אומעטיק איז מיר סיווי,
מיט דער זון,
מיטן טאָג
און מיט גאָט.

גאט איז גוט. אים איז גוט אויף דער וועלט,
און אַ מענטשן איז גוט אין זיין שטוב.

פּלוצלינג

האַלט־אָפּ דײַנע טרויעריקע ווערטער,
פּשוט, אַזוי דורך וואָכן,
וועט די שיינקייט זיך ווײַזן,
וועט אונזער יומטוב קומען.
פּשוט, אַזוי אויף די מאַרקן
וועט זיך אַ פֿריילעכקייט שפּרייטן.
לעצטע פֿורעלאַך האַלץ
פֿירן אַראָפּ די גויים.
לעצטע טירן פֿון קלייטן
קלינגען זיך צו אויף די שליסלען.
ניט שבת און ניט יומכּיפּור,
נאָר פּשוט, אַזוי נאָכן מאַרקטאָג,
האָט זיך אַ גאָלדענער אָוונט
איבערן הימל צושפּיגלט,
אַנטקעגן די קלייטן צולויכטן
און אַנגעזאָגט רו און שבת.
גייט מען אַהיים אין פֿרײַנטשאַפֿט,
לײַוונטענע טישטיכער אויף טישן,
לאָמפּן טוען פֿײַערלאַך ברענען
ליכט און לײַכט און לײַכטער
געמיטלעכע גוטע געמיטער.
און גרינג און ליכטיק הויבן זיך
די היטלען אַריבער די שטערנס.

זאַלבונג

א שטיקל וועג ערשט דורכגעגאַנגען
אַ שטיקל און — שוין העכער האַלב.
נו איל דיין האַנט מיך צו דערלאַנגען
און מיט דיין הייליק אויל מיך זאַלב.

מיין קאָפּ איז שווער און איינגעבויגן,
נו, גיס איבער מיין קאָפּ דיין אויל.
ניט זע דעם פּיין אין מיינע אויגן,
דעם שטומען וויי אַרום מיין מויל.

זאָל נאָך דיין ברכה אויף מיר לייכטן
די איינציקע מינוט ביים סוף.
כהויב אויף מיין קאָפּ — און אויסגעגלייכטן
פיר מיך אַריין אין הויז פון שלאָף.

ביים טירל לאָז א צייכן ליגן, —
אַ שטיקל קאָרע פון אַ בוים.
און קער אָפּ ריין די צוויי דריי שטיגן
וואָס פירן צו מיין בעט פון ליים.

ווען זי, אַ קליינע און אַ שיינע,
וועט אָנקומען זיך זען מיט מיר,
מיין שוועל אַ ווייסע און אַ ריינע,
זאָל ליגן העל און גרינג פאַר איר.

דער טויט

ווייט, ווייט, ווייט וואוינט דער טויט,
ווייט אין די שנייאיקע טאָלן.
אלט, אלט, אלט איז דער טויט
אלט ווי די שנייאיקע טאָלן.
פאָרט ער ארויס מיט זיין וועגעלע,
ליגט די זון און ווארימט די טאָלן.
פאָרט ער און פאָרט אויף זיין וועגעלע
מיילן און מיילן פון טאָלן.
פאמעלאך פאָרט דאס וועגעלע,
נאָר די מיילן אנטלויפן, אנטלויפן,
און פארנאכט קומט דער אלטינקער טויט
אין א דערפל מיט שטיבלאך
א ווינטערדיק דערפל.

גאנצפרי פאָרט דער אלטינקער טויט
צוריק פון דערפל, צוריק.
שטרויענע דעכלאך מיט שניי
בלויענע פענסטער מיט פראָסט.
פאָרט זיך דער טויט מיט זיין וועגעלע
אויפן וועגעלע — א קעסטעלע,
א דינס און א שמאָלס,
און דער הימלברעג איז ראָז
און דער הימלברעג איז רויט,
אזוי ווי א שיינער פלויט.
און אזוי קומט דער אלטינקער טויט צוריק
ווייט, ווייט אין די שנייאיקע טאָלן
ווייט אין די שנייאיקע טאָלן.

צו . . .

און דו ביזט מיר א נאָנטער,
מיט קרענקלאַכקייט,
מיט ערלאַך שווייגן,
מיט ווארטן גרוי
פון טאג אויף טאָג
אויף גארנישט
גארנישט,
גארנישט
וואָס דארף קומען.

און —
ס׳וועט גארנישט קומען.

הונדערט יאָרן שטייט א שטארקער מויער,
זיבעציק — א שטארקער מענטש.
און אזא ווי דו, ווי איך,
ציען דורך ווי ווינט
צווישן די ווינקלען פון ניו־יאָרק,
און מיר צישן מיט אומגליקלאַכע אויגן
ערגעץ זיך צו ראטעווען

און —

מיר בלייבן נישט.

וואָס איז אונזער נאָמען ?
אונזער וואָרט ?
אונזער ליד !

ווינט צווישן די ווינקלען
פון ניו־יאָרק.

הינטיש גיריק נאָר זיינען מיר
צו ווייבע טאָוולען מיט א דינעם גאָלד־קריץ
אויף די שטעלן פון אַלטווארג קראָמען.

מיר בייגן זיך איבער זיי
ווי טרויעריקע מענטשן איבער קברים
און לייענען מצבות.

מיר שטויבן זיך איין מיט זיי די הענט

און פרישן אָפּ די אויגן
פון אַ געבאַפּטן יונגן פערד
פון אַן אַלטער אויסגאַבע :מילטאָן.

און שטויביק, פרעמד,
יאָגן מיר אַריין אין סאָבוויי.
יונגע מיידען און שיינע פרויען
אויף די לאַנגע בענק
רויטלען און לייכטן,
און שמעקן מיט פרילינג
וואָס האָט שוין אויך אין ניו־יאָרק
אַ בלאָז־געטאָן.

אַך, צו אַלדי־גוטע־יאָר,
געשמאַק איז דאָס לייב פון דער וועלט.
אין איר ווייס און ראָז און טונקל
האָט גאָט אַזויפיל וואַרימקייט אַריינגעווייט
פאַר אונזער טריב אויג,
און אומרואיקער האַנט.

לויטערקייט

פֿון מיינע שטילע טעג טוט גיין אַ וועג
אַראָפּ אין שאָטנדיקן קילן טאָל.
און אויסגעטאָן פֿון שווערקייט און פֿון שרעק,
וועל איך מיט דיר זיך טרעפֿן דאָרט אַמאָל.

אין ווייסע קליידער, אויף דער גרויער ערד,
מיט אויגן ריינע, לויטערע אין רו,
וועסט זיצן — פֿריי פֿון אַלץ וואָס ערד באַשווערט
מיט נאָך אַזוינע ליכטיקע ווי דו.

איך וועל אָננעמען דיין קליינע ווייסע האַנט,
איר וואַרימען ביים אָטעם פֿון מיין מויל.
הויך איבער אונז — דאָס באַרגיק־גרינע לאַנד,
די זון — צו מערב ווי אַ גאָלדענער זייל.

אין קראַנקער רויטלאַכקייט איז דורכגעפֿלעקט די וועלט
נאָר דו ביזט ווייס און רואיק, ווי פֿאַרנאַכט.
איך לאָז דיך זיצן אויפֿן שוועל פֿון דיין געצעלט
אין זוניקייט און שאָטן פֿון פֿאַרנאַכט.

אַ קלאַנג

אַ לייטער, לייטער אויף
מיט דיינע יונגע געזאַנגען,
מיט דיינע העלע פּסוקים,
דעק אָפּ די שיינע שעה'ן
פון זייער אַלטן שטויב.

קלינג אָן אין דער אַלטער שיינקייט
ווי אין אַ גאָלדענעם בעכער
כאָטש אַן איינציקן קלאַנג:

דריי מענטשן זיינען געגאַנגען
דעם בעל שם טוב'ס שטיבל זוכן.

די פעלדער האָבן געזומערט,
די וועלדער האָבן געשמעקט.

אַ יונגער דאָרף האָט געלויכטן
אין מיטנטאָגיקער גרינקייט.

אַ ווייסער בושל איז געגאַנגען
מיט גאָלדענע פּיס אין וואַסער.

און דריי מענטשן זיינען געגאַנגען
דעם בעל שם טוב'ס שטיבל זוכן.

יומטובים

יומטובים הייליקע,
הינטערן שטאָט גייען זיי —
בעטלער מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס.

קוקן אייגע אויף די אַנדערע:
וואוהין זאָלן מיר גיין?

און אַ קליין שבת׳ל,
אַ הויקערל,
אַ דאַרס,
אַ דינס,
ווייזט מיטן קלענסטן פינגערל:
אהין,
דאָרט,
אין וואַלד אַריין.
דאָרט איז שטיל.
דאָרט איז רואיק,
און בלעטער אויף די צווייגן
זינגען שירה. —
וועלן מיר זיך אַלע
אויסזעצן אויפן גראָז,
וועל איך אויך אייך זינגען:
ברוך אדוני יום־יום.

און די הייליקע יומטובים,
ווי די בעטלער,
איינגעבויגן,
איינגעהאָרבעט,
גייען פונם קליינעם בארג
אַר־אָפּ.

דאָרט פליסט אַ קוואַלעכל,
וואַשט זיך די זון
אַ גאַנצן טאָג.

שטעלן זיך די יומטובים ביים ברעג,

וואַשן זיך די הענט,
אינם לויטערן וואַסער.
הויבן אויף די טאָרבעס,
און גייען ווייטער, ווייטער,
דאָרט אַהין,
צום וואַלד.

און דאָס קליינע שבתל,
מיט זיין זעקעלע:
אַ קוכנדל,
צוויי לייכטערלאַך,
אַ פלעשעלע ראָזשינקע וויין —

גייט פונפאָרנט,
פירט אין וואַלד אַריין,
וואו בלעטער אויף די צווייגן
זינגען שירה.
וואו פייגל אין די נעסטן
זינגען שירה.

פוניענער זייט

און איך הויב אויף מיין פארשטיקטן קאפּ
פון א פינסטערער שווערקייט.

און איך עפן די אויגן
און זע:
ביי מיין אָפענער טיר שיינען שטערן.

און א סטעשקע אין טונקעלן נאכטליכט.
און א ווייסע ריי מצבה׳ס.

זאָל איך אראָפּ פון געלעגער,
זיך שטעלן ביי דער אָפענער טיר?
און זינגען אין נאכט,
צו די שטערן,
צו די מצבה׳ס?

עס רוישט אזא געזאנג אין מיר,
עס לויכט אזא לויכטונג אין מיר.

זאָל איך שטיל זיך דערשארן
צום קאַמער פון קברות־מאנס שטיבל,
און אויסזוכן דאָרט
א שטעקן,
א האַמער,
און גיין פון איין קבר צום צווייטן
קלאַפּן אין די ווייסע שטיינער,
און וועקן? —

וואָס שלאָפט איר,
וואָס שלאָפט איר נאָך אַלץ!
וואָס שטייט איר נישט אויף?
עס רוישט אזא געזאנג אין מיר
און — ארום מיר.
עס לויכט אזא לויכטונג אין מיר
און — ארום מיר!

ס׳פאלט מיין קאָפּ אין א פינסטערער שווערקייט.

און עס מאַכן זיך די אויגן מיר צו.
און איך הער,
ווי ביים טיר עפּעס שאָרכט
און איך הער,
ווי די טיר מאַכט זיך צו.

און עס זינקט אַזאַ הוילקייט אין מיר.

איך קום

פאַר מיינע טעותן,
און פאַר מיין אומוועג
אויף דער גלייכער ערד
צאָל איך און אויף מיין לייב
די לעצטע ריסן הענגען
אנטקעגן דער רויער פרעמד.

כ'האָב גאָרנישט איינגענומען
מיט מיין קריג און וויי,
און מיט מיין שנאה.

האָב נאָר אַרויסגערופן
בייזע רודפ'ער
פון די באַהעלטענישן.

בין שלעכט געווען,
האָב פיינט געהאַט,
האָב געווייכט און אויסגעמיטן.

אויפן קלאָץ פאַרן הויז
געאײנזאַמט מיין אָוונט
נאָכן עלנטן טאָג —

האָב זיך געהיילט —
גערוט.

און צו דיר,
וואָס איך פיל דיך דורך זיך
ווי דאָס גרינגע אָטעמען פון גראָז,
ווי דאָס שווערע וואַקסן פון מיין נשמה,
צו דיר שווייג איך שטיל.

די טענות זיינען אַראָפּגענידערט
אויפן גרונט פון מיין האַרץ —
אַראָפּגעזעצטער זאַמד.

איך כאַפּ זיך אויף נאָר אַמאָל,
אין אַ מינוט פון זוניקייט אין מיר,

און זע זיך אינדערהויך
פון דיינע שיינקייטן,
און אין דער נידער
פון דיינע מיאוסקייטן,
און איך ווייס ביי זיך:
כהאב דורכגערודערט
מיין טאָג און מיין נאַכט
אין נאַקעטסטער עלנטקייט.
און קום צו דיין קאַלטן האָריזאָנט,
אויפן בלויען באַרג פון טויטן אייז
מיין גוף אוועקלייגן.

ווי תמיד

דו מיין קנעכט מיין שלעכטער,
איך — דיין גוטער האַר.
דינסט מיר אַף דיין יונגנט
בייז און אומגעטריי.

כ'שיק דיר נאָר אויף שעה'ן
פריי־זיין אין דער שטאָט,
אויף די גאַסן זומערט,
נייער הימל און זון.

און איך — בלייב אין שטוב
זיץ ביים פענסטער מיד,
ליידיק איז מיין שטוב —
אַן אומעטיקע וועלט.

ציט מיך נישט צו ריידן,
ניט זיך־אויסצוריידן,
אַזאַ מויזיק שווייגן
גריזשעט אין מיין וואָרט.

קלוג בין איך מיט שטומקייט,
קלוג — מיט שווערן וואַרטן.
איז מיין קאָפּ געבויגן
פינסטער צו דער ערד.

זאל דער בעסטער קומען,
האָט ער נישט קיין טרייסט.
קוקט מיט שמאָלע אויגן,
ווערט דאָס פענסטער שמאָל,
נאָר אַפּאַסיקל שיין

אויף אַ ליכטיקער פּרעמיד
אויף אַ ווייטער וועלט.

גאָט ? אין בלויע הימלען,
גרויס נאָך ווי אַמאָל.
מענטשן ? טראָגן נאָך פּאָנעז
אַליץ נאָך ווי אַמאָל.
און אין שמר'ס גאָרטן,
אויף דער גאָלדענער באַנק,
זיצט דער גראַף יהונתן,
אין זיין צילינדער־הוט,
אַליץ נאָך ווי אַמאָל.

דערמאָנונג

אזא־מין פאַרלוירן גרוי לעבן,
קום לייטערן, לייטער עם מיר.

פאַרנאַכט, פון מיין שטוב ווערן אַלע אַנטרונען,
גיי אויף דורך מיין הארץ ווי אַמאָל,
ווי אַמאָל פלעגסטו אויפגיין צו מיר.

איצט בין איך נאָך קינדערשער.
דורך פיין און צובראָכנקייט
בין איך נאָך קינדערשער.

און שמייכל אזוי זיך אין תמימות,
אזוי ווי יאָסי דער תם אין בית־מדרש
אמאל, אין בית־מדרש אמאל,
אין קאָרעץ.

טו אַ וויי מיר אין פנים די זון
פונם דאָרטיקן מיטנטאָג אויפן זאמד.

איך האב דיך געזען דארטן תמיד.
אפילו בייטאָג האסטו אַרויסגעקוקט
דורך די ליידיקע פענסטער פון דער רויטער־שול

און איך האב געוואוסט
אַז דו דרימלסט אין דער דרימלענדיקער זון
איינם חרוב׳ן שלאָסטורם אויבן,
וואו מלאָזט נישט אריין.

און פוניענער זייט פלויט וואקסן מאָכיקע גראָזן,
און הארטע שאטנס ליגן און גרויען.

און דו ביזט דאָרט צווישן דעם שלאָס,
אין אַ ווינקל ביים וואַנט פאר דער זון,
זיצטו אין דיין גאָלדענער קרוין
און ביזט שיין כאור — ווי דאָס ליכט,
שבעת — די זיבן, הימים — די טעג,
די זיבן טעג פון דער וועלט.

דו קינד

איך בין דיין גוטער פאָטער,
איך פיר דיך פאַרן האַנט.
ביזט קליין און בעטסט רחמנות
און האַלטסט אָן שטאַרק מיין האַנט.

האָסט נישט געזען קיין אומגליק,
און ווי קומט צו דיר שרעק.
דו לייגסט אין אַזאַ מידקייט
אויף מיין קני דיין קאָפּ אַוועק.

און ווילסט איך זאָל דיך גלעטן,
און דיר זאָגן טויזנט מאָל:
איך האָב דיך ליב,
איך האָב דיך ליב,
וועל דיך ליב־האָבן אַלע מאָל.

כ'וועל אויסשפּרייטן מיין ליבשאַפט
ווי שלאָף איבער דיין געביין.
וועסט רוען און איך וועל וואַכן
איבער דיר פאַרלאָרן און קליין.

און אַז דו וועסט פון שלאָף אויפשטיין
וועל איך ווידער ווערן שטאַרק.
ביזט קליין און בעטסט רחמנות,
און איך בין גוט און שטאַרק.

אוועקגיין

איך וויל אוועקגיין
אַרוים, אין נאַקעטער אָרימקייט.

וואָס האָב איך געטאָן, —
פאַרבויט זיך מיט שטוב און מיט מענטשן
מיט קינדער וואָס רופן מיך טאַטע
און גאַסן וואָס טוען מיר באַנג
מיט זייער אייגן און פרעמדקייט.

און כ׳האָב זיך געבונדן
צו ווערטער, צו קלאַנגען, צו שמות.
צו פרויען וואָס קומען אָן שטילע
זיך טרעפן מיט מיר
אין פאַרלעגענע גאַסן און געגענטן —
עס איז אַזאַ גרויסקייט פון פרייד,
און מוטיקער שטאָלץ אין די אויגן,
און שיינקייט וואָס טיילט אַזוי אויס
צו זיין איינציק און ליכטיק
אין גרוי צווישן אַלע.

נאָר איך וויל אוועקגיין,
און אָפּשניידן פון מיין געביין
די ביטערע דערנער פון באַנגטאָן,
כ׳וויל ווערן ווי לינדער פרימאָרגן
פון רואיקן פריעןווינטער.
די ריינקייט פון וועלט
קוקט ווייס פון שטוביקע דעכער
און ס׳איז אַזוי ליכטיק צו לעבן,
און ס׳איז אַזוי גרינג צו אַרומגיין,
און קיינעם אין ערגעץ נישט האָבן,
און קיינעם פון ערגעץ נישט רופן
און ווייטער, און ווייטער אוועקגיין.

היים

אין מיינע לעצטע שעהן,
וואָס וועל איך דיר דערציילן.

כוועל דיר דערציילן פון אַ טומלענדיקער גאַס,
בין גרוי און מיד געוואָרן אין איר שטויב,
און קיינמאָל נישט געקאָנט פון איר אַנטלויפן.
און כ'האָב אַ קינד אַ קליינס אין איר פאַרמאָגט
פאַרבײַ די קראָמען־פענסטער, אויף די הענט געטראָגן,
און ס'האָט געלאַכט פון אַלע קליינע שײַנקייטן.

איך האָב אָן אייגענע, אָן נאָנטע געלעבט,
און שטענדיק האָט אין מיר געטריבט, געוויינט
אַ קליינשטעטלדיקייט. אַ ציען זיך אַרונטער, אַרונטער,
דאָרט וואו די שטאָט ווערט קלענער, אָרימער,
און ס'ליגט אַרום אַ טעלעגראַפסלופּ אַ פאַרעלטערט ביסל שניי,
כאָטש אויבן אויף בראָדוויי איז שוין פון לאַנג זומער.

כ'וועל דיר דערציילן פון אַשטילער גאַס
כ'בין שטום און שווײַגנדיק געוואָרן אין איר גרוי.
אַ קליינער הויפל איז געשטאַנען בײַ דער שטוב,
די קינדער האָבן זיך געשפּילט,
די שכנה האָט געוואַשן דאָרטן גרעט,
אַרויס פון הויפל, בײַם ברעטערדיקן טראָטואַר,
איז געשטאַנען אַ גרוי שטיק ים,
אין אַ זונטיקדיקן זוניקן בײַטאָג,
האָב איך דאָרטן מײַן קינד געפירט,
און אויף דער גרינער באַנק מיט איר זיך צוגעזעצט,
און איר דערציילט דאָס גאָלדן פישעלע.
דער ברעג פון ים איז שוין געווען.

און איינמאָל, איינמאָל,
און מײַן קינד איז שוין ניט מער געווען מיט מיר.
און קיינמאָל בין איך שוין בײַ יענעם ברעג ניט געזעסן.
האָב ווידער זיך אוועקגעצויגן אין אַ טומלדיקער גאַס,
גרוי און מיד און אָפּגעריסן פון דער וועלט,

װער װײסט װאוהין דער פױגל פליט.
אומענדלאַך איז די אײנזאַמקײט.
זי שלאָגט זיך אָן אָן שטיבער און אָן שװעלן,
און רײסט זיך װידער אױפ׳ן ערשטן פלאַטער פונם װינט,
צו װאַלד, צו ים, צו װיסט און מדבר,
צו נאַכט און שטיבלאַך אין אַ װינטערדיקן טאָל,
צום הײמלאַך טרױעריקן בילן פון הינט
דאָרט װאו די פענסטערלאַך לײכטן זיך
מיט פײערלאַך פון אַ קלײנער הײם.

יאָ, איך אויך

.1

עפּעם קלייניקייטן וויל איך.
תמיד אומעטיק און זשעדנע.
האסט אזויפיל נישט־דערגעבן,
און אפילו נישט צוגעזאגט.

וויל איך קומען דיר דערציילן
פון מיין יעדן בלינדן שטרויכל.
כאטש איך ווייס: דו ווייסט,
און קוקסט מיר נאָך די טריט,
און מעסט׳ מיין שאָטן אויפ׳ן וועג.
און אפשר לאַכסטו אויך און דו ביזט דאָ
אין דעם פארזען און גלייכגילט
פון אלע וואָס איך גאר צו זיי,
און — זיי אנטלויפן.
נאָר איך טראַכט :
אינם קלענסטן טאָג,
אויפ׳ן שמאלסטן וועג,
ביי דעם לעצטן טראָט,
ועסטו אויף מיר ווארטן.
טוסטו אויף מיר ווארטן,
ווי אן אלטער חבר.
איך וועל דיך דערקענען.
אומעטום וואו כבין געקומען,
האב איך געזען דיין פּנים.
ביי די אָרימע פּושקארט־לייט,
פארנאכט אין זייער איילעניש אהיים
ווען קראנקער רעגן נעצט זייערע שמאטעס אויפן לייב,
די שווערע צוויי רעדער פּונם וואגן קריכן הארט
און קלאַפּן מיטן קלאַפּ פון טויטנוואָגן,
אויפן שטיינעריקן ברוק.

פון הינטער די טויבע היטלען
הויבן זיך ארויס זייערע אויגן,
און — דו ביזט אין אָט־די אויגן.
ביזט אין גאנצן מיאוסן גוף

וואָס פּוילט אין שאַנד און טרויער.
ביזט אינם זשאַווער פון זייער שווייגן
צווישן די צובראָכענע פּיענקעס ציין.
ביזט אין דער טויטער שווערקייט פון זייערע פּיס,
וואָס טרעטן נאָך די רעדער און גייען, און גייען.

און נאָכדעם קומסטו
אינם אָפּגעקראָכענעם שולכל
אויף ריווינגטאָן סטריט,
מיט דיינע דינע ליכטלאָך אויפ׳ן עמוד,
מיד דער זיסער וואָכעדיקער מעלאָדיק.
וואָס איז אַהער אַריבערגעבראַכט געוואָרן
אינאיינעם מיט אַלטמאָדישע תהילימס,
סאַמאָוואַרן, לייכטער. קופּערפּאַנען
און גאָר דעם פאַרשטויבטן יחוס
און פאַרגליווערטער שליחות.

איך בין אויך אַהין דערקראָכן
נאָך אַ רויען שבת פון וואָך און טומל.
האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ האַרטער באַנק.
און בין געווען — אָן אָרימאַן פון וועג,
בין געווען אַ הונט פון גאַס.
קראַנק און הונגעריק און אין שטויב..
און בין געווען — אַזאַ געזאַנג.
אַזאַ געזאַנג פאַר ברייטע אָפענע הימלען.
וואָס האָבן צונומען זייערע בלויע פליגל
און מיינע רייד זיינען געגאַנגען,
מיט קלינגענדיגע טריט צו דיר.
צום ווינקל וואו דו ליגסט.

ווייל. ווען איך טראַכט פון דיר.
זע איך דיך אַ קליינינקן אַמאָל,
פּראַווענסט יחידות
פּראַווענסט עלנט.
פּראַווענסט גרויע אָרימקייט

אין אָפּגערוקטן, פאַרשטיקטן ווינקל
פון דיינע זיבן אומענדלאַכע, ליידיקע הימלען

און אַז איך זע דיך אַזוי,
ביזטו אַזוי ווי איך.
און איך וויל ווייטער זיצן
אין מיין אָפּגעלעגענער אַלטקייט.
זיין אַ ניגון איבער לעצטע וועגן.
מאַטע פאַרבן לעשן זיך אויף פעלדער
אונטער מידן מידן רעגן.
גרויע פורלאַך פאָרן, פאָרן
אונטער מידן טויבן רעגן.

העי, וואו פאָרט איר דאָרטן, אידן?

— אויף קבר אבות.
און אויף יומטוב.
צו אונזער הייליקן
צו אונזער איינציקן רבי׳ן
רבי נחמן מברצלאַוו
זכר צדיק לברכה.

— פאָרט געזונטערהייט.

ער האט פרייד פאַר איטלאַכן,
און פאַר די בעטלערלאַך האט ער
אַ יומטוב און אַ — משיח־מאַן — — —

נאָר ער פירט זיי
דורך אַ לאַנגן וועג,
און דורך פינסטערנישן.

אויף וואָגנס פירט ער זיי
מיט די משפחות אַרום,
אַ קעלט נעמט זייערע קינדער דורך
ווען דער טאָג שאָטנט
אין פאַרגייענדיקער זון.

אַן אַלטער וואַלד שטייט
אונטער טונקלקייטן
ווי אויף טונקעלע קייטן
צוגעבונדן צו דער וועלט.

און זיין האַנט רוקט זיך אַוועק
פון איבער די בעטלערלאַך.
און ער לאָזט זיי אויפן ווינט,
און אויף די הינט פון הפקר אין דער נאַכט

זיי בעטן זיך:
באַשער אַן אוצר —
אַ פענסטערל
זאָל אַ לויכט־טאָן;
אַ היימלאַכער הונט־געביל,
פון אַ נאָנטן דאָרף,
איידער די נאַכט שלעפּט אונז אַראָפּ
אויף דער ערד.

איך בין

1

אין מיין אָרימקייט בין איך געלעגן
און בין דאָרטן ליכטיק געוואָרן.
איך גיי אייך אַרויס אַנטקעגן
מיט נייע געבוירענע יאָרן,

כטראָג בינטלאַך פּשוטע לידער
אויף מיינע פֿאַרשפּיציקטע אַקסל,
און וואַרף פֿאַר אייך, מיינע ברידער,
דאָס ליכט אין מיר איז געוואַקסן.

און לויף אין מיין אָרימקייט ווידער,
און לייג זיך צוריק אינדערפֿינסטער.
און — כוועל זיין צווישן אַלטע דער עלסטער
און צווישן יונגע דער אינגסטער.

2

איך בין ווי פעלד וואו קראָען
קומען פונוויַיט פאַרנאַכט,
און האָבן גרויען טרויער
איבערן לאַנד געבראַכט.

אַ מידער שווערער נעפּל
נידערט איבערן קאָפּ.
אַ קאַלטער פרעמדער הימל
גייט אויף דער ערד אַראָפּ.

אַ היישעריק רעגנטראָפּנס
פּיקט פויל דעם איבערבלייב —
דאס גאָלד פון מיין נשמה,
דעם וועלק איבער מיין לייב.

אָ, רוף!

אַ רוף אונז צוריק צום העלן אנהויב
צום ברייטן טויער פון ליכטיקן טאָג

גאָלדענע פייערן אין הימל
אין מערב איז הייליקע וועלט.

מיר זיינען געווען אזעלכע שטילע אינגלאַך
מיט פארחלומטע אויגן צו גאָט,

מיר האבן זיך געקליבן צו שיינקייט
ווי לויים אין בית מקדש אריין.

מיר האבן זיך געקליבן אין ווייטן
ווי נזירים אין מדבר אריין

נו, האָבן אונז שיפן געפאַנגען
נו, האָט אונז געטריבן דער ים,

מיר וואגלען אין גרויקייט פון וואָכן
אָן אויסוועגביים זאמד פון א ים.

פאַרגיין

פּיין פון טויט אין איטלאַך הויז און וואַנט. —
משפּחה׳ס ווערן איינגעבויגן, אַלט.
איך בין אַ קראַנקער גאַלדיקער פאַרנאַכט
צווישן די ביימער פון אַן אַלטן טאַליקן וואַלד.

מיין בענקעניש רעדט פייערלאַך פון אַ ברייטן וועג,
פון דאָרף, פון ישוב׳ן און פון בעל שם טוב׳ס שטוב.
כ׳צינד קליינע ליכט אָן אין דער פינסטער פון אַ וועלט
וואו אַלץ איז מיר דאָרט אייגנבלוטיק, יונג און ליב.

כ׳וויים נישט: אפשר שטראַלט נאָך אויף מיין קאָפּ,
אַ לעצטע שיינקייט פון אַ צאַנקענדיקער קרוין.
און אַזוי גוט איז מיר, ווען דער טאָג גייט־אָפּ
און וואַרפט אויף מיר די שאַרף פון זיין פאַרגיין.

פאַרבינד...

פאַרבינד־מיך מיט וועלט און מיט מענטשן.
איך שטיי אין מיין פרעמדקייט צובראָכן
פאַרהאַקט אונטער בייזע טירן.

עס וועט דאָך א מידבר פון וויסטקייט ,
אַלע וועגן פאַרווילדן ביז איבער די פּלויטן.

ווי וועל איך זיך לאָזן לויפן
אין דער געדיכטער פאַרווילדקייט.

ווי וועסטו מיין רופן דערהערן
פון מיין פאַרשטיקטקייט.

כ'וועל ווערן אליין איבער זיך
א פאַרטרינקענדיק וואַסער.

כוועל ווערן אליין איבער זיך
א פאַרצערנדיק פייער.

כוועל ווערן אליין איבער זיך
א טויטלאַכע בלינדקייט.

פון דאָרטן

פון זיבן נאָנטע איז איינער נאָר געבליבן — ניט דערוויטערט
קומט ער נאָך־אַמאָל אין אָוונט רעדן פון אוועקגעגאַנגענע זאַכן.
אין היינטיקע שלאַבעריק־געבוירענע טעג
ליגן אוצרות אין אַ ווינקל זכרון.
אַלץ איז הינטערן נעכטן שיין געוואָרן.
אַז דער מאָרגן איז אַ געזאַנג צום באַרג־אַרויף
איז דער נעכטן אַ באַוואוינטער שטילער ישוב אין אַ ברייטן טאָל.
און יעדער שעה ווערט דאָרט אַ מעשה פון גוטע מעשים,
אַ האַלבע גאַס פּאַרנעמט אונזער משפּחה.
ווער סהאָט אַ גאָרטן מיט אַ באַרנבוים,
ווער — אַ קאַץ מיט קעצלאַך אונטערן אויוון.
און ווער אַ פולן טייסטער מינץ נאָך אַ יאַריד.
אַלע פעטערס זיינען נאָך מיט בלאָנדע בערד,
און די באָבע הויבט ערשט אָן צו ווערן גרוי,
און דער זיידע טרעט נאָך פעסט, נאָך ניט געבויגן,
און האַנדלט־איין אין מאַרק די שאַר־ירקות פאַרן שטוב.
אַ ליכט, אַ ליכט, אַ ליכטיקייט פון שניי
ווען גויים זעגן האָלץ ביי אונז אויף ווינטער.
אַ ליכט, אַ ליכט פון ווינטער און פון שניי,
ווען סקעלבל שטייט ביים שטאַל און וואַרט מען זאָל אים עפענען,
און כאַפּט אַ צ־צ־צ־ציטער.
און מיט דער נאַכט קומט נענטער אין שטאָט אַריין
אַ פראָסט — אַ וואָלף!

נו...

נו, צו זיי איז דאָס מזל געקומען צוגיין
נאָך גאַנצפרי.
גאַנצפרי.
און קלאָר.
און געבראַכט זיי
געקרויזטע גאָלדענע האָר.
ווייסע פּערלדיקע ציין —
זיינען זיי ליכטיק און שיין,
וואַקסן זיי הויך און שלאַנק,
לויכטן אין פרייד אויף דער וועלט.

נו, צו אונז איז דאָס מזל געקומען צוגיין
שוין פאַרנאַכט.
פאַרנאַכט.
און אַז צייט זיך געאײַלט,
און ביים נאַכטיקן שיין
אונזער דאַך באַדעקט מיט שטרוי,
און אויף אונזערע קינדער
געוואָרפן אַ לייכטן בליק,
און — זיך אויסגעדרייט באַלד צוריק,
און אַז אַ גוטנאַכט אַרוים
און פאַרשעמט אונזער הויז.

און צו דיר

און צו דיר, אברהם, שוועסטערקינד מיינס,
האב איך אין אַ בריוו אַזוי געוואָלט שרייבן:

ווי זאָל איך דיך אַהערצו ברענגען,
ווערן אַ בעל־תפילה ביי אַן עמודל,
צי פירן אַ וועגעלע מיט רעשטלעך סחורה איבער גאַסן, —
אַז איך קאָן אַזוי דיין זיידן איידלגעבורט,
אַז דיינע גלאַנציקע תפילין,
קרוינען מיט הייליקייט דיין קאָפּ.
ביזט מיר אַ דערמאָנונג
פון אַ מונטערע צייט,
ביזט מיר אַ פאַרזיינגען זיך מיט זיך
פון אַ ברעג פון וואַנען טויזנט שיפן גייען אָפּ
אין ים פון אייביקן וואָגל.

איך האב דיר נישט געשריבן,
און ביזט סיווי פאַרבליבן,
אין דיין איידל וואוילגעבורט.
דאָס נישט־פאַרוואָכיקטע זיידנקלייד,
און געפּוצטע שטיוויליעטן לכבוד שבת
פון ירושה־לייכטער פון דער מאַמען פאַרן ווייב,
פון מזוזהלאַך אין זילבערשיידן
אויף די קינדערשע העלזער.

און יעדן אינדערפרי טרעטסטו פאַמעלאַך
אויף די טרעפּלאַך פון רב אשר׳ס שולכל צו דעם ערשטן מנין.
אויפ׳ן הימל בלייבן זיך נאָך אַ פּאָר שטערן,
און אין די שמאָלע הויכע אָפענע פענסטער,
אַ פריער אויפגעוואַכטער פייגל
טוט דיין זיסן קול, דיין דאַווענען הערן.

ביז איצט

1

און מיין ביז איצטיק לעבן רעדט
און לערנט מיך.

קלייבסט זיך תמיד אָפּצוגיין
אין ווינקעלאַך, אין קליינע טעג,
אין גוטער אָפּגעזונדערטקייט,
אין איינגערוטן טאָן:
אַזוי איז מיר באַשערט —
אין הינטערגאַנג נאָך אַלעמען
צו אונטערגאַנג.

גייסט, גייסט.
זעסט דאָרע ביימלאַך
אַרויסשטעקן איבערן פּלויט
פון אָרימען הויף.
שטעלסט זיך אָפּ, קוקסט:
דאָ וואוינט אַ נאָנטער,
דאַכט זיך אַן אייגענער,
אַן אָפּגעטריבענער. —

מיט וואָס האָט ער זיך אומגעטריבן
אויפ׳ן גראַשנדיקן רויען מאַרק.
ביי וועמען האָט ער זיך געבעטן,
און ווען איז ער אַרונטערגעפאַלן
פון שלעכטן ביטערן בזיון
און אָנגעהויבן בעטלען. —

און ווען האָט ער זיך אויסגעזוכט
דאָס דאָזיקע שטיבל אין הויף
וואו די ביימלאַך דאָרן קראַנק
ביימלאַך וואָס שטאַרבן.

און מיין ביז איצטיק לעבן רעדט
און וואָרנט מיך:

גיי אַוועק פון דאַנען

גיב נישט נאָך דיין מיד געמיט.
דיך ציט אריינצוגיין אין הויף
אין דער געבראָכענער נאָכגיביקייט
פון דער פארכאָליעטער אָרימקייט,
וואו דער שטויב ווארימט,
וואו דער קראנקער גלאנץ
פון פארנאכטיקער זון שפילט מיד
אין ווינקל וואו דער אלטער זייגער הענגט,
און טיקט די אָפגרונטיקסטע אומעטיקייט.

גיי נישט אריין אהין
כאטש מ'וועט דיך פארבעטן זיצן
לעבן פינסטערן טיש,
כאטש מען וועט רעדן צו דיר ליב,
ווי צו א ברודערלאכן גאסט.
ווייל די הכנעה פון די פארזעענע,
איז תמיד ווי אן איינגעשטילט געוויין,
און וויל זיך צוטוליען מיט איר רחמנות
צום מינדעסטן וואס טוט א גוטן בליק,
און רעדט מיט א ניט הויכן קול.

אויך דו ביזט אזוי.
איך וויים.
אָבער וויפיל מאָל האסטו זיך אויסגעגלייכט
און פון אונטער אומגליק ארויסגעקראכן,
האבן מענטשן דיך באגעגנט און געזאגט:
ביזט אלץ נאך אזוי יונג ווי תמיד,
און זעסט נאך אויס אזוי ווי
פריער מיט זיבן יאָר.

ווייט און העכער אויף די גאסן,
איז אויסגעפאלן אזא העלער גרין.
שטייען קליינע, שיינע שטיבער,
און צעוואקסענע טאָפּאָלן.
און דורך די ווענט און פענסטער
שפיל פון קינדערשע פינגער

אויף צוליכטיקטע קלאווישן.
אויך דארט זיינען אַלטע דאָ
זילבערווייסע.
גייען מיט אַ העלן וועג
צו גאָט און פרומקייט.
זאגן תפילות
מיט קלאָרע אויגן.
גאָט, אָבינו, אונזער פאָטער,
אפגעלעבט איין וועלט אין פרידן,
גייען מיר איצט אין אַ צווייטער.

און דאָ,
אויף קרומע סטעשקעס,
שטענדיק אומעט פון ניט־קומען,
פון ניט־ליבשאפט, פון ניט־נאנטקייט,

ווערן אומעטיק און גרוי די ביימלאַך
אין די הויפן.

ווילן ניט גרינען
פאַר די טויבע פענסטער,
פאַר די פינסטערע טישן.

און עס קומט נאָך נישט דער אַלטער
דער וואָס איז אין אַלע מעשה׳ס אזא גוטער.
און ער שפרייט נישט אויס די ווייסע הענט
אויף די קעפלאַך פון די קינדער,
איידער כאטש זיי גייען שלאָפן
אין די ענגע ווינקעלאַך.

.2

און מיין ביז איצטיק לעבן רעדט
און לערנט מיך.

איך האב דיך אפּהיטן געוואָלט
און דיך געוואָרנט, דיר געוויזן,
און דו האסט מיך נישט פארשטאַנען.

האסט זיך אומגעקערט פון דורכפאַלן,
זיך צוגערוקט צום וואנט, גערעדט, געוויינט,
און שטיל געבליבן.

האסט מער קיינעם נישט געהאט.

צונויפגעקנוילט מיט ליב און לעבן
אונטער זיך,
איז גאָר די וועלט געוואָרן
לייַדיקייט און שווערקייט
אויף דיין ברוסט.

האָב איך דיך ווידער צוגעטוליעט
צו מיין רעכטן אָרעם:
קינד.

ווי וועל איך קאנען נאכקוקן
און שטענדיק היטן דיינע טריט.
ווי וועל איך קאנען נאָכגיין דיר
און אָפּהיטן דיין אויג און האנט
פון פרייד און סם און וואקל.
און — כ'האב דיך אָפּגעלאָזט.

איך האב געזען,
ביזט אַן אומעטיק אינגל,
פארקלייבסט זיך פארנאכט אין ווינקל,
טונקל, לאנגוויַיל, שטומע ביכער,
גייסטו צו צום פענסטער
זעסטו: זומער, ביימער, שליאכן, פרויען,
און — אונטער דיינע טריט ליגט שרעק
און שעמעוודיקייט אין דיין הארץ.

קליין און טרויעריק, א מידע וועלט,
ביזטו געגאנגען צווישן אלעמען
און אויפגעקליבן אינם רעש
אביסל דרייסטקייט.

און ביי א טיש, צעווישן פריינט
האסטו דערזען, האסטו דערפילט
די ווארימקייט פון שיינע נאנטע אויגן
איבער זיך.

און א טרייסנדיקער צוזאג
פון א חנ׳עוודיק מויל.

נאך יענער קליינער פרייד
פון העלן ווייסן קלייד
און אפגעזונדערטקייט —
(דער אוונט האט זיין באזונדערן וועג
אין יענע גרינגע פלינקע טעג)
האט אזא טרויריק פארגעפיל געגאנגט.
געזאגט, געזאגט און ניט־דערזאגט.
נאכט מיט ווייט און ווייט און ווייט.
נאכט מיט שפעט און שפעט און שפעט,
די יונגע בליאונג פון לייב בעט:
גלעט מיין לייב מיט דיין לייב,
קוש מיין מויל מיט דיין מויל,
ברען מיין אויג מיט דיין אויג.

און

די פארלאזנקייט איז שווער.
זי איז בייז און שלעכט ווי א שלאנג
זי טרייבט אום פון גאס צו גאס,
פון שטאט צו שטאט
אוןווארפט דיך צו די פיס
פון א הילפלאזן גאט.

כהאב דיר דאן געזאגט:

נעם זיך איין, נעם זיך איין.
זע דעם קליינינקן מאן

וואָס טראָגט וואַסער פון ברונעם
יעדן אינדערפרי אין שטוב אריין.
נאָכדעם גייט ער צו זיין ארבעט אוועק,
און פאַרנאַכט קומט ער אהיים צוגיין
און שפּאַרט זיך צו צו זיין שטוב, צו זיין קינד.
און זיין ווייב איז ניט שיין.
און זיין נאַכט איז מידע רו
און ער הערט זיך קיינמאָל נישט צו
וואס עס טוט זיך אַרום און אַרום.

קומט א בעטלער אויף קוליעס, קרום,
דערלאַנגט ער אים א גראשן אין האַנט,
און דער בעטלער גייט אוועק זיין וועג
אין אַן אַנדער שטאָט,
אין אַן אַנדער לאַנד.

ער וועט קומען איבעראיאָר צוריק אהער
כאטש אויף קוליעס גייט זיך שווער.

און —

נאָך דאָ אזא פרומקייט אויף דער וועלט
ווען מ'איז אליין, מיט זיך אליין.
און מ'האט נישט צו וועמען צו גיין,
און דאָס הארץ איז אָפּגענאַרט,
און דריקט זיך צו דער וואַנט ביינאַכט.
און איבער דער ערד שלעפּט זיך נאָך דאָס לייב,
דער גוף וואָס איז זאמד און שטויב.
נאָר דאס זאמד איז מדבר־זאמד,
און גליט און ברענט און סמ'ט,
און לעשט דאָס אייגענע בלוט,
מיט קללות ווי א פייערדיקע רוט.
נאָר נאָכדעם — פאַלט מען איין,
מיד איז דער נאַכטיקער שיין
דורכן פענסטער.

און —

א פרומקייט גייט אויף

פון דער פּיין אין געפּייניקטן גוף
און לייגט דיינע הענט צונויף
אויפ׳ן ברוסט אין אַ מידן קרייז.

אַן שלאָף וועט די נאַכט פאַרביי
נאָר דער טאָג קומט אָן גרינג און פריי
פון דער וועלט, פונם אייביקן וועג
פון דער ווייט, וואָס האָט נישט קיין ברעג.
פון דער צייט וואָס זעגט מיט איר זעג
און זשומט צו דער זון איר געזשום,
באַשטענדיק און שטענדיק און פרום.

מיין אינגעלע

מיין טאָג ארום מיר — אַ רינגעלע.
איך בין קליין און אין דער וועלט פרעמד.
מיין חלום — אַ דין קליין אינגעלע,
אין אַ שניי־ווייס לאַנגן העמד.

דאָס אינגעלע איז אין וויג געלעגן,
און איך האָב די וויג געוויגט.
דורכן פענסטער, אויף אַלע וועגן
האָב איך שלוחים אַרויסגעשיקט,

זיי זאָלן געפינען און ברענגען
דעם אינגעלע די טויב פון גליק.
כ'וועל אַלע פענסטער פאַרהענגען
ביז־וואַנען זיי קומען צוריק.

שלאָף איין, שלאָף איין, מיין אינגעלע,
שלאָף איין מיין אומעטיק גליק.
כ'שמיד ענגער מיין טאָג, מיין רינגעלע,
ביי אינגעלעס חלום אין וויג.

אָנדענק

אַ וואונדערלאַך קינדערש האַרץ,
וואָס שלאָפסטו אזוי שפּעט אין פעלד —
דער שניי האָט זיך שוין היינט פאַרלאָשן,
און די זון זוכט דיך אַרום.

כ'רוף צונויף פון וועג די שטיבלאַך,
און מאַך דיר אַ שטילן דאָרף.
קום אַריין אַהין אין פרימאָרגן,
און זע וויפיל קליינע קינדער.

דערקאַנסטו זיי דען ניט, אַ ליבשאַפט,
וואָס ביזטו געבליבן שטיין ?
דערזעסטו זיי דען ניט, מיין ליבשאַפט, —
זיי זיינען קליין ווי דו אין שיין.

אַ וואלקן גייט אויף אין מערב,
אַ וואָלקן פון וואַלד גייט אויף.
מיין קליינע שיינע ליבשאַפט,
שטייט פון איר שלאָף נישט אויף.

ליבשאַפֿט

די גוטע ווערטער בעטן איבער,
די שלעכטע — מאַכן בייז און האַרט.
איך וועל דעם שווערן טאָג אַריבער,
און ברענג די ליכטיקייט ביינאַכט.

איך טראָג אויף זיך צען שווערע עול'ן
שוין איינגעוואַקסן אין מיין ליב.
און טו די האַרטע שעה'ן מאָלן,
ווי שטאָל אויף דינעם דינעם שטויב.

דער ערשטער אָטעם פֿונם דרויסן,
דער ערשטער לאַמנפּשיין ביים ראָג,
טוט גאָר די גרויע נעץ צוריַיסן
וואָס האָט אויף מיר פֿאַרוועבט דער טאָג.

און אויף די ליפּן שטילע קושן,
און דאָס געמיט איז אָפֿן, ברייט,
כ'וועל דיינע דינע הענט אויסקושן,
ביים וויַיסן טיש, וואָס האָסט פֿאַרשפּרייט.

#ביים זאַק

ווען איך וועל שוין מוזן קומען צו אייער טיר,
מיט ווידוי אויף מיינע טרוקענע ליפּן
וועט שוין דאָס לעצטע קלייד אויף מיין גוף
הענגען אַלט און צופליקט.

פון יעדער נאָנטקייט אָפּגעריסן,
פון יעדער גוטסקייט אָפּגעטריבן
און די שמייכעלאַך, רחמנות'לאַך,
מתנה'לאַך פון דער אויסגעצויגענער האַנט —
אַליץ האָב איך אָפּגעוואָרפן און פאַרברענט.

ניט מיט קיין זיידפּאַדים, ניט מיט קיין שטריק
בין איך צוגעבונדן דאָ צו עמיצן.
הויל הענג איך אין אייער גאַס.

נאָר דאָס שטיקעלע ברויט אייערס,
צו וואָס מיין מאָרדע שטרעקט זיך נאָך,
רופט מיך ווי א מויז אַרויס פון לאָך,
און איך קום דערנידריקט און שפּל,
און עס זיך אָן ביי אייער גרויסן זאַק מיט מעל.

פאַרוואָרף —

האסט פארזען מיין בליאונג.
און פארהערט מיין רופן,
אין דיין מידן וואכן,
אין דיין מילדן שלאָפן.

האָסט אליין אין חלום
דיינע הענט געהויבן
צו אַ ווייטער ליבשאפט,
צו א ווייסן גלויבן.

און איך בין געלעגן
ביי דיין לייב אין ליידן,
אין געוועב פון דיינע
שפינוועבסן און זיידן.

נאָר אמאָל, אַ רגע,
ביזטו צוגעפאלן
צו מיין קליינעם קערפער
מיט אזויפיל שטראַלן,

מיט אַזויפיל ליבשאפט,
מיט אזויפיל אויגן,
און איך האב די שיינקייט
פון דיין הארץ געזויגן.

און מיין קליינער קערפער
האָט אזוי געלויכטן,
פאר דיין בלייכן פנים,
פאר דיין בליק דיין פייכטן.

פאַרנאַכט

1

און איינמאָל, איינמאָל,
ביזטו אנגעקומען אין אוונטליכט צו מיר,
גאָט.

ביים וואַנט פון מיינע פענסטער האט געבליט
די לעצטע גאָלדענע שעה פון טאָג.

אין אַלע מיינע קליינע צימערן,
אין אַלע מיינע ווינקעלאך,
ביזטו געווען.

ווי אַן אַלטער זיידע ביזטו געזעסן
אויף דיין שטעקן אנגעשפאַרט.

און אויף די אָדערן פון דיינע הענט
און אויף די קנייטשן פון דיין שטערן,
און אויפ'ן שלאַנגענקאָפּ פון דיין אַלטן שטעקן,
האט די לעצטע רויטע שעה פון טאג דערברענט.

2

צו טויזנט מענטשן קער די גאס
און איינע צו די צווייטע קרובים
און איך — דער לעצטער הינטער זייער וואָך,
דער עלנטסטער אין זייערע יומטובים

מיין שוועל ליגט גרוי, פארנאַכטיק
הינטער אַלע שוועלן.

מיין קאַץ זיצט געדולדיק דורך די טעג
צום זוניקן ווי צום פארשנייטן דרויסן,
און קוקט אַרויס אויף משיח'ן.

באַשערט

כ'בין געפאַלן אויף אייך ווי אַן אומזיסטער עול.
אַ פרעמדער, אַ לעצטער, אַ שפּעטער,
אין אייער פריאיקער וועלט.

איך האָב צו אייך טענות אַמאָל,
און איך גראָב אויף אייך חשד, און —
איך זוך אייער אויג,
אייער אויג זאָל מיך רופן צו זיך.

איך זינק דאָך פון בענקשאַפט צו דר'ערד —
נאָך אייער פאַרשלאָסענער טיר,
נאָך אייער פאַרפלאָסענעם וואָרט
פון אַמאָליק געגנאָד.

מיר איז וואַקל באַשערט.
מיר איז נאַקעטער עלנט באַשערט.
טויטלאַכער טרויער באַשערט.

מיר איז פרוקייט אין שטומקייט באַשערט.
מיר איז זייטיקע ווייטקייט באַשערט.
באַהאַלטענע אַלטקייט באַשערט.

אַ הערבסטליד

אונטערן שאַרפֿן אָטעם פֿון הערבסט ברענט רייף די וועלט,
פֿאַרביקט קלאָר אין טיפֿע רויטן און בראָנזן.
בלויע לויטערקייט און ברייטע אָפֿנקייט און ליכט
צועפֿנט זיך אין העלן בלאָנד דאָס בלאָנדזשען:
צען וועגן ליגן קיל אין אומענדלאַכע ווייטן.
איין פֿויגל פּיקט נאָך דורך דעם קאַלטן וואַלד,
איין וואָגן פֿאָרט נאָך פֿרי פֿון דאָרף אין שטאָט אריין.
אָ פֿריער־קעלט־קרישטאָל ביי טוירלאַך פֿון דערפֿער,
אויפֿן קאַלטן טוי פֿון ליכטיקע פֿרימאָרגן־רעלצן
ווען די באַן יאָגט גרינג אַנטקעגן דער ווייכער זון —
דאָרט אין די ווייטן ליגט דאָס לאַנד פֿון אויפֿגעאַקערטן גאָלד.
די ווייט פֿון בלויע מיילן וויקלט זיך און וויקלט זיך
און לויפֿט צום לאַנד פֿון אויפֿגעאַקערטן גאָלד.

אָנהויב־סוף

איך וואוין אין ווייטן עלנט, גאָט,
פון אַלעמען, פון איטלאַכן.
אויף דיר נאָר וואַרט איך,
איך מיין: אָט היינט פאַרנאַכט
וועסטו שוין אָנקומען.

איך וואָלט געוואָלט אַזוי
אַז דו זאָלסט זיין
אַ פּראָסטער,
גאָט.

אַ פּשוט'ער
אַזוי ווי אַ איד,
אַן אָרימאַן
פון אַן אָרימער וועלט.

אַלע; אַלע
זיינען מיר אָרימע.
וואָס מיר האָבן — גרויט,
און אומעטיקט מיט וואָך
ביז איבערן האַלז.

איבערגעלעבט האָט מען שוין אַלץ,
אין נאָכוויי פון אַ גרויסער צייט ציט נאָך
און רופט צוריק, צוריק,
און — צוריק איז וויסטע וועלט.

ווייל,
וואָס קאָן מען דען פאַרשטיין
פונם רויש און אומעט־יקן קול
פון בוימלאַך ביי אַ שול.

וואס ווייסט אַן אָרימאַן,
אפילו אַן אליהו־הנביא'דיקע

פון דעם וואס דארף זיין
און וואס דארף אנקומען
מארגן צי אַן אנדער צייט.

מ'האט אונז געפירט
אין אַ שרעקעדיקער גוייאישער גאַס.
דער קלויסטער האט געקלונגען
און מיר האבן געדארפט ארויספאָרן פון שטאָט,
און אט זיינען מיר אנטלאפן איבער אים —

און איך — בין אָפּגעבערעקלט פון פאָלק,
און איך בין לעצט און וויסט און ווייט,
און ווייס אַ שווארצן סוד.

און איך וויל איינשטילן, איינשטילן,
איינשטילן מיט זיך און זוך אַ וואָרט.
דאס וואָרט איז: אידיש
און איז מיר אַ בוים
מיט קארשן, ווייַן און זון,
נאר — אויף פלויטן און אויף ווענט און בוימער
גלימערט רויט דאָס בלוט און גאלד פון הערבסט.
וואָס פאר אַ שארפער שיין.
וואס פאָר אַ טיפער שיין,
עס שווייגט איבער דער ערד.

איך וואוין אין ווייטן עלנט, גאָט.
אויף דיר נאָר וואַרט איך.
איך מיין: אָט היינט פארנאכט,
וועסטו שוין אנקומען.

די אַלטע זון

דערקאָן איך זיך:
כבין פֿון אַ קלײנער גאַס,
כהאָב אַן אַלט הויז,
ירושה און גאָט.

ס'איז מיר פֿאַרזאָגט געוואָרן
נישט צו פֿאָרן אין די ווײַטן,
נישט צו בענקען אין קײן לענדער,
און אָפּהיטן די שוועל.

וועט דען נאָכאַמאָל דאָ אויפֿשײַנען
דאָס גרויסע ליכט פֿון אַלטע טעג
וואָס דער בראַצלאַווער, רב נחמן,
האָט אָנגעצונדן?

דאָ שטײט פֿאַרשריבן אויפֿן בית עולם
אויף די בלעטער פֿון מצבֿות,
דאָס וואָרט פֿון גאָט.

אָט־די אויסגעהאַקטע שורה'ס
האָבן אויך אין זיך אַ ניגון
פֿון שבתדיקן תהילים
אינדערפֿרי.

אונטער בוימער, גאַנצע טעג
גײט אַרום דאָרטן אַן אַלטע שטילע זון
און זעצט זיך צו פֿאַרנאַכט
בײַ די שוועלן פֿון די אוהל־שטיבער.

קינדערש

כ'קאָן מער נישט אריבערטראָגן
ווי די געציילטע שעה'ן פון טאָג,
אין פריען אָוונט וויל איך מיין היים.

אז איך בין ווייט אין אן אנדער שטוב
רייס איך זיך, קוק אין די פענסטער,
און וויל אהיימגיין.

עס קומען אָן אין שטאָט
אַקטאָירן, זינגער, אר — טיס — טן — —
זיי שפילן און זינגען און מאכן חנ'ען,
מיינע וואוילסטע פריינט, גאנץ קלוגע,
האב איך שוין געזען אמאל וויינען
פון זייער נארישקייט.

און איך בלייב אליין אין שטוב
מיט עטלאכע אלטע שמות
פון קראנקן בראצלאווער,
און פון געזונטן בעל שם טוב,
איך טראכט פון מיין אייגענעם חלום,
וואָס גייט מיר לאיבוד אין א קינדערש קנייטשן זיך
און אין קלייניקייטן, לידער, א פרוי,
א צופאל וואס צעפאלט זיך אליין.

אָט —

מאָרגן בייטאָג וועל איך ווידער ארומגיין
אויף די סטעשקעס אין פארק וואו די זון ליגט.
און כאטש איך וועל פילן אז דאס העלע גרין פון גראָז
איז א „דערקוויקונג פאר מיין אויג,
וועט דאך זייער נאריש־זיין פון מיר
זיך וועלן איינרעדן א צווייפל,

צי כ'בין אן אפגעלייקנטער ווערט
פאַר דער גאַנצער שטיק וועלט און ערד
אויף וועלכער מיין דור פאַשעט זיך.

איך בין עלטער פון די אַריבערגעקומענע זיידעס
וואָס לעבן דאָ אויף פעטע טרויעריקע קעסט
ביי די זאַטע פרעמדע טישן פון די זין.

איך גיי אַרום ביים סאַמע סאַמע ברעג
פון היגן טויבן רויען לעבן,
און בין צופרידן אַפילו
וואָס אַלע זיינען פאַרטריבן אין רויך פון מי,
און אויף דעם העלן ברייטן מיטנטאָג
שטייען די ריינע שיינע שטיבער, די ביימער,
די גערטנדלאַך ביי שוועלן, דער ברייטער הימל,
מיט זיינע שפּילעוודיקע קליינע וואָלקן אין זילבער,
איך זעץ זיך אויף אַ באַנק אין פּאַרק
לעג אַן מיין קאָפּ אויפ'ן פאַרענטש,
און הער ווי דאָס זוניקן פון דער זון
זשומעט, ווי ס'וואָלט זיך עפּעס דיין, דין געשיט
ווי דורך אַ גאָלדענער זיפּ.

און דערפון איז אַלעמען וואַרעם.
און די ביימער אין פּאַרק זיינען זאַט,
און דאָס קינד דאָ אויף דער קופּע זאַמד
שפּילט זיך און פאַרגעסט זיך.
און — איך פאַרגעס זיך אויך.
די וועלט איז מיר אַ היים.
און איך פאַרגעס זיך אויך.

ברידער —

.1

ברידערלאך,
איר זענט געבליבן קליין,
און זיצט ביים טאטנס טיש,
לייטישע און גוטע.

די מאנאטאניקייט
פון דעם ירושה־זייגער
דרימלט איבער אייך.

די וועלט,
די גרויסע וועלט,
און די שטעט און שטיבער,
וואס איך בין דורכגעגאנגען,
לאזט אייך גריסן.

זי האט געהערט פון אייך,
פון די בית־מדרשלאך,
וואו איר זיצט אפ די פארנאכטן,
וואו איר פארציט די נעכט,
און האלט זיך ביי דער פאלע
פון פרוכת אויפ׳ן ארון קודש,
זי האט געהערט פון אייך,
און לאזט אייך גריסן.

און זי בעט אייך:
גייט נישט צו די פלויטן
וואו ס׳גרעניצן זיך לענדער.
ציט ניט צו די ברעגן
וואו ס׳גייען אפ די שיפן.
אוודאי זיינען דא אויף ווייטע ברעגן
לענדער גאלדענע.
פעלדער יונגע,
נייע זונען,

נאָר איר זייט געבענטשטע
מיט קינדערשער תמימות.
און איר זענט שיין געבליבן,
צו קאנען איינהילן
אין שטילן זייד פון ניגונים
די שטאַרקע תהילים-לידער,
וואו די זינגענדיקע קלוגשאפט
און די קלינגענדיקע ליבשאפט פון שלמה'ן
יוירט ווי אייזנדיקער וויין.

.2

אויפ׳ן טאַטענס טיש,
איז דער וויין נאָך הייליק.
דו מיט מיר, פון ווייטער וועלט,
פון ווינט און זינד געשלאָגענע,
מיר זיצן דאָר און מיד,
און אָפּגעפרעמדט.

ער קומט צוגיין פון שול
מיט גאָט אונטערן אָרעם.
אויך איבער אונזערע קעפּ,
גייט דורך זיין בענטשנדיקע האַנט,
און די גוטסקייט פון זיין קול
קערט אונז אום צו זיך.
גאַרטלט אונזער דיך:

פאַרן אָפּקומען,
און פאַרן אומבלאָנדזשען,
און פאַרן פאַלן פאַר די קאַלטע טרעפּ,
אין אָפּגענאַרטע הייליקייט,
אָ, רייניק, רייניק אונז,
אונזער וויים-געוואָרענער פאָטער.
גיב אונז, גיב אונז
טראָפּנס, טראָפּנס רו,
פון דיין גאָלדענעם בעכער.
און שטיי פאַר אונז,
העכער,
העכער,
העכער,

אונזערע קעפּ געבויגענע
צו דיינע גרינגע פיס.

הערבסט

כוועל גיין צום קאַלטן וואַלד
ביי דעם ברעג פון באַרג.
וועל קלייבן בלעטלאַך געלד
פאַר דיין בערגל ערד.

גאָט, אָ גוטער גאָט,
וואָס דו מאַכסט מיך אַלט,
פריי׳ר פון אַלע אַלט,
כזע דיך לעבן זיך,
כפּיל דיך לעבן זיך,
און גיי צום קאַלטן וואַלד.

ביימלאַך ווערן שוין רויט
ביים זוים פון גרויסן באַרג.
פריער, שיינער הערבסט,
העלע טריט פון טויט.

גאָט, אָ גוטער גאָט,
דורכן טריבן רויט
קוקסטו איצט אויף מיר
מיט אַ גאָלדן אויג
ביים ברעג פון קאַלטן וואַלד.

איך חיים קרול

פאַראַנגען עטלאַכע מענטשן,
מיין בלוט און פלייש,
פון אונטער איין שווער מזל,
און פון אונטער איין וואַרים האַרץ —
איך טאָר פאַר זיי מיין עלנט ניט באַהאַלטן.
כ'וואָלט דאַרפן קומען רוען לעבן זיי,
און זייער טרייסט פאַרנעמען —
בין איך פון זיי דערוווייטערט,
האָב זיך פון זיי פאַרפרעמדט.

נאָר אַ קראַנקער אָרימער בחור,
מיין איינציקער פריינט אין שטאָט,
קומט מיר לייענען זיינע לידער,
זיינע לידער, קליינע,
קליינע אומעטיקע קינדער,
אין אַ ווינטער פון ווייסן טויט.
און אַז דער בחור גייט אַוועק,
גייען אַוועק עטלאַכע טעג,
דאַכט זיך מיר נאָך אויס,
אַז פוניענערזייט טיר,
אויסגעצויגן אויפ'ן שוועל
ליגט דער אָרימער בחור,
און לייענט מיר זיינע לידער.

און דו,
פון אונטער איין האַרץ מיט מיר,
פון הינטער איין אָרימען טיש,
וואַרטן — כאַטש פון מיר אַ בריוו.
שיק איך זיי אַמאָל אַ גרוס,
אין די עטלאַכע שורה'ס
עפן איך צו זיי מיינע אויגן,
נאָר די טרערן לעש איך אויס

נאָר פון זייערע ענטפערס
רעדן שטיל זייערע ליפּן:
פאַרוואָס וויינען דיינע שורה'ס?
קום צוגאַסט צו אונז,
באַקאַנטע פרעגן זיך אויף דיר,
קינדערלאַך זיינען אויפגעוואַקסן.
ווילסטו גאָרנישט זען אַמאָל
ווי קינדער זיינען ביי אונז אויסגעוואַקסן?
ווילסטו גאָרנישט גיין אַמאָל
אויפ'ן קבר פון דער מאַמען?

קומט אריין דער געבויגענער בחור,
מיט אַ נאַסן גרויען הוט,
מיט רעגן־קילקייט אויף די אַקסלען.
גיי איך אים אַנטקעגן צו דער טיר,
און צי אַראָפּ פון אים דעם מאַנטל,
דערלאַנג אים אַ שטול, —
מיר איז אַזוי ליב און גוט
אים צו באַדינען.

לייען איך פאַר אים מיין שוועסטערס בריוו.
רעדט ער צו־מיר גוטע ווערטער,
צינדט אָן ווייסע ליכט פון ווערטער,
לייכט־אויף שבת אויף מיין פּנים,
פירט ער מיך אַרויס פון אומעט
ווי פון אַ קאַלטער הייל.

ער, אַזאַ מין אָרימאַן,
אַזאַ געבויגענער,
צו־דר'ערדיקער,
הויבט מיר אויף מיין קאָפּ.
ווייזט מיר אָן אויף אַזאַ ליכטיקן
און שיינעם מאָרגן־קומען.

מיט ווייסע, ליבע הענט,
רעדט ער, רעדט ער,
רעדט ער, שפּרייט ער,

ווייט ער מיט די הענט,
ווערט אין מיין שטוב א ווייסקייט,
ווערט אין מיין שטוב א גוטסקייט,
און איך דערמאן זיך,
אז עטלאכע מענטשן זיינען דא
פון אונטער איין ווארים הארץ מיט מיר,
וואוינען זיי אין אן אנדער שטאט,
לעבן זיי אין קליינע שטיבער,
וואקסן ביי זיי שיינע קינדער,
וועל איך צו זיי פארן
זיצן ביי זייערע טישן,
וועל אפשר מיט זיי פארבלייבן
אונטער דער ווארימקייט פון איין הארץ,
וואס האט אונז אויף דער וועלט געבראכט,
און אויף דער ערד אונז ארויפגעפירט.

נאָנטסטער

נאָנטסטער,
דו טײלסט מיט מיר
דײן ביטערן ביסן,
דײן וואונדיקע אומרו,
און בײדע זיצן מיר
אײנגעבויגענע
איבערן רעטעניש
פון אונזער מזל,
ווי אַלטע אידן
איבער הײליקע ספרים.

דו דרינגסט אַזוי
און איך דרינג אַנדערש.
דו זעסט אַזוי,
און איך זע אַנדערש.
מיר האָבן זיך בײדע צוגעהערט
צו טויבע בלינדע ווענט,
און וואָס האָבן מיר געהערט?

אונזערע ווערטער,
אַלעמענס ווערטער
זײנען טויב,
און דער טומאַן
פון אונזער גראָער ערד
גײט נישט אָפּ.

מיר,
מיר טוען נישט אונזער חוב.
מיר צאָלן װײניק,
און צאָלן גאָרנישט
די באַלעבאַטים פון דער ערד,
פאַר אונזער אָפּגעדונגען דירה׳לע.
און מיר זײנען שולדיק פאַר נאָך זאַכן.
נאָר די ערד איז דאָך ניט צו שלעכט צו אונז
און זי לאָזט אונז נאָך אַמאָל
אַרויסרײסן פון אירע בײטן
אַ פרילינגדיקן ציבעלע גרעזל,

אַ רויט קליין רעטאַכל אַרויסגראָבן,
און ברענגען עס צום קינד
צום רייפּטל פּוטערברויט.

מיר צאָלן ניט אונזער הוב.
דערפאַר אַזויפיל שולדיקייט
אין מיינע און אין דיינע רייד,
און אין אונזער שווייגן.

די לבנה וואָלט געווען פאַר אונז
אַ בעסער לאַנד.
פאַראַנען נעכט,
ווען אויף די פעלדער שפּרייטן זיך
און עפענען זיך הונדערט וועגן צו איר.
מיר זיינען שוין אַ סך מאָל געגאַנגען
און — ניט דערגאַנגען —

דער אַלטער פרימאַרגן
איז אונז געבליבן שטיין אַנטקעגן
מיט לאַנגע קוימענער,
מיט שטיקער סוף־שטאָט,
מענטשעלאַך, מענטשעלאַך
האָבן זיך אויפ'ן שליאַך באַוויזן
מיט זעק, מיט העק, מיט לייטערס,
מיט האַרטע קעפּ, פאַרפלעקטע היטלען.
און אין מזרח איז געקראָכן די זון
ווי פון אַן אַפּטריט.

נאַנטסטער,
דו האָסט אַ קינד,
און איך האָב איינס,
דו ברענגסט אים מעשות
פונם מאַרק פון דער וועלט,
איך אויך אַזוי.
נאָר דאָס פּנים פון דער וועלט
וועלן אונזערע קינדער נישט קאָנען.
פון אונזער קול
דערהערן זיי,

און זוינגן איין אין זייער לייב
פרעמדקייט און ניט־גלויבן,
און אומצוטרוי,
צו גאָט
און מענטשן.
און אַן אָפּהאַלטן די טריט
פון יענע הויכע שיינע גאַסן
וואו אַלע האָבן געפונען אוצרות
און פאַרפלאַנצט זיי אין אַ זיכערקייט
ביזן לעצטן וואונדערלאַכסטן אויפשטייג
פון ניו־יאָרק.

מיר,
מיר טראַכטן נאָר
פון אַריינשרייבן און צושרייבן
אינם קאָנווערט פון אונזער צוואה
אַז נאָך אונזער צומאַכן־אַן־אויג,
זאָל מען אונז אַרויספירן פון ניו־יאָרק
אויף אַ דאָרפישן בית עולם.

ער זעט

די וואַרטסט אויף דער גאָלדענער שעה,
און די גאָלדענע שעה איז אין עק פון דער וועלט.

די גאָלדענע שעה איז אַ פויגל אַזאַ
וואָס וועט זיכער נאָך קומען־צופליען אַהער.

איז נישט היינטיקן טאָג איז איבער אַ יאָר,
דערווייל וועלן זילבערן־זיך מיינע האָר.

און דיינע האָר — גאָלד, קליינער אינגל אין הויף —
ער קלעטערט דערווייל אויפ׳ן פּאַרקאַן אַרויף,

און קוקט אין דערווייט, און ער זעט און ער קוועלט
ער זעט אַזוי ווייט ביזן עק פון דער וועלט.

בליאונג

דא, אינדערהויך פון מיין פענסטער,
פון מיין פארשטומטער שטוב,
זוך איך די ווארימע ליבשאפט
פון שכנס שיינעם ווייב —
איר פנים גייט אויף יעדן טאג
מיט ווייכע קושנדיקע אויגן
ביים אנטקעגנדיקן האריזאנט פון פענסטער,
און איך ווער ווי א דערנערדיקער קוסט,
ווען די צווייגן פון דער פארנאכטיקער זון
שפריצן אויף אים מיט רויטן בלוט,
ווי צושניטענע מיידלשע פינגער.

פולער

אוי, ווי שווער, ווי שווער פאַר מיר, —
אָן תכלית און ווי אין מיסט
טרעט איך אין דער וויסט פון טאָג.

מיינע פריינט מיט זייער שיינעם חלום
וואַרטן אויף אַ גאָלדענעם מאָרגן,
אויף אַ גינגאָלדענעם איבערמאָרגן
וואָס מ'האָט זיי צוגעזאָגט,
דורך פרומע טאַטע־מאַמע,
דורך הייליקע ספרימלאַך,
דורך אומהייליקע וואָכעדיקע ביכער.

מיינע יומטוב'דיקע ליכט
האָט דער טויט פאַרלאָשן.
און אויף מיין ווייסן טיש.
געשאָטן אַש פון יאוש.

ערגעץ רוף איך
מיט פאַטרערטע ווערטער.

ערגעץ הערט מען
מיינע רופן.

נאָר איך וואַרט נישט
אויף קיין אָפּרוף.

איך ווער פולער,
איך ווער שווערער
מיט בליי פון טויט.

לבנה

ווייסע לבנה אין פעלד —
גאט טראגט די וועלט אויף די הענט,
און גייט מיט איר איבער דער ווייט.
ווייסער געלייטערטער שלאף,
די וועלט איז א ווייסע שאף,
און ווייס זיינען גאטס הענט.
שטייען די וועלדער אין ווייס,
ליגן די פעלדער אין ווייס.
שלאפן די טייכן אין ווייס,
און גאט, דער ווייסער גרייז
טראגט די ווייסע וועלט אויף די הענט.

ווייסע לבנה אין פעלד.

אין מיר

כוועל דיך אריבערטראגן
אלע בלינדע וואסערן.
די האסט נאך נישט געלעבט —
האסט קוים ארויסגעשטעקט דיין קאָפּ
פון דיין באהאלטענעם קנאָספּ.
אין דיין קיל יונג בלוט
האט דער טויט זיינע פארבן געמישט,
אויף דיין בלייכן ווייסן האלז,
האָט דער טויט זיינע קארבן פארקריצט.

דו וועסט זיין אין מיר. —
אין מיר איז דאס שטילסטע אָרט,
אזוי ווי דער שמאלער דורכגאנג
צווישן קברים אויפן הייליק אָרט.

איך

וואו קאָן מען נאָך אזא מין ריינע אָפּגעזונדערטקייט,
ווי אין שווערן אייזערנעם ניו־יארק געפינען. —

אינדערנידער, אינדערנידער,
שטייען גאַסן איינגעהילט אין אלטקייט.

אויבן, דארט וואו מויערן וואַקסן,
לעבן אנדערע מענטשן,
הערשט אַן אנדער קעניג.
ברענען גרויסע לאָמפּן.
די סאבוויי ברענגט מיך אויך אהין אמאָל,
קריך איך פונם טיפן קעלער ארויס,
קום אויף יענער ערד ארויף,
זע דאס לאנד און די מענטשן,
אין זייד און סאמעט אנגעטאָן.
אין גאלד און זילבער אויסגעצירט,
גייען צווישן די קאלירנדיקע לאָמפּן,
גלאַנצדיקע, קראַנצדיקע פייערן. —
איך א — ווייטער,
איך — אַן אומבאליבטער בירגער,
קום נאָר איינמאָל אין א יובל
צום גרויסוואונדער און בייזוואונדער,
פרעג נישט קיינעם וואו דעם קעניגס פּאַלאַץ,
קום נישט אויף זיין שוועל זיך ווייזן,
מיט מיין אלטן קאפּעליוש,
מיט מיין אויסגעקראכן סאמעט־קאלנערל
אויף מיין מלמד׳ישן ראָק.

ירושה.

אַז פֿאַר דיר איז אָט־דאָס חרובֿע שטיבעלע,
אָט־דאָס אײַנגעהויקערט שטיבעלע, דײַן ירושה,
פֿון דײַן פֿאָטערס לעצטער אָרימקייט געבליבן.
קיין גאַנצע שויב נישט אין די פֿענסטער.
און דורך די ווענט גייט אַרײַן דער ווינט,
גיסט דער רעגן, שיט דער קאַלטער שניי.

נאָך דער טרויעריקע לוויה,
ביזטו צום שטיבעלע געקומען,
און די טיר מיט אַלטע ברעטלעך פֿאַרשלאָגן.
געלאָזט די פֿענסטער שטיין מיט אויסגעהאַקטע שויבן.

אַז סוועט פֿלייצן אַ שטאַרקער רעגן,
וועלן אינווייניק קאַליוזשעס זיך שטעלן,—
און די דונערן און בליצן,
וועלן אין די פֿינסטערע וואַסערלעך
קאַלט און ווייס זיך בלאַנקען.

דו, נאָך אַלץ אַזאַ־מין שרעקעדיקער מענטש,
וועסט בײַנאַכט מורא־האָבן דורכגיין
דורך דײַן חרובֿ שטיבל.

אינדערפֿרי, פֿאַרן בלויען הימל,
וועסטו שטיין אין גרויען הויפֿל
און זען איבערן דאַך פֿון שטיבל
פֿרימאָרגן־פֿייגעלעך זיך שטעלן.
די זון איז ליכטיק,
נאָר נאָך־נישט וואַרעם.

די זון איז שיין
נאָר נאָך־נישט נאָנט.
און דורך די לעכערדיקע פֿענסטער פֿון דײַן שטיבל
זעסטו שטיין די ווענט פֿאַראומערט און פֿאַרוויינטע,
און אַז עס קומט אַרײַן אַהין אַ שטיקל זון,
ווערט עס אויכעט גרוי און ברודיק
אין די בלינדע קאַליוזשעס.

ווינטער

און מיין טאטע האט זיך אויפגעכאפט פארטאָג,
און געטראָפן דעם טויט ביים טיש
אין דער ליידיקער גרויער שטוב.

און דער טויט איז אויפגעשטאנען פון באנק,
און איז צו זיין בעט צוגעגאנגען
מיט זיין שטעקן אין האנט
אזוי ווי א פרעמדער איד,
און געזאגט צו אים:

רב אהרן בער,
איר זייט דאָך קראנק,
און איצט איז אזא שטילקייט און ווייס,
און גרינג און נישט־הערבאר דער וועג,
אָט, איר וועט זיך אנהאלטן אָן מיר
וועלן מיר גיין.

און — זיי זיינען געגאנגען.
זיינען פארביי דער שול געגאנגען.
דער ערשטער מנין האט שוין געדאוונט.
ליכט און לאָמפן אין די פענסטער.
און א פרומקייט און גוטסקייט איז געלעגן
אויפן הויכן שניי אין דרויסן.

אַ מומעלע

אַן אָרים מומעלע,
אַ קליין־געוויקסיקע,
מיט אַ קײלעכדיקן
שווערן־שווערן קאָפּ,
מיט אַ נאָכהענגענדיק געוויין
פֿון די אויגן אַראָפּ.
מיט טענות, מיט מאָנען
אַ חוב פֿון רחמנות:
צענדליקער יאָרן
פֿאַרפֿרעמדט זײַן,
פֿאַרטעמפּט זײַן,
אין עסן,
אין רוען.

אַן אָרים קליין מומעלע.
אין קיך, לעבן וואַנט,
ערשט נעכטן געקומען
פֿון „אָלד־קאַנטרי“ – לאַנד.
מיט בלוטיקע בשורה׳ס,
מיט גאַליקע גריסן,
און מאָנט, און מאָנט,
און וואָס זי דערמאָנט,
און ווען זי דערמאָנט
געדענקט מען ניט.
און די זאַטע אויגן
קוקן פֿאַרגעסן
פֿאַרדרימלט
אין עסן,
אין רוען.

ליכט

אָט־אַזוי ווי איר זעט מיך — בין איך
נאָר אַ פֿאַרשפּילטער מיט זיך לעבן אייך.
איך האָב אָפֿט ליב דאָס געשריי וואָס איר שרייט,
און די שטיבער וואָס איר שטעלט צונויף
און מאַכט זיך אַ היים, אַ שטאָט,
דאָ הינטער די בוימער פֿון וואַלד.
נו, קום איך צו אייך אין שטאָט,
בין איך ביי אייך אין שטאָט
אַ גר און אַ תושב מיט אייך.

און איך קוק אַזוי נאָנט און ווייט צו אייך:

דאָס זענט איר, טאַקע איר...
דאָס זענט איר וואָס איר האָט זיך פֿאַרבויט
און מיך אויך — אין פֿאַרפּייניקטער נויט.
דאָס זענט איר וואָס איר שאָטנט אַזוי
מיט אַלטע ברעמען איבער מיר
ווי דעכער פֿאַרכמורעטע שטרוי.
דאָס זענט איר — — —

און איך —
נאָך אַ טאָג און אַ יאָר,
און אַ יאָרהונדערט מינוט,
וועל איך גיין צווישן אייך אַזוי
אַזויווי אַ פֿאַרנאַכטיקער שיין.
אַ געלייטערטע ליכטיקייט העלט
פֿון אייערע פֿענסטער צו מיר.
אַ געהערלאַכטע לויטיקייט קוועלט
איבערן שליאַך פֿון דער וועלט,
און גרינג איז די ערד און די וועלט.

בענטשונג

דו אָפּענער און דרייסטער,
דיין וואָרט איז זון.
דו טרייסט׳ נישט
נאָר באַשיידסט.
דו פירסט נישט
אויף קיין בארג־ארויף —
גייסט מיט מיט אונז
נאָך טונקעלער אין טאָל.
דו פרייסט זיך
ווען דו זעסט
אונזער פולע שטיבער
מיט קינדער.
דו פרייסט זיך
ווען דו זעסט
אונזערע ווייבער — רונדיקע
מיט פולע טראכטן ווי לבנה׳ס.
זיי זיצן אויף די שוועלן
פארטראכטע
מיט קינדערשע מוחות,
קינדערשע מחשבות.
אונזערע טישן בענטשסטו,
און בענטשט אונזערע בעטן
אונזערע שטיבער בענטשסטו,
און אויף אונזערע שוועלן
פאלט דיין לויטערע ברכה.

דיין וואָרט איז זון.

אונזערס

אונזער שווערער טאָג
וועט שוין נישט ווערן העל.
און טונקעלער מזל ליגט
אויף אונזער אלטער שוועל,

און היט עס זאל צו אונז
נישט צוקומען קיין זון.
דאס קליינע קינד אונזערס
פארשטייט שוין, ווייסט דערפון,

און קאָן שוין אויך ווי מיר
זיך איינשווייגן אין סוד,
און אין א ווינקעלע
זיך אָפּגעבן צו גאָט,

און צוגעדריקט צו דר'ערד,
דער קאָפּ אויף דער קליינער האנט,
פארלאָרן איינדרימלען
אין ווינקל ביי דער וואנט.

געוואַקסט

אין אַזאַ קליינער וועלט
האָבן מיר אָפּגעגרויט,
מיט ציטערדיקן שרעק
איבערן זשעדנעם ברויט.

און שרעקעדיק אַזוי
איבער אונזער קינד —
פאַר יעדן וואָלקנדל,
פאַר יעדן ווינט.

און קוים זיך דורכגעשאַרט
פון אָרט צו — אָרט.
און זיך אַזוי געהיט
מיט יעדן וואָרט.

אַמאָל, אַמאָל האָבן מיר
אונזער זינד דערזען
און אַלע דריי,
אַזוי דערשראָקן געווען.

אַמאָל, אַמאָל האָבן מיר
דערקענט אונזער ווינד,
מיט אונזערע שוואַכע הענט
פאַרשטעלט אונזער קינד.

און טיר און טויער
פאַר דער וועלט פאַרמאַכט
און איבערן קליינעם בעט
געוואַכט און געוואַכט.

זילבערגרוי

פריע זילבערדיקע זון אויף פּאַרהאַנגען.
דער שטילער יונגער הערבסט
האט די שענסטע טעג.

מיר, אין אונזער וועג אַראָפּ,
מיר האבן אָפּגעלעבט אַ וועלט
אין אַן ארים קלייד.

ווי האבן מיר געקענט
אויפהויבן אַ הויך קול
צום הימל,
צו דער ערד.

דער רייכער האר,
דער שוויינגנדיקער גוטער נאר,
און דער ערלאַכער דאָן קיכאָט
און דער קעניג ביי דער רעכטער האנט פון גאט —

אלע וועלן זיך באַגעגענען
ביים טויער פון דער הייליקער אייביקער שטאָט
מיט קלוגע פארביקע רייד
פון לעבן און פון טויט.

נאָר מיר, אין אַ גרויען ארימקלייד
האבן מיר דאָ אפּגעלעבט.

אויף אונזער גרויער שווערער ערד
צו אונזערע פיס,
ליגט נישט קיין איינגעמידטע גאלדענע שווערד.

הינטער אונז — קיין ווייגגארטן אין איינגעדרימלטן סוד,
און ניט קיין גאלדענע קופּאָלן פון אַ באַזיגטער הויכער שטאָט, —

נאָר אַ גרוי, גרוי־פאַרזילבעריקט,
פאַרקלינגענדיקער טראָט.

לעצטער זון

זיין גוט און פרום — דער וועג פון אַלע טעג
איז קרום און פּלאָנטערדיק און פאַרדרייט.
נאָר יעדער ביטערער טראָפּן שוויים איז ערלאַכקייט.
און זיס און בענטשענדיק דאָס גרויע שטיקל ברויט
ביים הונגעריקן דאָרן קינד אין האַנט,
ווי זון איבער אַן אויפגעאַקערט לאַנד.

מיר, וואָס אונזער פרומקייט ליגט פאַרמאַכט
צווישן די טאַוולען פון אַן אַלטן סידור,
און אונזער תפילה ליגט פאַרשמאַכט
אין די וועלקנדיקע גראָזן פון אונזערע לידער,
ווי אַן אַסיענדיקע שוואַכע גריל
און אַטעמט קיל. —

מיר שאַרן זיך נאָך פרום מיט אונזער וואָרט
ווי נאָך אַן אנגעשטימטן ווייטן אַלטן ניגון.
און ציען־נאָך אַן אויסגייענדיקן טאָן
ווי מידער זשום פון פאַרנאַכטיקע פליגן
אויף לעצטער זון פון פענסטער.

אין צער

האב קוים דערצויגן, קוים דערשלעפּט זיך,
און קלאַפּ אין אומגעמאַכט אין דיין טיר.
איך בין ביז טויטלאַכקייט פאַרוואונדיקט,
און בלוטיק, בלוטיק, — עפן מיר.

אויף דיינע ריינע ווייסע דילן
וועט טריפן טראָפּנווייז מיין בלוט.
פאַר דיינע ווייסע ווענט — מיין ווייַנען,
אויף דיינע ריינע טרעפ — מיין בלוט.

כבין אומגעריכט־אַזוי געפאַלן,
און אומגערעכט־אַזוי באַשטראָפט.
און — קוים דערשלעפּט זיך צו דיין טויער,
ס'איז פרי. ס'איז רואיק. שטיל. מ'שלאָפט.

ווען שטייסטו אויף פון דיין געלעגער
און שטעלסט דעם ערשטן טראָט אויף דר'ערד?
איך ליג ביז טויטלאַבקייט פאַרוואונדיקט,
און רייס זיך אין מיין בלוט פון דר'ערד.

איך

זינג מיר די געזאַנגען
פון אַן אַלטער וועלט.
זון־רויש צווישן זאַנגען
אויף אַ רייפן פעלד.

אַזאַ טאָג אַ גרויסער
שפּאַנט איבער דער וועלט.
שניידט און לאָזט זיין מעשר
ביי דעם ברעג פון פעלד.

איך בין אויך געקומען
מיט די אָרעמעלייט,
און איך האָב גענומען
מיין חלק אָרימברויט.

און בין זיך געגאַנגען
צו מיין שטיל געצעלט
מיט מיין ביסל זאַנגען,
פונם ברעג פון פעלד.

זינג איך די געזאַנגען
פון אַן אַלטער וועלט,
זון־רויש צווישן זאַנגען
אויף אַ רייפן פעלד.

שבת

נאָך גרויסן יאָך און שווערער וואָך,
דעם גרויסן שבת וועסטו ברענגען.
אַ שטילער גרייז מיט אַ ווייסער באָרד
און קלאָרע לויכטנדיקע אויגן.

ער וועט זיך וואַשן זיינע הענט,
וועט אויבנאָן ביים טיש זיך זעצן,
המוציא נעמען פונם ברויט
מיט פרומער שטילקייט אין די אויגן.

אויף אונזער גרויען אָרימברויט
וועט קלאָר און העל זיין בליק צושטראַלן,
דאָס ברויט וועט ווערן חלה־ווייס,
אַזוי ווי זיינע הענט די ווייסע.

וועט קידוש מאַכן איבער אונז,
ווי איבער קידוש־בעכער פולע.
מיר וועלן פול־זיין מיט זיין רו,
ווי בעכער גאָלדענע מיט וויין.

אַן איינציק־דינע חלב־ליכט
וועט אונזער קליינעם טיש באַלייכטן,
נאָר לייכטן וועט זיין ווייסע באָרד
אַזוי־ווי זילבער פון לבנה.

אָנגעברייט

דאס זילבער פון זיידעס פארלעשט זיך,
דאס גאלד פון די אייניקלאך ברענט.
די גוטסקייט — אין מידיקע אויגן,
און בענטשונג אויף ציטריקע הענט.

די ווייט פון מיין קינד ליגט אין טונקל,
איך טראכט און פארטרויער דערפון.
און אנגעברייט בין איך צו קרבן
צום וועג, צו די טעג, צו דער זון.

איך לאָז זיי נישט אָפּ פון די בליקן,
הינטער מיר — אלטע ציטריקע הענט.
די גוטסקייט אין מידיקע אויגן,
די בענטשונג אויף ציטריקע הענט.

אַ גאָלדענע שעה

אין דעם פאַרביקן גאָרטן פון הערבסט
קומט די שטילע זון צוגיין.

די אָפּבליאונג איז אַ דרימלענדיק ליד,
זשומעט די זון מיט דער אָפּבליאונג מיט.

קום אַרויף אויפן בארג צום וואַלד,
דאָרטן רוט אַזאַ גאָלדענע שעה.

זיצסט פונאויבן און הערסט זיך איין:
עס רוט אַזאַ גאָלדענע שעה.

אונטן שטייען שייערן פול,
און אין שטיבער איז וואַרים און גוט.

דאָרטן, אונטן, גייט אַ לאַנגער וועג
און דער וועג איז ריין און באַרוט.

פאָרט אַ וואָגן: אַ פערד, אַ מאַן,
און אַ הונט לויפט פונהינטן נאָך.

שענער פון שבת און יומטוב,
רוט גאַנס רו פון דער וואָכיקער וואָך.

זיי

דו האסט מיך פאַלאָרן פון אויג
און איך שאַטן אַליין אין דער וועלט.

מיט אַ מענטש, מיט אַ בוים אויפן וועג
און אַליין אויפן איינזאַמסטן וועג.

אַ יאָר און צען־יאָר אין אַ שטאָט
ווי אַליין אויפן איינזאַמסטן וועג.

זיי האבן נדבות פאַר מיר
און וואַרטן מיין קומען נאָך דעם.

און גוטסקייטן האבן זיי פאר מיר,
און וואַרטן מיין בעטן ביי זיי.

און כבוד'ן האבן זיי פאַר מיר,
און וואַרטן מיין בעטלען ביי זיי.

און איך, דער אָרימאַן, גיי ניט אָפּ
פונם שאטן פון מיין איינזאַמער שוועל.

צוריק

וועט דערהערן אין טיר זיך אַ קלאַפּן
אײַנמיטן אַ ליכטיקער נאַכט.
כ׳וועל אַרונטער פֿון בעט און וועל עפֿענען:
דו ביזט עס? דו, אַזוי שפּעט?

כוועל דיר אויסטון די קליידלאַך דײַנע,
וועסט ליגן מיט מיר זיך אין בעט.
און אַלע וועלן שלאָפֿן, נישט וויסן,
אַז דו ביזט געקומען צוריק.

גאַנצפֿרי, ווען סוועט בלויען אין פֿענסטער,
און דו וועסט נאָך שלאָפֿן געשמאַק,
וועל איך אויפֿשטיין און צוגרייטן עסן,
אין ווײַסן פֿאַרשפּרייטן דעם טיש.

וועסט שלאָפֿן, וועסט שלאָפֿן, וועסט שלאָפֿן,
דאָס קעפּל פֿאַרטוליעט צום וואַנט.
און אין פֿענסטער אַזויווי אַ יומטוב,
וועט אויפֿגיין דער ליכטיקסטער טאָג.

ווי אַ בוים

דערוועק, ניט־דערוועק און באַווייז
עפן, ניט־עפן דעם סוד. —
סגייט דער ליכטיקער העלער גרייז
פון זיין הויז אין דעם הויז פון גאָט.

ער שטייט אויף מיטן טאָגיקן בלוי,
מיטן טוי אויף דער טונקעלער שויב,
מיט דער פרישקייט אויף דעכער שטרוי,
מיטן פלאַטער פון פייגל און טויב.

שטייען טירן און טויערן פאַרמאַכט,
נאָר דער הימל ערשט עפנט־זיך אויף.
און די גוטסקייט פון גאָט וואַכט און וואַרט
ווי אַ בוים צום הימל אַרויף.

רו־אָפּ

ערגעץ ברענט נאָך טיף
אַ שיינע שעה פון אונזער לעבן.

אַ פריער שבת כאַפּט זיך אויף
און אַלע פענסטער לויטערע פון ראָסע.

רו אָפּ, רו אָפּ ביי אונזער שוועל
מלכה שבת אין דעם אָרימסטן מקום.

מיר טראַכטן דאָ און דערציילן זיך
עלטערע צו עלטערע ווי אייניקלאַך
מעשות פון חסידים און צדיקים.

ביי אונז אין שטאָט איז דער בעש"ט געוועזן.
און אייניקלאַך קאָנען זיך דערציילן
וואָס זיידעס האָבן מיט די אויגן געזען.

ווען ניט, ווי וואָלטן די קליינע ליבע
געקאָנט אַזוי ווי דאָווענענדיקע אידן וויגן זיך
מיט זייערע ליכטיקע קנויטן־קעפּ.

ווען ניט, ווי וואָלט אַזאַ לויטערע עכאָ אָפּגעקלונגען
פון הימל צו די מנחהדיקע פענסטער פון שול
ווען די זון פאַרגייט אין אירע לויטערע טייכן.

די מידע זון דרימלט (ב)

ווייט שטיל און אָרים

איך וועל אייך לערנען:
קליין־זיין,
ארעם־זיין,
ווייט און שטיל
און נאָר ארום זיך אַליין.

גיב זיך אָפּ אין באהעלטעניש.
טו ערגעץ אביסל ארבעט,
גיב אָפּ די מי
און די גוטע מעשים
צום טאָג וואָס גייט אוועק —
לאָז זיי איבער ביים ברעג
פונם פארשאטנטן אָוונט,
פאר גאט און וועלט.

האב נאָר פאר זיך די מידיקייט,
און ־דעם אנגענעמען אנשפאר
ביים ברעג פון טיש.

פאַרגיב

געדענק נישט מיין שלעכטן טראַט,
געדענק נישט מיין קינדערשע שולד.
אינם האַסט פון דער קאָכיגער שטאָט
האָב איך געשמידט מיין געדולד.
און צאָלן האָב איך געצאָלט
מיטן טייערסטן זילבער און גאָלד.
מיטן בלוט, מיטן ביין.

איך בין הויל,
איך בין וויסט
ביז פאַרגיין.

בין איך נאָך אַלץ נישט ריין,
נאָך נישט געלייטערט פאַר דיר?
ענטפער מיר.

גיי נאָך נאָך מיין יעדן טראַט,
און די שטראָפן וואָס פאַלן אויף מיר
נעם איך אָן ווי מתנות פאַר דיר.
נעם איך אָן און באהאַלט בסוד.
און ס'קומט אַזאַ גוטע מינוט.
זיי רואיק, אַלצדינג איז בארוט. —

די ווייטסטע וואָס זיינען אַוועק —
עס איז ביי זיי זומער אין וועג.

די קליינע וואָס זיינען אַליין,
און קאָנען נישט קומען צוגיין, —
זיי וואַקסן, צובליען זיך שיין
ווי שלאַנקע ביימער אין סאָד.

אַזויווי אין סידור שטייט,
די ווערטער מיט אַזויפיל פרייד,
אַז אומעטום איז גאָט.
אומעטום איז גאָט.

געדענק נישט מיין שלעכטן טראַט.
געדענק נישט מיין קינדערשע שולד.
געדענק נישט מיין קינדערשע שולד.

פאַרגעפּיל

א פרילינג איז דורכגעפאָרן מיין ערד
אויף א שלאנקן יונגן פערד,
און מיין ערד האט א ווייל געגרינט.
און אויפן גראָז איז געלאָפן מיין קינד,
אין ווייסן דורכזיכטיקן זייד,
אין זון און אין ליכטיקייט.
און מיין ווייב אין בלויען קלייד
איז געזעסן שמייכלענדיק און ברייט.

און דער אוונט איז געקומען צוגיין
איך בין געשטאַנען קעגן בארג אליין.
און די ערד האט זיך געוויגט
אין שאטן ווי אויף טונקעלע שטריק.
און פון מיין שטוב האט א פענסטער געשיינט
ווי דאס פנים פון א גוטן פריינט.
און איך בין געשטאַנען אליין,
און א טרויער פון פאַרגעפיל
האט קראַנק מיין בלוט גענאגט.
און געזאגט און — ניט אויסגעזאגט,
דערציילט פון א שווערער ווייט
אין פארהוילענער טונקלקייט.

פון דער טרויעריקער הויך —

דאָרט אין דער וועלט
גייט אָן אַ משפּט,
און אַלע לאָדן זיך.

און אַלע — ליידנדיקע
מיט טרויעריקע קליינע מעשׂים,
אין פאַרשטיקטע גרעניצן
ביי שוועל און שטיבער.

ביינאַכט פאַרשליסט מען טירן,
מען פאַרריגלט לאָדנס,
און מען באַהאַלט דאָס ברויט.

און אַז מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף
לויפט מען צו צום קינד אין וויגל,
צי סאיז דאָ נאָך.

און אייניקע, און איינציקע
האָבן אַזעלכע קרומע אויגן,
שאַטנס פון ניט־ערלאַכקייט
וואו שלענגלאַך שנאָה קריכן אום
צווישן די קנייטשן פון די באַקן.
מען דאַרף זיך פאַר זיי היטן.

נאָר — זיי האָבן אויך מאַמעס,
און אָרימע ווייבער אויף מאַרקן
מיט גרויע פּנימער און צעשוואָומענע גופן
פון קינדלען און פון וויטיק.

און זיי האָבן אויך ווערטער
וואָס זיינען פול מיט טרויעריק געזאַנג,
וואָס ציט פון אַלע ווייטן אין געמיט,
און לאָזט זיך גלייך צו גאָט,
אומשולדיק, אומשולדיק,

אומשולדיק דורך שולדיקייט
אזויווי ווייסע טויבן.

מען שפּארט זיי איין
פאַר זייער שלעכטס.
מען גיט זיי האַרטן ברויט,
דורך די שמאָלע גראַטעס פענסטערלאַך,
אנטקעגן דער וועלט מיט פעלדער.

זיי קוקן פון דער הויך אַרויס —
דאָרט אין דער ווייטער נידער
ליגט דאָס אַלטע דאָרף,
שפּיצט דאָס קלויסטערל,
ציט דער טייך.

און אַמאָל איז אַ טומאַן.
די זון גייט שפּעט אַרויס,
מיט קראַנקע רויטלאַכע אויגן.

מען זעט נישט די וועלט.
ווי אַ גראָב געוואַנט
נעמט זיך אָפּהילן דער נעפּל
פונם טייך דאָרטן.
דער שמאָלער בריק
שווימט שווער אַרויס.
דאָס דאָרף.

דער, וואָס קוקט פון דער הויך,
דורך די שמאָלע גראַטעס פענסטערלאַך,
ער קאָן די מענטשן דאָרט,
קאָן יעדן אָרימאַן,
זיינע טעכטער און זין,
זיינע שאָף און רינדער
זיינע גרויע רייד
מיט כעס, מיט פייער
און מיט שלעכטס.

ער קאָן יעדן הונט

וואס היט די שטיבער און די שייערן.
קאָן יעדן גאָרטן, די עפּלביימער,
ווי מיידן אויסגעפּוצט אין צוויט
זינגען זייער ווייסע יוגנט צום פרילינג.
דאס איז די ליכטיקע באַפרוכטונג
פון קליינע זיסע טראָפּנדלאך
אויף די ליפּן פונם ווינט.

און הערבסט.
פּרימאַרגנס
אין פאַרביקע קרוינען.

זיי טראָגן קוישן רייפע פּירות,
און קערב מיט גאָלד,
וואס שיילט זיך פון דער זון
אַזוי ווי דער בלעטערפאַל
פון די ביימער.

ביימער זאָגן תהילים,
פּסוקים משלי,
שורה׳ם קוהלת
ביימער ברומען,
ביימער זשומען,
און ניגונ׳ען.

וואס מענטשן לייענען אין ספרים
לייענען ביימער אויפ׳ן קילן הימל,
איבער די קאַלטע ווייטן,
ווען דאס געמיט פון דער ערד
איז טרויעריק און טיקט שווער,
אין אַן אומהיימלאַכער ווידוי.

דער וואָס קוקט אַרויס
דורך די גראַטעס פענסטערלאַך,
קאָן די וואַקסנדיקע דאַרע איינגלאַך,
וואס גייען אינאיינעם מיט די פאָטערס
מיט שווערע העק און גרויע זעק

דורך דער קאַלטער ווײַס פֿון ווינטערדיקן אינדערפֿרי,
אין אַלטן וואַלד אַרײַן אויף גאַנצע טעג
צו האַקן ביימער.

ער קוקט —
די ערד דרייט זיך.
דרייט זיך, דרייט זיך,
ד־ר־יי־ט — ז־י־ך.

ביימער,
ביימלאַך,
בהמות,
שעפּעלאַך,

פֿרילינג־צוויט.
קראַנקער רויטער גאָלדשײַן
פֿון צלמים און הערבסטיקן אוונט.
די ראַנדן פֿון די מידע הימלען
זײַנען בלוטיקע פֿעלדער.

און אין אַט־דער וועלט,
אַט־דאַרטן אין דער וועלט,
גייט אָן אַ משפּט.

פֿון מענטשן
מיט ביימער,
מיט בהמות,
מיט פֿעלדער,
מיט וועלדער,
מיט טײַכן,
מיט פֿייגל,
מיט שטיינער,
מיט ביינער,
מיט וואָרצלען,
מיט שטאַמען,
מיט געביין
און געוויין
פֿון טויטן

און דורות.

מיט זומערן,
מיט ווינטערן,
מיט הערבסטן
און פרילינגס.

און דורכן צאָרן פון שטורעמס
און געוואָיען פון ימען,
זינגען טויזנט ברעגן,
א גרוים געזאַנג
פון ניי־פרילינג.

פרילינג הייסט —
בלוי,
ליכטיקייט,
יהי אור,
און יונגע לבנה׳ס.
לבנה׳ס, מאַמעס אזעלכע
די מוטערס פון ליבע,
(מ׳ווייסט — —)

און ביימער שטייען טויזנט יאָר,
און די קליינע דינע ביימלאך
אונטער זיי,
ווילן אויך זיך אנהאַלטן אָן די פאַלעס פון די יאָרן
און ארויסוואַקסן הויך צום הימל,
אויך אין טויזנט יאָר
שטאַרקייט.

גראָזן,
פליגן
קליינע זשוקעלאַך
קריכן איבער דער נעץ פון צייט,
ווי שטערן איבערן נאַכטיקן הימל,
און אַלע פילן זיך אייביק.
לאָדן זיך אייביק,
ליידן זיך אייביק,
און גייען פון אומגערעכט
צו גערעכט, פון ווייס

צו גרין, פון גוט
צו איינזאמקייט,
צו דער דיכער, דינער
צו דער דינער רעאליטעט
פון חלום און פון לידער.

דער וואָס קוקט אַרויס
דורך די גראַטעס־פענסטערלאַך,
לייענט איבערן טאוול פון דער ערד
די מעשה פון גרויסן משפט,
פון רייד, שוויינגן און בליאונגען,
וואַקסענע ליכט אויף מזבחות,
הייליקייטן און געבעטן.
ווערטער שימערן אויף
מיט דער לויטערקייט פון גאָט.
מאַכן ליכטיק די פינסטערניש
פון בלאָדזשעניש,
און זינגען:

געדעכטער
פון אלע געדעכטע,
מעכטיקער פון אלע מעכטיקע,
פאָטער איבער אלע מענטשן,
קום אַראָפּ פון די הימלען,
וואוין מיט אונז אויף דער ערד.
וואוין מיט אונז,
וואוין מיט אונז.

אָרים גאָלד

אָן אוצרות,
אָן זיגן,
און ווירדיק
ווי שוויגן,
מיין פּנים.

איך זאָג אייך:
אויך אין מיר
איז דאָ ווילן
פון פייער.

אויך אין מיר
איז דא כח
צו אָפּנעמען,
איינגעמען,
איינזאמלען,
צוהאלטן —

נאָר איך
האב מיין ווילן
איינגערעדט:
זיץ דאָ
אויפ'ן גראָז,
אָן א זייט
פון דער הויך,
פונם רייך,
פון דער הויך
פונם רויך
און — שפּיל זיך.

וואס וועסטו גיין דאָרטן
צושטעלן נאָך אזא מויער,
ווי וואָלוואָרט?
אויפהענגען
נאָך אזא בריק,
ווי וויליאמסבורג?

און איך האָב
געלאַשן מיין ווילן
מיט ימען פון צייט,
מיט וואַרטן,
און פויל־זיין
מיט קוקן
פון לאַנגווייל
אין יענער ריכטונג
וואו דער קלאַסיציזם
און די ראָמאַנטיק
האָבן געהאַט
אַ בעסער מזל
ביי גאָט,
און ביים פּאַפּסט
און ביים סוחר.

איך זאָג אייך:
ס'איז גוט,
אַזוי אמת'דיק גוט
ביי דער עלטערער מאַמען —
ביי דער אָרימקייט
וואוינען און
עסן וואָס זי־גיט
און שלאָפן
וואו זי הייסט
און גוט זיין
און פרום זיין
צום אייביקן גאָט
פונם דלות,
וואָס מאַכט
בליען און בלומיקן
וועלדער און בחורים
און כלות.

און אונזער ווינקל
אָרים און אָרים,
שלעפּן זיך,
קריכן נאָך

קינדער פון חן
ביי די פּאַלעס.
ווילן גיכער,
גיכער, גיכער,
גיכער ארויסוואַקסן
פון זייער קליינקייט.
ווילן ארויסשרייען
פון זייער ענגקייט,
פון זייער שטומקייט,
און זיי הויבן אָן גייִן,
און קלאַפּן אין ווענט:
עפנט, עפנט.
עפנט די טיר,
עפנט די טיר
פון דער וועלט.

און זיי פאַלן אום
ביי די ווענט
און — וויינען.

אַזאַ טרויער
איבער קעפ
פון קינדער.

ווי אַזוי,
ווי אַזוי,
טויזנטמאָל
ווי אַזוי?

ווי אַזוי ווערן זיי גרעסער?
ווי אַזוי געדענקען זיי ווערטער?
ווי אַזוי קוקן זיי אַלע
מיט אַזאַ נאָענטקייט,
מיט אַזאַ חכמה,
מיט אַזאַ חוזק
אויף דיר און
אויף מיר און —
זיי וויינען.

ס'איז דא
אזא אלטקייט
אין זייער ניט־קאָנען,
און זייער ניט שטארק־זיין,
אין זייער מיינען
אז מ'וויל ניט,
מ'טוט ניט,
מ'גיט ניט,
מ'איז ניט,
און מ'איז אזוי שולדיק
צו זייערע קליינע גופן,
צו זייערע ווייסע גופן,
און זיי הויבן די קעפּ,
און ווילן און ווילן,
און קאָנען נישט זאָגן
און — וויינען.

וואס ווילסטו?
וואס ווילסטו?
וואס ווילסטו?

דו וואקסט דאָך,
דו זעסט,
דו מאכסט
מיט די הענט
און די ליפּן.

וואס וויינסטו?

לויב

אייער אָרימקייט קום איך צו לויבן
אייער ריינקייט אין וואַכיקן גרויען.
אַז איר הויבט־אויף די אויגן פונאויבן,
זעט איר גאָט אין זיין לויטערקייט בלויען.

ווער ווי איר האט געקאָנט אַזוי צינדן
אין פּשוטע' ווערטער און קלאַנגען
פאַר אונז אַלע אין מזל אין בלינדן
א פליגל פון העלע געזאַנגען:

נעם אונז אויף ווי מיר שטייען און גייען,
מיט עברות און מצוה'ס און ליידן.
אונזער האָפנונג פון פרוכטבאַרן זייען,
און יאוש אין ליידיקן שניידן.

אויסגעשטרעקט די נשמות און גופ'ן
הויל און נאַקעט פון וועלט — דיר אַנטקעגן.
תמיד גרייטע ווען דו וועסט אונז רופן
אין וואָגל דורך האָגל און רעגן.

ווי אַ ביידל צוזאַמענגעשלאָגן
אונזער טאָג, אונזער וועלט אויף די וועגן,
און וואו ס'וועט דיין ווינט אונז פאַרטראָגן
דאָרטן קומט אונז דיין זון אַנטקעגן

ליכטיק

ווען דער טאג איז שיין,
די גאסן — מיט אפענע פנימער
זון און לויטערקייט — איז א סימן
אז גאט גייט אויף דער ערד ארום.

און אלעמען איז גוט,
מזינגט אין דיווארשטאטן,
מלייזט געלט אין די קלייטן,
און די פרנסה בליט אין מארק
ווי דאס ברויט אין פעלד.

און מחנות, מחנות קינדער
ווי אראפגעלאזטע פייגל,
ווי טשאטעס ווייסע, גאלדענע
און מוטערפערלנע טויבן
אראפגעפלויגענע פון שפיץ פון קלויסטער
איבער דער ערד.

און גאט גייט ארום
מיט זיין זוניקער ליכטיקייט
פון קלייט צו קלייט,
פון שוועל צו שוועל,
קוקט אריין איטלאכן אין פנים:
א שיינער טאג, א שיינער טאג,
היינט איז א שיינער טאג,
היינט איז א גוטע וועלט,
כ'וועל היינט זיין מיט אייך,
א גאנצן טאג וועל איך זיין מיט אייך,
א גאנצן טאג אויף דער גוטער וועלט
און מארגן אויך און אלע טאג
וועל איך זיין מיט אייך,
וועל איך זיין מיט אייך.

טויט־עלנט

אפטמאל דערמאָן איך זיך אין דיר
און זע דיך אומגיין לעבן אויסגעלאָשענע שולן,
און ווי אַן אַלטער פּרעמדשטאַטישער אָרימאַן,
זעצסטו זיך אויף די נידעריקע טרעפּ פון בית־מדרש,
די פּאָלע פון דיין קאַפּאָטע הינטער זיך
און וויגסט זיך, וויגסט זיך מיד,
און וויגסט זיך, וויגסט זיך שטום.

א שפּעטקייט הויערט אין דער וועלט.

פאַרוואָס האָב איך
אַלע נאָענטקייטן צוריסן?

און אריינגעלאָפן אין א שיף
זיך געלאָזט נאָך חלום איבער ים'ען.

און געפאַלן אָרים און פאַרשעמט
און זיך באַהאַלטן פון קאַלטע שפלות
אין די נאָך־וואַרימע פאַלדן
פון א לעצטן העמד.

אייביק

שעה פון קלאָרן טרויער,
ערגעץ טוסטו פירן,
מיט דיין לויטערער שטילקייט,
אין פאַרזעצטן ווינקל.

קליינע, קליינע מענטשן,
זיינען מיר דא אין דער גאַס אין גרויען
ביי דעם טאַליקן עק פון שטאָט.

איז איינער צו אונז אַמאָל געקומען
און אַ בוך נביאות אָנגעשריבן,
לערנען מיר זיינע ווערטער.

ביי דעם טיש פון אוונט,
ביי דעם טיש פון מידקייט,
מיט טויבן בליי אין קאָפּ,
שלעפּערט אונזער לעבן.

אונזערע הענט
שפּאַרן אָן דעם שטערן.
מיר זיצן אַנטקעגן בלויען פענסטער,
קוקן אויף דער שטאָט אין שניי.

אויף די ווייסע וועלטן,
און אויף ווייטע קאַלטע פעלדער
ווייט אָרום גאָטס ליכט.

הינטער בערג און אין טאָלן,
די קליינע דערפלאַך, די נאַכט, —
מיט ווינקענדיקע פענסטערלאַך —
אַ ווייטע שיף.

איך קאָן די נידעריקע שטיבלאַך,
די קליינע מענטשן,
די גרויסע פעלדער,
די אָרימע וועלט.

מ׳בעט נאָך צו די שטערן.
מ׳דינט צו דער לבֿנה,
אַז טויב און בלינד און שטום
איז נאָך די צייט פֿון דער וועלט.
נאָר דאָס האַרץ ווערט אַמאָל קלאָר —

בעט מען צו די שטערן.

און מ׳זעט אַמאָל
אַן אַלטן פּויער
מיט אַ ווײַסע באָרד
אַן אַברהם אָבֿינו
אויפֿ׳ן שוועל פֿון זײַן געצעלט —

קוקט צו די ווײַטע שטערן.

אלטוועלט

דאס אנגעוואָרענע איז גרויס, אַ סאַך,
און צו דעם צוגעזאָגטן
צום באַשערטן גוטס פון מאָרגן
הויבט זיך שווער דאס האַרץ.
דאס געמיט איז מיד און שלעפּערט.

אין מיין גאַנצער גאַס
הערשט אַלטקייט.

ניטאָ קיין יונגע שטוב,
ניטאָ קיין נייער דאַך.

די מאַנאַטאַנקייט פעט און רונד,
שאַרט זיך ביי איטלאַכנס וואַנט.

איך שאַר זיך צו צום פענסטער,
זעץ זיך עלנט אַוועק,
און זשום שטיל, שטיל
פון האַרץ אַרויס און
פון אויסנווייניק
מיין תהילים פון זכרונות.

אויף איטלאַך אויסנווייניק בלאַט
אַ מזמור שיר ליום השבת
און ליום הפּריוואַטיק —
נאָר

אינטערן הימל איז גרוי,
די שטיבער שטייען קוויטיק.
די דעכער — ניט געוואַשן
די פענסטער — פינסטערע
אָן שבתדיקע ליכט.

דאָס ניט־פֿאַרגעסן

און — אַלע נאָנטע — שוין קבֿרים,
איבער דער טויטער גרעניץ פֿון דער ערד.
טעג און נעכט צאַנקען ביי די פֿענסטער.
קוים מען זעט דעם דרויסן,
קוים וואָס מען דערקאָנט אַ מענטשן.

אַ אָרים אָרים געמיט,
מיט אַלע פֿיינע אויסגעפֿריווט
אַלע ווייטיקן פֿאַרנומען.
און פֿאַרנורעט זיך.
איינגעבויגן.
פֿאַרשוויגן.
פֿאַרגעבן.

נאָר די איינזאַמע מינוט ביים שוועל —
אַן אויסגעצויגענער גרויער אָפּרו
פֿון טעג מיט קאַלטער לעצטקייט.
פֿון דעם געשעענעם ביז איצט —
אַן אַנגסטיקע מינוט פֿון פֿאַרטראַכטקייט:
דאָס אומשולדיקע ניט־קאָנען פֿאַרגעסן,
סאיז אַזאַ קינדערשקייט,
וואָס גייט נאָך די טריט
זי מאָנט און דערמאַנט און דערמינטערט
אפֿילו אויפֿן זילבער־פֿאַרשנייטן וועג פֿון עלטער
יעדן איינגעדאַרטן איינגעבויגטן גרעזל לעבן.
די טרער פֿון פֿאַרליבטע בענקשאַפֿט
באַטויט די טויטקייט פֿון טויט.

פאַרגיין

אַ האַלט נאָך אָפּ, גאָט.
האַלט נאָך אויף מיט דיין שטאַרקע פּלייצע
מיין נישט פעסט־געבויט געצעלט.

וואָרנסט מיך דורכן פענסטער,
איך זאָל פון דאָרט אַרויסציען
אַנטלויפן אין אַן אַנדער גרעניץ,
ווייל דאָס שטיקל ערד
און דאָס ביסל אָרים האָב,
ועסטו פאַרטיליקן דאָ.

שיקסט אָן פריע אַלטקייט
און פריע טויטע פוילונג
אויף איטלאַך שטיקל ביימל דאָ.
און די טייכלאַך שימלען גרין.
און די אויגן פון טויט
קוקן אַרויס יעדן אינדערפרי.

גאָט,
איך קאָן זיך נישט אָפּרייסן פונדאַנען.
אַ הונט אויף אַלט־געזעסענע גיטער
וויל איך ליגן ביי דער איינגעגראָבענער שוועל,
און הערן דאָס אָפּקלינגען איבער מיין קאָפּ
די טויזנט־טויזנט טריט פון אַ דור,
וואָס איז שוין מער נישטאָ דאָ.

כאָטש איך זע ווי דער טויט קריכט אויף דער ערד,
און שפּאַלט מיט שוואַרצע פינסטערע שפּאַלטן
די איינגעטריקנטע ערד.

ליכטיק

פריש ווי זומערדיקער אונטערעגן
איבער ווארימע וועלדער און וועגן —
דאס גראז איז היים פון טאג און זאט
אוןביימער שטייען פול און מאט, —
אזוי ביזטו דורך מיין געמיט היינט דורכגעגאנגען,
אז כ'האב געקאנט דיין ווייסע האנט דערלאנגען.

איך בין אויפן שוועל פון מיין שטוב געזעסן,
אין שטוב האט דאס הויזגעזינד אוונטמאל געגעסן.
מיין מוטער איז לעבן פענסטער געשטאנען און ארויסגעקוקט,
און מיין ווייב האט דאס קינד אויפן שויס געהאלטן
אויסגעזען עפעס אזוי ניט גאנץ, ניט קלאר. און אלע האבן
עפעס מענטשן פון א ווייטן ווייטן דור,
הייליקע אמאליקע געשטאלטן.

איך בין אין הויז אריינגעגאנגען.
די נאכט איז שוין געשטאנען בלוי אויף די ווענט.
ביים ברעג טיש האט א יארצייט ליכט געברענט
און אין שטוב איז קיינער נישט געווען.

כהאב זיך אוועקגעזעצט ביים וואנט אויף א שטול.
דאס הויז איז שוין מיט נאכט געווארן פול,
און איך האב געפילט אז איך זיץ אויף א שטיין,
און בין אויף א וויסטן וועג אליין,
און — גיי אוועק פון מיין שטאט, פון מיין לאנד,
און האב גארנישט אין מיין האנט.

מיין קינד

האָט טרויעריקע אויגן. שטיל.
און שווייגן — מער ווי רייד.
אמאָל — אין אַ שעה פון שפּיל
און — אויפן שוועל אַליין שוין שטילערהייט.

גאַסן, מיילן, מענטשן ווייטע־ווייט
ווי אַ מידבר גרוי און גראָ.
דאנקען גאָט, נאָך יאָרן הוילער צייט
אַ קליינע שיינע רואיקע שעה.

אַן אָפּגעקליבענע מינוט
און צוגעזעצט זיך לעבן איר:
מיין קינד, מיר איז איצט אזוי גוט
מיר איז איצט אזוי גוט מיט דיר,

כאטש כהאב נישט אנגעגרייט
ניט אָפּגיקליבן פאַר דיר,
מיין קינד די מידסטע פרייד,
מיין קינד — אַליין ביים טיר.

אַ בעל חוב

צינד זיך, צינד זיך
קליינינקע האָפענונג מײַנע.

דאָרט, אינעם טונקעלן שטיבל,
אין טיפן טאָל פֿון מאָרגן,
קום איך אָן אַן אָרימער,
קום איך אָן אַ נאַקעטער —

וואַרעם מיך אָן.

נעם פֿאַרן האַנט מיך,
און ווײַז מיר אויס
דאָס גרויסע לאַנד
מײַן חלק וועלט
פֿון עולם־הבא.

איך מעסט עס אויס,
און צוטייל עס אַזוי:

דעם בין איך שולדיק
פֿאַר שטיקעלאַך ברויט,
אין אַ הונגעריקן טאָג.

דעם בין איך שולדיק
פֿאַר אַן אַלטן ראָק
איבער ווינטער געבאָרגט.

דעם — פֿאַר עטלאַכע נאַכטלעגער
אין שווערע רעגנס און ווינט.

און עס בלײַבט מיר איבער
אַ פֿאַסיקל ערד —
גענוג פֿאַר מײַן אָרעם געביין.

אוצרות

ניט נאָר בעטלער,
ניט נאָר אומגליקלאַכע,
אַלטע, ביי דער ערד געבויגענע,
נאָר קינדער זיינען דאָ אַזעלכע,
מיט דאַרע שפּיצעכיקע פּנימער —
זיי שאַרן זיך אַריין ביים זייט פון די ברייטע טירן,
און זעצן זיך ביי די געגרייטע טישן
אָפּעסן אַן אָרימאַלצייט.
ווייס זיינען זייערע העמדלאַך,
שמאַלע, אַריינגערוקטע,
זייערע שעמעוודיקע אויגן.

זיי גייען אָפּ פון די טישן
און טראַכטן וועגן זיך,
ווי וועגן גרויסע אָרימעלייט,
וואָס גייען איבער אַ פעלד
און זוכן אוצרות.
די קעלטן ווייען,
די שטורעמס ברענען,
און טיף־אומעטיק
זיינען די זונפאַרגאַנגען,
ניט ווייט פון די טויערן פון אַ שטאָט.
דאָרט שטייען וואַרימע בית־מדרשן,
געבענטשטע אַלטע עדה'ס אידן
אין רו און אין שלום מיט גאָט.

וואונדער

גרינגע הימלען נידערן און גלעטן
און איך צערטל איין מיין לייכטקייט.
אזא דינער, אזא דינער ווי איך בין,
וועל איך אומגיין אין מיין שמייכל,
ווי אין כישוף פון א פרעמדקייט,
וואו איך ווארט אויף גליקלאכקייטן.
אלצדינג וואס איך בין ביז איצטער דורכגעגאנגען,
איז געווען נאר לייכטזין
און — באשטראפונג.
בין איך דאך שוין אויך אוועקגעגאנגען
פון מיין אויפשרייען אין ווייטיק,
פון מיין שווערקייט אויף די ברעמען.
און איך פיל די וועלט.

וואלט איך קאנען איצטער
מיט מיין דינקייט,
מיט מיין זילבערדיקן שמייכל
גיך ארויפלויפן
אויפן בערגל דא אנטקעגן,
ווי א הירשל:
וואונדער,
וואונדער.
רונד ארום איז לויטער וואונדער.
כוויים נישט ווי דו האלטסט די הימלען,
כוויים נישט ווי דו האלטסט די בערג,
נאר דו ביזט א שטארקער און א גוטער,
גאט דו ביזט דאך אזא שטארקער און א גוטער,
און דו ווילסט ס'זאל שיין זיין,
און דו ווילסט מיר דורכלויכטן די אויגן,
און כזאל שטיין אין דיינע וואונדער איינגעפלאנטערט
ווי א הירש מיט זיינע הערנערדיקע צווייגן
אין די צווייגן פון א ווילדן בוים.

פאַרנאַכט

אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק
גאָט, גאָט, קומסטו אַזוי קליין
קומסטו אַזוי שטיל צוגיין
אין מיין הויז אַריין.

אַלט ביזטו.
אַן אַלטער מאַן.

זעצסט זיך ביי מיין טיש אַוועק,
זיצסט און שווייגסט.

זיצסטו און שווייגסט.

און איך — שטעל זיך ביים פענסטער
שטיי הויך, הויך איבער דער גאַס,
און זע:

אַנטקעגן אויפן קליינעם קלויסטערל
צינדט זיך שוין אָן דאָס עלעקטרישע צלמל.
און אין דער גרויסער ברייטער מאָרים הײַ־סקול
צינדט זיך אָן דער אויבערשטער פאַס מיט פענסטער.
און אונטן, אויפן טראָטואַר לעבן דעם אַלטן סלופּ,
זיצט מיין קינד אַליין
און רוט זיך אָפּ.

שטיל־לעבן

די זון קרייזט דעם הימל דורך
און דער טאג ווערט קיל און קליין.

דאס קעצל גייט פון פענסטער אראפ
און ליינט זיך אין א ווינקל אוועק.

אזויפיל אומעטיקייט אין מיין קליינער שטוב,
אין אזא קליינער שטוב.

אזויפיל עלנט אויפן ברעג פון פארנאכט.

ס'ווערט טונקעלער, צינדט מען אן א ליכט.
א ליכט אין א לייכטער אויפן טיש.

און א שיסעלע מילך אויפן טיש.

און א רעדעלע וויים ברויט.

און אין אלע פיר ווינקלען
דער טויט.

שטאַרבן

און איך גרייט זיך פאַר דיין קומען
ווי מ׳ריכט זיך אויף אַ יומטוב.
דורכן זאַמד און ליים פון וואָך,
אַ צעוואונדיקטער, אַ מידער,
שטרעק איך שטום מיין לעצטער האָפענונג
צו דיר.

מיטן טאָגפאַרגאַנג וועסטו קומען,
מיטן פורפור־פון אָוונט אויף דיין קלייד.
סוועט דעם אוונטס פייערלאַכקייט צאַנקען
ביי די ברעגן פון מיין טיש,
און אויף מיין אוונטברויט.

דו וועסט מיך ביים אָרעם האַלטן,
און מיך צופירן צו מיין בעט.
אינדערפינסטער מיט מיר זיצן,
מיט מיר ווידוי זאָגן —
שטילסטע, עלנסטע ווערטער:

גאָט האָט מיך דערשלאָגן,
נאָך אין קינדערשע אונהיימלאַכע חלומות.
האָט מיין קאָפּ געבויגן אין בושה,
האָט מיין האַרץ געבראַכט צו פרעמדע טירן.

וועסט מיך איינשטילן.
פון דיין האַנט אין מיינער
וועט אַריינוויען די רו די אייביקע.
און דיינע ליפּן אויף מיין מויל
און — איך וועל שטאַרבן.

די מידע זון

העי, אינגעלאַד,
האָט איר פאַרטראַגן
וואו, אין וועלכן טויבן טאָל
דאָס געזאַנג פון סדרות?
(פון מיין פאָעמע „בעל שם טוב")

.1

ווי גוט...

ווי גוט עס איז וואָס נאָכן זומער
קומט דער אנהויב פון הערבסט אָן שיין,
און זוימט אַרום די מידע ערד
מיט א דינעם גאָלדענעם זוים.

רו און אין דער רו פאַרטראַכטקייט:
אין אַזעלכע מילדע שעה'ן,
ווען דער הערבסט איז געשטאַנען ביים פענסטער
פונם קלוגן מלך שלמה,
איז ער געזעסן דער קלוגער קעניג
און געשריבן די מידע פסוקים
פונם הערבסטיקן בוך קהלת.

אין וויינגאָרטן האָבן גערייפט די טרויבן.
די פולע הענגלאַך האָבן אַראָפּגעשוועבט
צו פאַלן אויף דער קילער ערד
אויף דער רו פון דער קילער ערד.

.2

און...

איצט שפרייטן זיך שוין שאָטנס טויט.
...און טונקל האָט זיך מיין וועג פאַרדרייט.
די ציטערניש פון שרעק איז אַריבער.
איך רו אין חלום נאָך פון טיפערער רו
אויף פריש־פאַרשאָטענע גריבער. —
דאָס גרין וואָס גייט דאָ אויף
טרייסט, דערלייכטערט,
נאָר אַלע צוזאָגן אויף מאָרגן.

זיינען אויסגעבלייכט.
נאָר אין דעם פאַרגאַנגענעם
איז שטיל און שיין.

קום מיט מיר אהין.
נעם נישט מיט קיין זאַך,
חוץ עטלאַכע ווייצענע קערנדלאַך
פאַר די ווייסע פייגעלאַך,
וואָס פליען אָן אנטקעגן
פון די רואיקע וועגן.

.3

ביי איר טיש

דאָס קליין ביסל גוטסקייט, מאַמע,
וואו האב איך עס גענומען?

ביי דיין הונגעריקן טיש, מאַמע,
ביי די גרויע פאַראָרימטע מאַרקן,
וואו קרעמערלאַך מיט שטומפּיקע פּלייצעס
הארביקן פון גרויען פאַרפרי ביז פאַרנאַכט.
און איבער די סלופּעס אויף טעלעגראַפדראָטן
פליען אום די פרי־הערבסטיקע קראָען,
און עס שטעלט זיך אַ ווינטער, אַ ווינטער
און שנייט אויף די קליינינקע מענטשן.
און קלאַפּט איבער זייערע קעפּ מיט די פרעסט
און ברענט מיט געוויטערן און פלאַמען אין מערב
און שרעקט מיט מלחמות און גזירות.
און דאָ וואַקסט אזא עלנט אין ווינקלען,
ביז וואַנען די ערשטע יונגע ציבעלע באַווייזט זיך אין מאַרק,
און אַ פייגעלע שטעלט זיך אויפן שוועל פון אַ קלייט.
און עס שרעקט אזוי אומעטיק א לויה
וואס ציט דורך דורכן מאַרק.
און פון אומעטום זעט מען דעם שטיינערנעם פּלויט
וואָס רינגלט אַרום דעם בית־עולם.

.4

מיר פאָרן אָפּ

און טרעפן וועלן מיר זיך נאָך, אַ ברידער, שוועסטער,

אין פאטערס גרויסן הויז, ביים אַלטן ברייטן טיש.
היים מיט אַלטקייט, אַלטוואַרג, אַלטע מענטשן,
און טונקלע ווענט פון יאָרן, קינדערהייטן און שפּעטע ווידוי'ס.

און ווידער אין דער גרינגער זון
פון שיינע אינדערפריען.
און נאָכאַמאָל אין דער גוטער רו
פון אַ ברייטער וועלט.

אין בלייכן זילבער פון דער קילער זון.
פאַר די אָרימע ליכט
אויפן ווייסן טיש.

און — טרעפן וועלן מיר זיך נאָך, אַ ברידער, שוועסטער,
אין אַן ערב־ווינטערדיקן פאַרטאָג.
די פערד, אין גרויסן וואגן איינגעשפּאַנט,
שטייען גרייט פאַרן הויף.
דער זיידע איינגעהילט אין גרויסן פעלץ,
דאָס הויז פאַרשלאָסן און דער טויער פאַרהאַקט.

מיר פאָרן אָפּ.
גאַסן, שטיבער, גאַרטנפּלויטן,
אין די ראָוון ליגט דער בלעטעראַפּפאַל טריב און פאַרביק.
אַראָפּ־אַ־באַרג דער בריק,
דער טייך ביים זייט ציט שמאָל, שמאָל,
אין בלייכן זילבער פון דער קילער זון.

אין אַ הייל

האסט מיך געפּריוועט, געפּריוועט
און האסט מיך אויסגעפּריוועט.

איך האָב מיך פון דער וועלט דערוויטערט,
און ביי מיין דרייסיקסטן יאָר פאַלט שוין
דער שאָטן פון טויט אויף מיר קיל.

און ביי מיין דרייסיקסטן יאָר ליג איך
אין אַ ווינקל פון מיין לעבן שטיל.

צו־האסטיק יאָגן די גאַסן
פאַר מיין שטוב וואָס זינקט אין גרוי.

צו יונג זוניקט אויף דער זומער
מיט פרימארגנס ווי פעלדער אין טוי.

און ביים שכן אין שטוב שפּילט מען
און מ׳טאנצט ביז שפּעט ביינאַכט:
דאס איז געקומען די יונגע ליבע
און חתונה־יומטוב געבראַכט.

און ביינאַכט איז מיר געקומען צו חלום
מיין טאָכטער אין אַ שווארצן שלעפּ.
און איך בין איר נאָכגעגאַנגען
אין אַ הייל אויף טונקעלע טרעפּ.

אין איינגעבעטנקייט

שטאַרקער, הויכער, רייכער מאַן,
לאָז מיר דורכגיין ביים זייט פון דיין ברייטן וועג.
ניט פאַרשפּעט מיין געבויגנקייט,
ניט פאַרמשפּט מיין פאַרשעמטן גוף.
כהאָב פאַרבלאָנדזשעט גייענדיק,
גייענדיק פון הינטערן שטאָט אהיים,
פון מיין שפּאַציר אין אַלטן וואַלד,
ביים אַלטן וואַלד
גיי איך אַרום אַליין,
קיינער זעט מיך נישט.
קיינעם אַר איך נישט.
בין פאַרשאַלטן
קיינעם נישט־נאָנט זיין.
פרעמד פון גאָט
קאָן איך נישט ווערן.
קום איך הינטערן וואַלד,
אויפ'ן ברייטן פעלד,
אָן שטיבלאַך,
אָן מענטשן.
הער איך זיך איין
צו דער שטילקייט פון אַלע זייטן,
און האָפּערדיק ווער איך:
איך וועל לויפן אין מזרח,
דאָרט הער איך אים זשומען.
איך וועל לויפן אין מערב
פון דאָרט זע איך אים קומען
אויף הויכע ליכטיקע שטאָלצן.
און פון צפון, פון צפון־זייט
פאָרט אַ קליין וואַגנדל.
און אויפן וואָגן — אַ מענטשעלע.
אפשר איז דאס גאָר דער בעל שם טוב.

מיין בלוט

קינדערש שלאָפנדיק פּנים,
איך נעם דיך אָרום.
איך, דער קינדערשער
בין דיין שטאַרקער פּאָטער.
איך, דער אומרואיקער,
בין אַרום דיר — רו.
איך האָב איבערגעלאָזן
אַ האַלבע וועלט און אַ האַלב לעבן
און געשטעלט זיך דינען צו דיר.
מיט מיין פּאָטערשאַפט זיין דיין קנעכט,
און דו וועסט וואַקסן אין שיינקייט,
מיט ווייסע ליכטיקע אַקסלען,
מיט רויטן ווייַן אויף די ליבע ליפּן,
און נאָכדעם וועסטו זיך אָפּגעבן אַ מאַן.
דו, קינד פון מיין לייב, וועסט טראָגן אין דיין לייב
מיין אומרו און מיט איר באַרואיקן:
איך וועל זיין אין שטוב פון עלטער,
און דורך פאַרהויכטע פענסטער קוקן,
און זען דיך איינגעפּרי אין אַ גרויען מלבוש,
דורכלויפן די גאַס — אַ דינע פרוי,
אינם גרויען געוועב פון זאָרג
פון פריע מידע טעג,
און אָוונטן ווען מ'רוט אָפּ
אויפ'ן האַרטן אָנלען
פון דער אייגענער
איינזאַמער האַנט.

איינמאָל אין אַלטברוקלין

אָן אַלטע שטוב אין אַ פֿאַרזעענער גאַס.
אַ שמאָל פֿאַרעלטערט ווייבעלע אין שוואַרצן דלות־קלייד
ביי אַ פֿענסטער מיט איטאַליענישע קוכנס־ברויט.
עפּעס ווילט זיך מיר פֿונדאַנען ניט אוועקגיין,
כאָטש אויפֿן קאָפּ איז כמורנע און ס'הענגט דער רעגן
יעדע רגע אַראָפּצופֿאַלן קאַלט און קויטיק.
ווי אַלט ס'איז אָט־די אָפּגעלאָזענע גאַס
וואָס ווייטער קומען חרובֿ'ערע שטיבער,
ליגט אַ טונקעלע שלעפֿעריקע שלאָפֿלאָזיקייט.
אפשר שטייט ביים סאַמע גרויען ברעג דאָרט
אַ בלינדער שוואַרצער קלויסטער,
דער קלויסטער פֿון די שלעפֿערס.
כ'האָב קיינמאָל און פֿון קיינעם נישט געהערט
פֿון אַזאַ־מין קלויסטער אויף דער גראָער ערד.
נאָר דאָ, אין אָט דער גאַס איז מיר געקומען אין זין:
דער עלנט ליגט דאָ ווי אַ גרוי־פֿאַרכמאַכטע שפּין,
איבער דער פֿאַרוואַרלאָזטקייט פֿון אַלע שטיבער.
כ'וואָלט מורא געהאַט דורכפֿירן דורך דאַנען
אַ קליין קינד מיט אַ ווייס פּנימל,
און — ווי היימיש איך פֿיל זיך דאָ.
כ'בין מיד פֿון גאַנג אַ גאַנצן טאָג
און אין שטוב וואַרטן אויף מיר ווייב און קינד,
אָן אַנדערשמאָל וועל איך נאָך קומען אַהער,
און ווידער קומען צו אָט־דעם שוואַרצן קלויסטער
דער קלויסטער פֿון די שלעפֿערס,
און שוין פֿאַרבלייבן דאָרטן

אָן אָנהאַלט

צו גאָלדענע יומטובים וועט מען אונז נישט רופן.
איינגעזעסענע מענטשן שרעקן זיך פאַר אונזער אומעטיקייט.
פאַרוואָס? פאַרוואָס?

איך בלייב אָפּט אַזוי פונוויטנס שטיין אין וואונדער,
בשעת דו בייגסט זיך איבערן שלאָפנדיקן קינד
און הערסט זיך איין אין זיין אָטעם.

וואוהין וואָלסטו דען נישט געגאַנגען
אַנזאָגן אַ גוטע בשורה.

וועלכע פינסטערניש וואָלט דיר דעם וועג פאַרשטעלט
צו אָפּהאַלטן אַ מענטש פון בלינדן שטרויכל.

נו, דאָס זיינען רייד ווי מגידות, אַלטער מוסר,
און אַזאַ אייפערזיכטיקייט באַהאַלט זיך אויך צווישן די שורה'ס.—
די קנאה צו די זאַטע לייט ביי די טישן און אין בעטן.
איך לייקן נים: מיר אַליין טוט ווי פאַר דיר,
און פאַר דיין ערלאַכער שעמעוודיקייט,
פאַר דיין זיצן ווי אַן אַלטע שוין
אַ גאַנצן אָוונט היינט ביים טיר.
פאַר דיין אויסבאַהאַלטן זיך פאַר מיר
בשעת'ן אַנצינדן דעם לאָמפּ,
ווען אויפ'ן טיש איז געלעגן די האַרטע וואָך —
אַ האַלבער לאַבן אַלט-געבאַקן ברויט.

און — ניט דאָס דערשלאָגט אין שפּלקייט פון נויט.

נאָר,

אין סאַמע אַלטסטן קלייד ביזטו געשטאַנען אַנטקעגן מיר
אין דיין ווייסער ליכטיקער מיידלשקייט
און געוויזן מיר אויפ'ן קלאָרן פּנים פונם קינד,
און דיינע אויגן האָבן אַזוי ליב געמאָנט:

קאַלט איז.

דער ווינטער איז נאָנט.

דורכ אונזערע ווענט,
קאָן דורכגיין דער ווינט.

דורך דער סטעליע,
קאָן דורכנעצן דער רעגן.

איצטער זיינען נאָך וואַרים די ווענט, —
אפשר פאָרן אין אַן אַנדער שטאט?
אפשר אנשפאַרן־זיך אָן א וואַנט פון אַ פּריינט?
בלויז איבער היינט,
נאָר איבער היינט,
נאָר איבער היינטיקן טאָג,

און פאַרטאָג,
פאַרן גרויען פאַרטאָג
וועלן מיר פאָרן צוריק צו דיין פאַטער
איבערן ווינטער זיך צו שיצן.

וועלקנדיק

אין אזא שפּל לעבן, גאָט
גייט אַלץ פון מיר פאַרלאָרן.
און פילן וויל איך דאָס וואַסערזאַפּט
וואָס ציט ארויף פון דער ערד
ביז צו דעם ווייכן גרין פון בלעטער,
און פונם טוי, און פונם חן פון שטערן,
און פונם הייסן קוש פון דער זונס מויל
איבער די שפּיצן ביימער.

אַט וויל איך זיך אוועקוואַרפן
אינמיטן פעלד אויף דער וועלט.
נו, וואָס וועל איך דען פועל'ן.
כ'וועל זיך אויפשטעלן אזא בעטלערישער ווי געווען,
צוריק אוועקגיין אין בלאָטע פון הינטערשטאָט,
צוריק זיך אויסזוכן דעם נודנעם חבר,
צוריק אַריינכאַפּן זיך אין שענק ביי טאָג
און זיצן ביים פאַרשמאַלצעטן טיש,
און אין מיר וועט נאָגן קליינקייט.
און אין מיר קלאָגן שיינקייט
פון אַלץ, פון אַלץ וואָס ברענט
אין קרישטאָלן פון רייכע פענסטער,
און געזונטקייט פון פריידיקע פרויען
און אין דער ווייסער נאַקעטקייט און שלאַנקייט
פון איר. — אַ דו מיטן געשמאַקן נאָמען
און מיטן ווייניקן שווייגן אויפן פנים
ביז איך קוש עס אויס.

און נאָכדעם ווערט מיר נאָך אומעטיקער.
שפּעט ביי טאָג ווען איך גיי אָפּ פון איר
בין איך דער שליח פון הערבסט
און פון פאַרזעענקייט.
און פון גאָרנישט נישט געפינען צו טייער האַלטן
וואַרים האַלטן אין מיין האַנט.

א, ליבער פאַרנאַכט,

מיט דיין נאַנטן הימל,
די שטיבער שטייען גרוי
און הכנעה'דיק אַנטקעגן דיר.
דאָס קלויסטערל שפּיצט דין
מיט זיין איינציקן צלם.

ס'איז וואָרים נאָך.
דער זומער שטייט נאָך דאָ.
און איך — מיט לייכטן געלן וועלק
אין ליכט פון מיין פּנים,
און אין זייטיקער איינציקייט
אויף דער גרויסער ערד.

צו ח. ק.

אין דיר איז דא פרישע קעלט
פון טויטע בלעטער אויפן ווינט.
דערציייל מיר דיינע מידקייטן,
פאַרטרוי מיר דיינע מוראס.
איך וועל זינגען צו דיר גוטע לידער
איך וועל זיין דיין ברודער,
איך וועל דיר ברייט־מאַכן מיין שטוב,
איך וועל דיר גוטמאַכן דיין טאָג
וואס דו ברענגסט צו מיר קראַנק
און אונמוטיק.

מיט ווייטיק

בלינדע נאַנטקייט.
אַזויפיל שלעכטס געטאָן זיך
לאַנגע האַרטע יאָרן
איינער צו דעם צווייטן.

מיר וועלן בלייבן ליגן
קראַנקע קינדער,
מיט שווערן ווייטיק פון רחמנות
איינער צו דעם צווייטן.

ניט געקאַנט זיך טויטן,
און נישט — זיך אונטערגעבן
יענער שטילע רגע
פון גוטמוטיקן שמייכל
קוקענדיק אויפן דאַך
פון דער אַנטקעגנדיקער שטוב —
אונזערע שכנים פון צווייטן הויף,
יעדן אָוונט, געאָרמטע,
קוקן פון דער הויך
איבער גרויס־ניו־יאָרק.
ער אין זיין העלן געלן ראָק,
זי, אין איר בלויען מאַנטל.
יונגע זיינען זיי,
בלאַנקע זיינען זיי,
און מ'האָט זיך ליב.
מהאָט זיך ליב
נאָך מיט לבנה־אויגעלאָך,
גייען זיי אַרום אופ'ן דאַך פון הויז
ווי אויפן דעק פון אַ שיף,
און וואויל איז זיי
אויפ'ן ים פון ניו־יאָרק.

מיר, אַבער.

ווי אונטערערדיש,
אין שטומען הייל,
סאיז איבעריק אפילו

אנצינדן אַ לאָמפּ,
ווען סוועטר שוין פינסטער. —

דו — אין איין זייט שטוב.
איך — אין אַ צווייטן ווינקל.
איינגעמויערט אין די טויטע ווענט
פון לאַנגע האַרטע יאָרן.

בלינדע נאַנטקייט.
אַזויפיל שלעבטס,
אַזויפיל בייזס
געטאָן זיך.

מיר וועלן בלייבן ליגן
קראַנקע קינדער,
מיט שווערן ווייטיק פון רחמנות
איינער צו דעם צווייטן.

ריין

אָ טו מיך אויס פון מיינע יאָרן,
און פון מיין יונגקייט טו מיך אויס.
וואַרף אַראָפּ פון מיר מיין יוגנט,
ווי ס׳וואַרפט אַראָפּ דער ווינט
די לויזע שינדלען פון אַ דאַך.
און שנייד מיר אויף אַ דינע סטעשקע
און פיר מיך פאַרן האַנט פון מיין געפאַלנקייט אַרויס.

און —

טו מיך אָן מיט אַלטער אַלטער פרומקייט,
מיט אַלטער קלוגשאַפט זאַלב מיין האַרץ.
כ׳וועל מיין געליטנקייט אין שטילסטן שטיל דערציילן,
מיט ריינער רואיקייט פון תהילים־ניגון.
וועלן קומען צו די וואָס רוען ווייניק,
און שלאָפן נאָר איין שעה אַ נאַכט,
און זייער וואַכן איז אַ וואַרטן
אויף ווייטער אייביקייט פון רו,
דריי קליינע ווערטער און — זיי פאַרשטייען,
און זיי דערהערן, און זיי דערזעען
און נעמען מיך אין זייער מסיבה אַריין.
צווישן ווייסע בערד און רואיקע אויגן,
וועל איך אַזוי באַרואיקט שווייגן,
און ווערן ווי דאָס שווייגן — ריין.

קליינשטעטלדיקע

ווייט, קליינשטעטלדיק און אפגעזונדערט,
אין דער גרעסטער שטאט פון דער וועלט,
האב איך איינגענומען יאר נאך יאר און יאך נאך יאך,
און קיינמאל נישט ארויסגעשריען פון מיין איינזאמער נארע.
האבן זיך מיר אנגעקליבן עטלאכע קליינקייטן פון דער וועלט,
און איך פיל א ליבע לייבלאכע אייגנקייט
אין מיין באשערט ביסל ארימקייט.
ווערט מיר אמאל ברייט דער טאג,
און פארטרויט אין דער נאכט
שלאף איך איין און רו זיך אפ.
מיין יאך איז גרויס און לאנג,
און אזויפיל פארלוירנקייט טוט מיר באנג,
און געפאלנקייט דריקט מיך צו דר'ערד.
נאר — מיין קינד האט ערשט אנגעהויבן גיין אויף דער ערד,
און איך טו היטן איר יעדן טראט,
איר פיר איר פאר איין הענטל,
פארן צווייטן האלט איר גאט.
און אלע דריי,
שטילע,
קליינע,
קליינשטעטלדיקע,
אין א פאררוקטער גאס,
אין דער גרעסטער שטאט
פון דער וועלט.

דורך חלום

און דו וועסט קומען צו מיר,
כ׳וועל קוקן און קוקן אויף דיר:
דורך אַט־די יאָרן באַהעלטניש
ביזטו אַזוי אויסגעוואַקסן.
ווער האָט דיר גענייט אַט־די קליידער,
די ווייסע ליכטיקע זיידן?

און דו וועסט צום טיש אַרונטערבייגן
און קוקן, קוקן אויף מיר.
אוודאי האָב איך זיך געעלטערט,
אוודאי האָב איך זיך געבראָכן.
מיין גרויער קליינער פענסטער
ווייסט פון מיין עלנטיק זוכן
אין ווייסטע פאַרוואָרפענע ווייטן.
דאָרט זיינען געשטאַנען די ביימער
אין קעלט און טויט־ווינטער פאַרווייעט.
דאָרט האָט זיך דער ווינט געטראָגן
מיט אַ שאַרפן פאַרפרוירענעם פליגל
איבער די טויטע גאַסן.

חלומוואַר

.1

דו שיין פאַרחלומט גליק,
אויך צו אונז האסטו געדעדט
פון די געוויינטלאַכקייטן
וואָס זיסן אָן דאס ליבּ
אין ליכטיקע פיר ווענט בייטאָג
אין ווייסער וואַרימקייט פון בעט.

און פון זיצן אויפן דיל בייטאָג,
אין די פענסטער קעסטלען פון דער זון,
און דערציילן אַ מעשה צו אַ קינד
וואָס אַלע מאַמעס האבן דערציילט,
פון זינט די וועלט שטייט אויף דער ערד.

אויך צו אונז האסטו גערעדט,
(דו שיין פאַרחלומט גליק)
פון טעג וואָס וועלן בעסער־ווערן,
פון נאָנטקייט מיט נאָך עמיצן אויף דער ערד,
און בלייבן שטיל מיט ריינע טרערן
נאָר פאַר זיך אַליין אין די פיר ווענט.
און ס'געמיט בלייבט וואַכן קיל
און קאַלט ווי די וואַכע שטערן.
און די מינוטן פון דער נאַכט זיינען אזוי פיל,
און מען קאָן גאַרנישט הערן אַרום זיך
אפילו נישט דאָס גרילן פון אַ גריל.
וואס איז די פוסטקייט וואָס מ'רופט: שטיל?
וואס איז זי און וואס וויל זי און וואס טוט זי
און וואוהין פירט זי אין די פינסטערע וועגן
ביז ס'קומט דער טאָג מיט זון, מיט מזרח
צי מיט קאַלטן וואלקן און געלן רעגן.

.2

דו שיין פארחלומט גליק,
אויך צו אונז האסטו געדערט
פון קאָנען גיין מיט דער וועלט
וואוהין זי גייט און פירט.
פונם קליינעם וווינציקן ליכט
וואס יעדן איז באַשערט אין שטוב.

מ'באַגעגנט אַ מענטשן און מען זעט
ער האָט אַ נאָנטקייט צו אונז,
קוקט מען און מען קוקט זיך איין
איינער אין אַנדערנס געזיכט
און מדערזעט דאָרטן אַן ערלאַך ליכט,
און מ'האט ליב.

מ'האט ליב.

נאָכדעם איז מען מיד,
ווי מידע ערד פאַרנאַכט
אין די טעג פון הערבסט.

און מידקייט איז שמאָל
און ציט אוועק פון דער ברייט,
און שלעפערט, שלעפערט.

נאָר א מינוט
טוט זיך אַ כאַפּ און וואַך דאס אויג:

אין ווייטן מערב אַ גרינער שטערן שפילט
מיט אַ געשליפענער שפיז.

ליכטיקער טויט

עס שרעקט אַמאָל נאָך איבער,
נאָר עס זינגט ווי זון אַריבער
דאָס ערלאַכע, דאָס לויטערע געפיל:
דאָס ערשטע מאָל, דאָס ערשטע מאָל,
כ'וועל ליגן דין, וועל ליגן שמאָל
און — דו לעבן מיין זייט.
און אַלץ וואָס שווער און גרויס
וועט פון מיין האַרץ אַרויס.
און —
כ'האָב זיך צוגעגנעגט צו דיר
און איבער אונז איז פאַרמאַכט די טיר,
די גרויסע טיר פון דער וועלט.
עס־ווייט, ווייט — דער הימל גייט,
טראָגט דאָס פעלד גאָלדנברויט
און דער הונט — ביים פויערס טיר,
און די פערד — אין פערל־שניר
און אין גערטער דער געלער שיין
פון הערבסט און דער שאַרפער ווייַן
פון זיין פאַרנאַכט צובליט און גליט
אויף אַלע שויבן פון דער וועלט.
און מיר? —
עס שרעקט אַמאָל נאָך איבער,
נאָר עס זינגט ווי זון אַריבער
דאָס לויטערע, דאָס ערלאַכע געפיל.

עפנט

ביי אונז איז תמיד אומעטיק.
אין שטוב, אין גאַס.

און אנטלויפן קאָן מען ניט.
און אנטלויפן טאָר מען ניט.

ווייל פון אונזער אומעטיקער שטוב אַרויס,
דורך דער ענגקייט פון אונזערע גאַסן,
האבן מיר אוועקגעפירט מיטן שווארצן וואָגן
אונזערע נאָנטע,
אונזערע אומעטיקע.

ברייט איז צושפרייט איבערן בית עולם דער הימל,
און די פליגל פון דער זון
איבער קברים און גראָזן
און שוואַכע ביימלאַך.

קומען מיר אַמאָל אַהין א קוק־טאָן.

ביי אונז איז תמיד אומעטיק,
און אַ געבעט פליסטערט אין אונז
ווי אַ יונגער קראנקער פויגל:
עפנט מיר די וועלט,
עפנט מיר די וועלט.

טראַפּנס טויטע קעלט טריפט איבער מיין הארץ.
קאַלטער בלייַ בלינדט מיין בליק:

עפנט מיר די וועלט.
עפנט מיר די וועלט.

דורות

די גאָלדן גליק, וועסט וויגן קינדער,
און דורכן פענסטער דעם ווינטער זען —
ווייסע דעכער און ווייסע בוימער,
און גאַס און וועלט איז ווי געווען.

די צייט פון מאַמעס און משפחה'ס
איז נישט אַוועקגעפלויגן נאָך.
און אויף די ליפּן שפּילט אַ ניגון
איבער דער לאַנגער גרויער וואָך.

אַ פרייד, אַ פרייד פון גרויסע טעכטער
אין כלה־זיידנס אַרום טיש.
און אַזאַ סוד אין טראָט און — ווערטער —
אין זייערע בתולה'דיקע פּיס.

מען דאַרף מיט זיי קיין סך נישט ריידן,
און נאָכשוויגן זייער קומען שפּעט.
און נאָכקוקן אַזוי פונוויטנס
בשעת זיי ליגן שוין אין בעט.

אין דרויסן לייכטן די לאַמטערנס,
אין ווייסע רו שלאָפט שטיל דער שניי,
אַ נאַכט פון צניעות'דיקע וועלטן
און גאָט קוקט פון דער הויך אויף זיי.

איבעריקייט

.1

אזא מין שטיק מדבר פון גאס
פאר מיין פענסטער.

אזא מין שטיק טאג־גרוי מיט שטילקייט
וואָס טיקט ווי א הייזעריקער זייגער.

מקאָן ניט אוועקגיין,
מקאָן ניט אנטלויפן.
מקאָן ניט.

מקאָן ניט אליין זיך פארזינגען
און אויסטון פון זיך אָט די שמאטע
די וועלט,
אפילו ביינאכט.

ס'קלאפט א וואגן אין שלאָף,
און בייזע חלומות ווי הינט
קריכן ביי דער פארענטשע פון בעט.

איך כאפ זיך אויף.

וואס פאר א פנים איך האב
ביי דער הוילקייט פון פענסטער
אנטקעגן דעם הימל,
ווען די לבנה קומט אָן,
און נעמט קוקן אויף מיר.

.2

פון טיש צום געלעגער
געבויגענע אַלטקייט
און — בּ׳שלאָף זיך.

קומט אַן זונטיק,
אַזאַ מין שטיק גארנישט
אַט־דער גולם, דער זונטיק.

וואס הויבט מען אָן טאָן.
דער קלויסטער מעג קלינגען
פון הײנט ביזקל מאָרגן.

סטרויעריקט.
אומעטיקט,
נאָר — סליגט צוצויגן
אַן אומענדלאַכע גרויקייט
ביז טויטע ברעגן.

נאָר דאס וואָרט
ברעכט זיך איין
אין הכנעה:
גאָט,
און
עס פאַלט
ווי א שטיין אָפּ
אין האַרצן.

הלוואי וואלט געדענגט,
און די נארישע זון
וואלט זיך ערגעץ געדרימלט,
און איך אויך
וואלט נאך אפשר אנדרימלט געוואָרן
ביזן טויבן פארנאכט.

גאָלד

איך בין א שמאָל און קליין געפעס,
און דער וואונדער פון דער וועלט,
און דער טרויער פון דער וועלט,
האט געטריפט זיין גאָלד אין מיר,
האט געטריפט זיין גאַל אין מיר,
און גיך מיך אנגעפילט,
און ער גיסט זיך
גיסט זיך
איבער מיינע ברעגן.

דו הייליקער

דו ווייסט אזויפיל שיינס און גוטס
וואָס ווארט אויף די פארהוילענע וועגן
און די אויגן דיינע גיבן רו.

ווי וועלן מיר קאָנען ווארטן,
ווי ווען מיר קאָנען גלייכע קומען
ביז צום אָפענעם טאָג.

דו ווייסט אזויפיל רו און רייך,
וואָס בליט וואו אויף פארהוילענע וועגן.
און דיינע אויגן ווארימען.

דער אָרימאַן פון אונזער גאס,
וואס גייט אריין אין אונזערע שטיבער,
ער רעדט דערפון
און ער דערציילט,
און ער צוטיילט,
און ער צושיינקט
אלץ וואָס ער געדענקט
ווי פון א חלום.

און דיינע אויגן
ווארימען.
און דיינע אויגן
גיבן רו.

ליכטיק

פֿאַרגעפֿילן העלע, קלאָרע פֿאָרגעפֿילן.
שוועלן איבער שוועלן וועל איך איבערשפּאַנען,
ביז איך וועל דערגרייכן דיין באַלויכטן שטיבל
אין אַ שטילן אָוונט, אין אַ שטילן גאָרטן.

ווי די ריינע שטילקייט אין דיין אָוונט־גאָרטן,
וועט די טיר זיך פֿון דיין שטיבל עפֿענען,
וועסט מיר אַנטקעגנקומען מיט אַ פֿריינטלעך פּנים,
מיך פֿאַרבעטן ביי דיין טיש זיך זעצן.

אַלץ און אַלץ וועל איך דיר אויסדערציילן,
מיט אַ פֿריי געמיט וועסטו מיך הערן.
אָט־אַזוי בין איך אין פּיין געגאַנגען,
און בין איצטער צו דיין שטוב געקומען.

און איך וועל דיך בעטן: עפֿן מיר דעם אַלקיר
וואו מיין קינד טוט שלאָפֿן זינט ס'איז מיר פֿאַרלאָרן.
וועסטו נעמען מיך ביי דער האַנט, מיך פֿירן,
און אַ קרוין פֿון ליכטיקייט
וועט אונזערע קעפּ באַלייכטן.

התלבות

אָפּענע ברייטע בערד
און אָפּענע אויגן.
און רחבות אין די פּראָסטע רייד, —
פעלד אין דער וועלט,
שטאָלצער וואַלד
אין גאָלדענער זוניקער רייף
פון רייפן זומער.

התלבות נעמט אַרום די וועלט
און די לויב ברענט —
בלויער אָפּענער הימל.
עס זינגט ווי פון קינדער:
גאָט, גיב אַ רעגן.
גאָט,
האָב אונז ליב,
האָב אונז ליב,

טרויריקייטן

די טרויריקייטן קומען, קומען.
וואָס קאָן מען טאָן.
אונזערע עלטערן זיינען דורכגעגאנגען
אַ שווערן וועג און אונז געפירט
מיט שרעק און מיט שטאַרקייט
פאַר די קינדערשע הענט.
מיר זיינען נאָכגעגאנגען.
מיר זיינען קליין געווען.
מיר זיינען איבערגעבליבן
לעבן זייער ווייסן שטיין,
און — געגאנגען אהיים.

און אַלע ביכער,
אויף אַלע בלעטלאַך
איז פאַרשריבן אונזער עלנטקייט.
מיר לייענען די לידער פון פייגל
וואס פליען אוועק; פונם הערבסט
וואָס גייט אין גאָלד און פייער,
און איז אַ טרויעריקער קעניג
מיט קנייטשן אַרום די אויגן.
און אַלע לידער דערציילן און זינגען אַ משל
וועגן אונז וואס מיר קאָנען זיך ניט פאַרשטיין,
וועגן דער וועלט וואס מיר פאַרבלאָנדזשען אין איר,
וועגן דעם שיינעם טאָג וואָס מיר זוכן
מיט בלינדע פינגער און מיט בלינדע אויגן
זיין גאָלדענע טיר.

און —
טרויריקייטן, טרויריקייטן,
באַזעצן זיך און אונזערע מידיקע אויגן
ווי טונקלענדיקע רויכיקע קנויטן.

אָ, מיר ווייסן שוין אזויפיל.
מיר ווייסן שוין אזא לאַנגע טרויריקע געשיכטע
פון אונזערע עלטערן,
פון אַן אַלטער אַלטער וועלט,
פון אַן אפגערוקטער ערד,

און מיר בלייבן זיצן פאַרנאַכט
אינדערפינסטער פון געצעלט
אָן ליכטיקייט אין די געדאַנקען,
און מיט שווערע פאַרזונקענע ווערטער,
וואָס זיינען שווער און מיד,
ווי אונזערע הענט און פיס,
און קאָנען זיך נישט אויפהויבן
פון שוועל פון האַרץ.

אין אונזערע אויגן

מיר זיינען אזוי אָפּהענגיק
פון יעדן פינטל מיטן פון טאָג.
באַלד דערזעסטו מיך ביים טיר
מיט שווערע טונקעלע אויגן
אין דער וועלט אַריין.

און אַז די ערשטע קילקייט
פון סוף־זומער וואַשט די פענסטער,
דער הימל פילט זיין לויטערקייט. —
אָ, לאָמיר גיין — — —
כאָטש ס'איז נישטאָ צו וועמען
אין די זונטיקדיקע גאַסן ליגט צושפּרייט
אַן אומעטיקע קאַלטע ליידיקייט.
ווי קומט עס טאַקע, ווי,
מיר זאָלן דאָ אין שטאָט ניט האָבן קיינעם?

און אַזאַ קאַלטקייט ווייט אויף אונז
פון גאָר דער וועלט, פון גאַנ'ן טאָג.
מיר טראַכטן פון אַ ווייטער היימישקייט.
אָ אַלץ וואָס מען דערמאָנט זיך איז אומזיסט.
מיר קוקן זיך אַריין אין די אויגן,
מיר זעען דאָרט אונזערע ביידנס לענדער
אין ראַם פון בענקשאַפט, אין ראַם פון ליבשאַפט,
וואו אַזויפיל אַלטע וועלדער שוואַרצן אויפן האָריזאָנט,
און קליינע זייגען מיר אין יענע לענדער
און גרויע בעטלער שלאָפן אין די גראָזיק־פייכטע ראָוון,
ווען איבערן פעלד צופליען־זיך שוין די ראָבן,
און דערלפאַך קאָרטשען זיך און נידעריקן־איין,
נאָר קלויסטערלאַך פאַרדרייסן נאָך די שפּיצן קעפּ
צו די קאַלטע טיפע נעכט מיט וואָלפישע שטערן.

מיר זיינען

קליינעביימלאַך אויפֿ'ן רואיקן טראָטואַר ביי אונזער זייט,
מיר האבן די טרויעריקסטע אויגן.
מיר לעבן אינם אָרימסטן לעבן.
שטענדיק וועלן מיר זיך אנהאלטן איינס־אָן־אַנדערן
און זיך זאָגן טרייסטנדיקע ווערטער.
און מיר לעשן זיך און בלייבן אויס
צווישן אונזערע ווייסע ווענט.

אַז עס קומען די טעג און דער זומער פאַרגייט,
ווערן מיר נאָך איינגעשטילטער אין אונזערע רייד.
זיצסט לעבן פענסטער אליין און איך — ביים טיר.
איך ווייס — דו ביזט מיט מיר,
איך בין מיט דיר.

אַז מיר גייען אַוועק אַמאָל
הינטער די שטיבער אויף שפּאַציר, —
קליינע ביימלאַך אויפֿ'ן רואיקן טראָטואַר ביי אונזער זייט,
און אַ קלאָרע און אַ דורכזיכטיקע ווייט,
און די פרעמדקייט — ניט אזוי פרעמד, —

דערהערן מיר:
אין גוטן מוט האלט זיך די וועלט.
יעדער קליינער זאַך איז מיט דער גרויסער וועלט
און איינס מיטן אנדערן איז אָנגעבונדן,
און איינס אָנם אנדערן ווערט אנגעצונדן,
לייכט, לויכט און לייכט זיך אויס,
ווי אַ קינד שלאָפט איין
אויף דער מאַמעס שויס.

פון יענער נאַכט

האָסט נישט געוואוסט אַז דו ביזט טרייסט,
האסט נישט געוואוסט אז דו ביזט פרייד.
האסט נישט געזען ווי נידעריק אין אָרימקייט
אונזער וואוינונג צווישן די וואוינונגען שטייט.
און אויף דיין קליין קינדערש־זיין האָב איך גערוט
און פיין האט מיך מיט א חלב'ן ליכט אַרויסגעפירט
אין מיטננאַכט פון דער טיר אַרויס אין פינסטערניש,
האט מיר אנגעוויזן א סטעשקע,
איך זאָל לויפן זוכן דעם ווייסן מלאך
וואס לאזט נים שטאַרבן.

איך בין געלאָפן אויפ'ן נאַכטיקן שליאך
און דער נאַכטיקער שליאך איז געווען אזוי גרויס.
איז פון דער פינסטערער הויך געקומען צופליען,
א ווייסער שניי ווי א ווייסער מלאך.
און איך בין געלאָפן אויפ'ן גרויסן שליאך,
און דער נאַכטיקער שליאך איז געוואָרן ווייס,
אוי איך האָב געהערט דורכן ווינט ביי דער טיר
ווי דו וויינסט צו מיר:
קום גיך צוריק.
קום גיך צוריק.

בית עולם

איך בין געקומען
און האָב געזען:
דו שלאָפסט און ביזט
ווי דו ביזט געווען.

אַזוי נאָך קליין,
און אַזוי נאָך דין.
און דורכן העמד
די שמאָלע קני'ן.

די שמאָלע קניען
אויפגעקנייט.
און — דו ביזט מיד,
דו ביזט מיד.

האָב איך זיך צוגעזעצט
און האָב געוואַרט.
נאָך אַלע שטערן
האָט די נאַכט.

נאָר גאָר די שטילקייט
אין דער רו.
בייגט זיך מיין קאָפּ
צום האַרצן צו.

און מיינע קניען
אויפגעקנייט.
איך בין אויך מיד,
בין אויבעט מיד.

מיין נאָנסטע

ווען מיר זאָלן קאָנען פאַר זיך געפינען
אַ קליינע שטאָט מיט אַ גוטן קרוב,
אויף אַ שטילן ברעג פון אַ גאַס,
זיך צוזעצן און אָפּרוען:

נו, האָבן מיר געהאַט אַ וועג.
נו, האָבן מיר געהאַט אַ וועלט.

ווי נאָר מיר זיינען גרעסער געוואָרן
איז אונדז געוואָרן שווער דער טאָג.
האָבן מיר דערזען אַז גאָט איז ווייט
און קומט דאָ ווייניק אויף דער וועלט.

אין אונזער שטאָט
פלעגן אַראָפּקומען:
נביאים, זעער.
שלעפּערס פון דער וועלט.
און האָבן גערופן דאָס פאָלק פון גאַס
צו גוטס און גוטע טואונגען
פאַר זייער וועלט.

און האָבן דערציילט
פון אָרימעלייט,
פון הונגערעלייט,
וואָס לעבן אין שטויב אין הינטערשטאָט,
אָרימעלייט ווי מיסט אין שטויב.

און דאָס פאָלק פון גאַס
האָט אָרים קופּערגעלט,
האָט עס געגעבן זיין קליינע הילף,
פאַרן שטויב און מיסט
אין הינטערשטאָט.

און מיר,
איך מיט דיר,
מיר זיינען געשטאַנען פאַרנאַכט ביים סקווער,

פאַרנאַכט מיט בלויען אומעט און ליכט
אַריבער דער שוואַרקייט פון ניו־יאָרק,
און מיר האָבן זיך צוגעהערט וואָס איינער אַ יונג
מיט אַ פנים פון זינד און פון קרענק און פון פרייד,
(אַזאַ־מין באַרואיקט ניט־דאַאיקע פרייד'
האָט גערעדט פון גאָט, גאָטס זון
האָט גערעדט פון אונז אַלע,
אונז אַלע איבער דער וועלט
וואָס בלאָנדזשען און טאַפּן
אין פינסטערניש,
אין בלינדעניש,
אין בלענדעניש,
און זוכן אַן אָפּרו
דאָ און דאָרט.

דאָס איז געווען
אין דער פולטאָן גאַס
און ערב קריסטמאַס
איז דאָס געווען.

און ניט ווייט האָט מען געזען דעם וויליאַמסבורג בריק —
די שטיינערנע האַרף וואָס גרילצט און שפּילט
די ליריק פון ניו־יאָרק.

און מיר,
איך מיט דיר,
מיר זיינען ביידע אַזוי אָרים געווען.

מיר האָבן געזוכט,
אין דער לופט,
אין דער גאַס,
אין דער וועלט
אַ בילד,
אַ וואָרט
אַ משל פאַר זיך.
אַ שמייכל, אַ רוף.

און מיר האָבן געפונען

אַ וועג
וואָס פירט אין אַ געסל
אַראָפּ.

מידע שטיבלאַך שטייען שאַטנדיק גרוי.
(אַזאַ ווערט, אַזאַ פרייד פאַר אונז אין ניו־יאָרק)
מיר שעמען זיך נאָך פאַר דער וועלט: פון ניו־יאָרק
מיר שרעקן זיך נאָך פאַר דער וועלט: ניו־יאָרק,
און אַז מיר זעצן זיך צו אויף די קאַלטע טרעפּ
פון אַ גרויסן שטאָלצן שטיין מאָנומענט,
זיינען מיר אויך אַזוי שטיינעריק גרוי, —
אַ קליינער שפּל׳ער שטיין מאָנומענט
פון צוויי בעטלערשע אָרימלייט.

איך,
און דו.

מיר גייען אָפּ

אַזוי און אַזוי און מײַן וועלט וועט פֿאַרגיין,
און — איך האַלט זיך נאָך אָן אַן דײַן אָרעם.
מיר קומען צונויף זיך ביים וואַכיקן טיש,
און פֿירן שוין מער נישט קיין חשבון מיט זיך.
אַ פֿרייד אין דער שטילקייט פֿון אונזער נישט ריידן.
דאָס קינד אונזערס וואַקסט און רעדט,
דאָס קינד אונזערס דאַרף אָט־די גאַס,
עס כאַפּט זיך אַרום ביי דער פּאָלע,
און בעט זיך: די גאַס, די גאַס
גיב מיר די גאַס, די גאַס.

מיר זיצן אַליין אין שטוב,
אין שאָטן פֿון גלייכגילט מיט זיך.

עס שטייען די פּאַליצעס ביכער.
אַלטע, שוין אַלטע פֿריינט.

דערמאָנסט נאָך אַמאָל אַ נאָמען,
און דאָס געמיט בליט אויף,
נאָר —

זאָלן זיי רוען,
די שטילע
מיט די מיידלשע העלע פּנימער,
קיטס און שעלי
און פּושקין
און יעסענין.

נו, אין דײַנע און אין מײַנע יאָר,
וועלן זיי קומען אַמאָל נאָך צו־חלום,
צו אונזערע פֿענסטער.
ווען מיר וועלן זײַן
נאָך פֿאַרלאָזענער ווי הײַנט
און אונזער קינד וועט קומען
מיט אירע גרעסערע פֿריינט

און פֿאַרנעמען די גאַנצע שטוב.

און מיר וועלן זיצן ביים פֿענסטער
און אַרויסקוקן איבער דער גאַס
און קוקן, און קוקן און זען,
ווי עס קומט אָן אַזויווי פֿון ווייט
אַ פֿרעמדע, פֿרעמדע צייט
און פֿון אונז ווערט אַלץ אַזוי ווייט
אַזוי־ווי מיט הונדערט יאָר צוריק
אָדער שפּעטער.

אַלט־ברוקלין

און עלטער רוקט זיך אָן —
אַ וואָלקן פאַרן פענסטער.

זיי אָן איינגעשטילטער,
מאַך נישט פון קיין רייד קיין וועזן.

אין יעדן בליענדיקן פינטעלע
שלאָגט זיך אָן די קנאה.

גיב איר נישט נאָך.

דיין גאַס איז אָרים,
קוים פאַרבויט מיט שטיבער.

ס'איז הינטערשטאָט,
און די לויפנדיקע באַן
אויף איר שווארצן אייזן
קלאַפּט, קלאַפּט,
קלאַפּט איבער די דעכער דאָ.
תמיד.

אַן אָרימע איטאַליענערן,
טראָגט שפּענער אין אַ עמער.

און מיטן בלאַטיקן וועג ביים באַן,
גייט אַ מאַן מיט אַ ווייבעלע.
פון די אָרימעלייט דאָ
אינם געגנט.

מ'וועט נאָך דאָ אַמאָל
צעמענטירן די גאַסן
מ'וועט נאָך מאַכן שיין און גלאַט
די טראַטואַרן.

דערווייל איז דאָ נאָך
אייגנאַרטיק־שיין.

אַ סך יונגע ביימלאַך,

מיט העלע געלע בלעטלאך.

סוף זומער
שלעפערט, דרימלט דאָ די וועלט,
וויגן זיך די ביימלאך,
קרענקלאַבע, מידע.

און אינמיטן טאָג,
דורך כמאַרע,
גייט דאָס האַלבע לבנה־רינגל דורך,
אָן אָרימס,
אָן אַ פונק ליכט,
רירט זיך שוואַך,
ווי אַ דין פישל
אָן וואַסער.

ווי אזוי מ׳ווערט אַליין

זע, אזויפיל און אזויפיל מענטשן
ווילן איינס דאס אנדערע דערפרייען.
קומט מען זיך צונויף אינצווייען,
גייט מען שטיל אוועק אינצווייען,
רעדט מען, רוט מען, טוט מען, טוט מען,
און מען מאַכט אַלצדינג אינצווייען,
צו דערפרייען זיך אינצווייען.

און אַז איינער ווערט שווער דעם צווייטן,
שטייט ער אויף אויף אים און שרייט, און טרייבט
און יאָגט און שלאָגט און טוט אים טויטן.
און אַז איינער האט געטויט דעם צווייטן,
ווי־זשע קאָן ער קומען צו אַ צווייטן צווייטן,
ווערן זיינע אויגן דען נישט קאַלטער, קלענער?
ווערן זיינע אויגן דען ניט ענגער, שמעלער?
גייט ער אויף דער וועלט אַרום ווי אין אַ קעלער —
טונקל, טונקל, טונקל אין דער וועלטס גרויסן דרויסן.
קומט אָן ווינטער, קאַלטע ווייטן, טויטע ווייסן,
ציטערנדיקע ביימלאַך באַרג־אַרויף זיין געסל,
אַ הילצערן שטיבל, רויטגעפאַרבטע ווענט.
ווייזט אוים ליידיק?
אַ האַלבער דאַך פאַרברענט,
און אויפ׳ן טיר הענגט אַ קליין שלעסל.

קאַלט, שוואַרץ־קאַלט איז אין אַ ליידיקער שטוב ווינטער.
ליגט מסתמא אויפ׳ן אויוון דאַרטן אש, גרויקייט.
פאַפירן אויף דער ערד און שטוב,
און פראָסט אויף ווענט און טיר. —

אזוי טראַכט אַמאָל און קוקט דער איינער אָן אַ צווייטן
וואָס שטייט אָן אומעטיקער אויף אַ ווינטערדיקער גאַס
אויף אַ ווייסן קאַלטן שנייאיקן פאַס,
וואָס גייט אַרויף־אַ־באַרג.

אומגערעכט

איך האב טויזנט פליכטן
און איך טו זיי ניט.
כ'גרייט זיך צו פארריכטן,
און — בין תמיד מיד,

ליגן טויזנט פליכטן
ביי מיין טראָט צושטערט,
ווי אַ הויפן ברוכווארג
שערבלאך אויף דער ערד.

בין אליין צובראָכן
ווי אַ בוים פון ווינט —
פייניקונג פון ליבשאפט
פייניקונג פון זינד.

בעט זיך נאָר אַ וואָרט מיינס,
בעט זיך: בעט צו גאָט:
בין פארבלאנדזשעט, פיר מיך
אין דיין גערעכטער שטאָט.

שטעל מיך פארן משפט.
איך בין אומגערעכט.
טראָג ארוים דיין אורטייל:
דו ביזט אומגערעכט.

לייג איך זיך אנידער
שולדיק ביי דיין טראָט
אונטער דיין באשטראָפונג,
אונטער דיין גענאָד.

לעבן מענטשן

ש. גאָלדן

ערד

קראַנקע וואַסערלאַך
גייען אַרום דאָ אין הערבסט.
ליב און אומעטיק־שיין
איז דער שאָרך און דינער קלינג
ווען די וועלדער שיילן־זיך.
די קי רוען אין די שטאַלן.
די יונגע טעכטער זיצן אין הויז
און פאַר דער זון אויפן טיש
שרייבן זיי בריוו אין שטאָט
מיט אַזאַ טיפער גוטסקייט
צו די קרובים וואָס קומען אַמאָל
אויף אַ טאָג אַהער אַריבער
יונגע הינער גייען אַרום אין הויף
וואָס איז פייכט און פריש־קאַלט.
אין די פרימאָרגנס און בייטאָג
רוט אַ ליבע מידיקייט, אַלט,
ביי די טרעפ פון שטיבער. —
דאָס איז דאָס שטיל־לעבן,
דאָס קליין־לעבן, דאָס לעבן
וואָס האָט נאָך ליב און קאָן
דיך אַרומנעמען און צוזאָגן
דאָס טעלערל פון הימל,
און דעם גן עדן,
און דערווייל, אין דער מינוט
זיין געטריי און גוט
און דיר שענקען אַזאַ לויטערן הונגער
צום ברויט מיט פוטער און די רעטעלאַך
וואָס שמעקן נאָך מיט וואַסער פון דער ערד
און וואַקסן נאָך און זיינען לעבעדיק
אין דיינע הענט.

פרעמד

פרעמדקייט מיינע
צווישן מענטשן.

נעמט נישט אן די גוטסקייט,
נעמט נישט אן די ליבשאפט,
זאפט נישט איין דאס זינגען
פון די ברייטע אפענע פענסטער
פונם טעמפל אין גרינעם טאל.
ווערט אזוי פארקלינגען
יעדע גאלדענע הייליקייט —
פון דער רו,
פון דעם יומטוב,
פון דער זון
איבער די בייטן קווייטן
פון דער שטילקייט
אין טריט פון קינדער. —
ווערט אזוי פארקלינגען
גרוי איבער מיין קאפ.

פרעמדקייט מיינע.
צווישן מענטשן.

ס'גייט דאס פאלק אויף לויכטנדיק
אויף זיין שטאלצן פערד,
אנטקעגן הויכן יונגן קעניג
אין זיין שיינער קרוין,
שיקט דאס פאלק זיין ברכה.
אויף די פאטערס אקסלען
קלעטערן די קינדער,
פליעסקען מיט די הענט.
פרייד און העלע בענטשונג
צו דעם יונגן קעניג.

פרעמדקייט מיינע

צווישן מענטשן.

אויף דער פֿאַרלעגענער גאַס
שלאָפֿט די אָרימקייט מיד,
ווי אַן אַלטע קאַץ.
וואָסזשע גייסטו אום
אין דער מוטנער שפּעט,
און די לאַמטערנס וויגן זיך טריב —
אַלטע אינוואַלידן,
פֿרעמדקייט מיינע.

וועמען ווילסטו היטן?
אויף וועמען ווילסטו וואַרטן?
נאַכט וועט סמוטנע דורכגיין,
עפֿנט זיך דער מאָרגן.
קומט די זון אין פֿייער,
עפֿענען זיך טירן,
אָט־די גרויע טירן,
לויפֿט די אָרימקייט אַרויס
ווי אַ מויז פֿון נאָרע,
אַפֿילו אַ גוט־מאָרגן
וועט זי דיר נישט זאָגן,
נאַקעטער ווי דו ביזט
איז זי. —

פֿרעמדקייט מיינע
צווישן מענטשן.

סוחרים

גוט, אוי, גוט וואָס אַלץ וועט זיך אויסלאָזן
נאָר ווי אַ שווערער בייזער חלום.
און כ'וועל קומען צו אַ טאָג אַ לויטערן.
נו, באַשייד מיר כאָטש אַ ביסל
פאַרוואָס בין איך אומגעקראָכן
מיט אַ קליין צובראָכן לעבן אויף די שליאַכן,
און אין מאַרק זיך צוגעשאַרט צו מענטשן:
סוחרים, „זאָגט מיר, וואו, ביי וועלכער שטעל
זאָל איך זיך אַוועקשטעלן פאַרקויפן?
וואָס און ווי זאָל איך פאַרקויפן?

זיינען סוחרים חוזק מאַכער, חוזק־לאַכער.
סוחרים האָבן שפּיציקע נעזער,
סוחרים האָבן טעמפּע שטערנס,
כיטרע הינט אַזעלכע.

האָבן זיי מיר אָנגעוויזן
דאָ און — דאָרטן.
דאָ און — דאָרטן.
נאָר אַלע שטעלן זיינען שוין געווען באַזעצטע.

אַלטע אידן פאַרקויפן בייגל,
אידענעס פאַרקויפן לעקאַך,
איינגעלייט מיט שוואַרצע ברילן
פאַרקויפן פידעלאַך פאַר קינדער. —
אַלע ליבע אידישע קינדער
דאַרפן פידל שפּילן.

האָב איך געזען,
אַז דער מאַרק האָט פאַלשע אויגן,
אַז דער מאַרק איז שוין פאַרנומען
און ער שרייט מיט פאַלשע קולות,
סוחרימלאַך מיט שפּיציקע נעזער.

אַלטע אידן ביי די בייגל־שטעלן,
זיצן אָפּ שוין מנחה־מעריב,
ביי לאַמטערנס וואָס רויכיקן.

און — איך האָב אָוועקגעוואָגלט
אין דער איינזאַמסטער ווייט פון מענטשן.
נאָר אַ שטערן בליצט אין קלאָרקייט
פון אַ ווייטן הערבסטיקן הימל
נאָר אַ פענסטער פינטלט דורך מיין אויג — אַ פייערל
אין אַ דאָרפישן ישוב.

און אַ קלאָרער נאָכווייגען
גלעט די פאַרנאַכטיקע בלויע מערב'ן.

איך האָב דערקאָנט
אַ שטילע שיינקייט
קריכנדיק מיט אַ
צובראָכן לעבן
אַרום אַ שלעכטער
פיינטלאַכער ערד.

און גוט, אוי גוט וואָס אַלץ וועט זיך אויסלאָזן
נאָר ווי אַ שווערער חלום.

מיר

.1

אין אונזערע ווינקעלאַך איז גרויער שלום.
מיט וואָסער אָרימקייט מיר האָבן אָפּגעלעבט אונזערע טעג.

ביטאָג, ווען די זון איז וואַרעם, דערוואַרימט זיך אונזער שוועל,
גייט שטיל אַרויס די אַלטינקע, דאָס באָבעלע פון אונזער הויז,
זי וויל נאָך נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר צו אירע זיבעציקער.

דער שיינער דרויסן, דער זומער און דער באַרימהאַרציקער גאָט
וועלן שטאַרקן איר שוואַכע טרוקענע ביינער,
וועלן היטן אירע וואַקלענדיקע קליינע טריט
ווי דער מלאָך היט די טריט פון קינד.

מיר, נאָך יונג, נאָר מאַטע בלייכקייט שפּרייט זיך איבער אונז
ווי סווייסע ליילאַך איבערן אויסגעצויגענעם גוף אויף דער ערד.
ווי שטאַרק מיר האָבן געהערט אמאָל דאָס געזאַנג פון דער וועלט,
און — ווי מיט לעצטן אָרימברויט מיט אירע שטיקלאַך פרייד געטיילט.
און — געדענק דאָס גליק פון ערשטן פשוטן זיך פאַרוואונדערן:
אַ מאַרק מיט קלאַנג און רעש, פּריצים, הויכע שטאַרקע פערד,
און ווייַנענדיקע בעטלער־לירעס ביי דעם ברעג פון שליאַך.
און אונזער באָרוויסע קינדהייט איבערן מיסט פון גאַס.
און ווינטער, אין די העמדלאַך נאָך, ביי דער מאַמעס פאַרטוך:
לאָז אונז נישט אליין אין שטוב.

און דאָס אלטע באָבעלע וויל נים שטאַרבן.
און אַז מיר פירן איר אַרויף אַמאָל אויפן בית עולם אויף קבר אבות,
(דער ווינטער טאָג איז זוניק־קלאָר און שיין)
שטייט זי ביי דעם זיידנס שטיין אַ ווײַלע
און רופט אונז שוין צוריק אַהיים,
צום אויוועלע, צום גלעזל וואַרעמס און צום דרימל
אינם הינטערשטן חדר אָן אַ פענסטער.

.2

פון דער פייערלאַכער זינגענדיקער בראָדוויי
גייט אַ געסל און אַ וועגל צו אַן אומעטיקן פּאַרק אַוועק.
דאָרט ווייט סוף־זומער שטילקייט ווי אין אַ דאָרפישער גאַס,
דאָרט קומט דער היימלאָזער אין זיין אָפּגעקראָכענעם ראָק,

און זעצט זיך שלאָפן אויפן באַנק
אַנטקעגן קאַלטן וואַסערגלאַנץ.

זעצן מיר זיך צו דאָרט אויף אַ באַנק.
די לופט איז קיל.
אַ קאַלטע שורה לאָמפּן אַרויפבאַרג פון יוניווערזיטעט.

מיר רעדן, סרעדט אַרויס פון אונז אַ היימלאָזער קראַנקער פּיין.
מיר האָבן אַ פּאָר אָפּרו טעג, נו שלעפן מיר זיי אום
און שלעפּערן אַרום איבער ניו־יאָרק.

וואָס האָבן מיר אַהער געבראַכט?
אַזאַ מין עסנדיקן עסיקדיקן סם.
אונז איז אַזוי שווער צו הערן
מיט וואָס־פאַר־אַ פעסטקייט מענטשן טרעטן דאָ.

פון איטלאַך שטיין און מאָנומענט,
פון יעדער פייער שילד און רוישיקן אַנאָנס
פון די גלעקער־רופן פון די פייערוועגענער,
פון אומעטום שרייט דאָס צושרויפטע געזאַנג פון וויטמאַן
מיט גרויסע און צו־ברייט אומענדלאַכע שורה'ס פרייד.

נאָר פון דער פייערלאַכער זינגענדיקער בראָדוויי
גייט אַ געסל אין אַן אומעטיקן פּאַרק אַוועק.

געזאַנג

מ׳וועט אונז אַלע לאָזן צען מאָל איבערפּליען אויף דער ערד.
אין דער זיסער פרייד פון זומער און פון ליבשאַפט.
איר אַלע. מיט די טויזנט חנ׳ען אין די יונגע פּנימער.
מיטן וואונדער אין די אויגן, פעסטע רונדע פיס,
מיט אייער מיידלשאַפט און בחורשאַפט,
איר זייט אַ הימן צו הימל און ערד
אין דער צווייאיקייט פון געשלעכט.

צי האט איר נישט צען־טויזנט סימנים דערפאַר.
פאַרוואָס בייט זיך דען און בייגט זיך דאָס יאָר פיר מאָל?
פאַרוואָס האָט דער אָוונט אַן אַנדער שטימונג־סיגנאַל
צו אייערע זיך טונקלענדיקע פענסטער,
און דער פרימאָרגן אַן אַנדערן?

פאַרוואָס ווערט אייך פּלוצלינג גוט אינמיטן נאַכט
און קאָנט זיך איינלעבן אין לייב פון אַן אַנדערן
ווען איר דערמאָנט זיך אַז איר זענט אַזוי געפאָרמט,
וואָס איז אַנדערש־שיין און אַנדערש־גוט געפאָרמט.
און נאָכדעם קומט די פרישע מידיקייט און שטאַרקט אייך,
און מאַכט אייך ברייטער און פעסטער וואַקסן.

איך פאַרנעם אייער לעבן נאָר ווי אַ געזאַנג
פון הנאה פון יעדן קינד וואָס קומט צו אין שטוב;
פון עפענען פאַרזיכטיק דאָס פענסטער
צי זען אויב ס׳איז שוין זומערדיק
און צי דער ווינטער איז שוין אָפּגעפאַלן,
און צו די זון איז שוין געקומען נענטער
צו די שטיבער פון אייער ישוב.

פון אַמאָל

איך געדענק אַ העל שטיק וועלט.
די שטאָט פון מיין געבורט
איז נאָך געשטאַנען אין גאָרטנס.
הייזער מיט יערלאַכע פריילאַכע געבורטן
גאָלדענע הענער און געפלעקטע קעז,
און טויבנשלאַקן איבער די פענסטער,
און גוט איז געווען ווי ס'איז געווען:
דעם שניידער אויף זיין ברייטן טיש,
דעם שוסטער ביי זיין קליין טישעלע,
דעם חזן ביים עמוד מיט ליכט
און דעם איינאוויגיקן קאַטערינשטשיק
אויף זיין גרילצנדיקן קאַסטן־אינסטרומענט
אויף איין־איינציקן פוס.

און פאַרנאַכט האָט פאַרשמעקט
מיט שאַרפע ריחות פון גרעז און בוים
און הימל און ערד זיינען געווען היים.
די שטיבער זיינען געווען קליין,
האָבן מיר זיך אַלע איבערגעענטפערט
אין די הענט פון גאָט אויף אַלע מאָל,
אונזער קליינע שטאָט איז געשטאַנען אין טאָל
מיט אַן אַלטן שלאָס פון אַמאָל, אַמאָל,
מיט אַן אַלטער שול פון אַמאָל אַמאָל,
און מיט אַ בית עולם פון אַמאָל
און מיט זיידעס און באָבעס
פון אַמאָל, אַמאָל.

קאָרעספּאָנדענץ

שטיבער און שטיבלאַך בויען זיך.
משפּחה׳לאַך קריכן אַריין אין די טירן.
ווינטער הייצט מען וואַרים אָן די צימערן.
ווי גוט איז דאָרט די וואַרימקייט אין די נעכט
ווען אין דעם ליכטיקן לבֿנה־דרויסן
ברענט אַ קעלט אַז די וועלט ווערט פאַרפרוירן.
און לייִדיקע ביימער שטייען ווי פון ווייסן שטיין
און זייִנען אַריינגעקראַלט מיט נעגלדיקע צווייגן
אינם פראָסטיקן לייב פון דער נאַכט.

אָבער ווי נאָר ס׳ווערט פרילינגדיק,
און די זון נעמט זיך שפּאַרן דורך דאַך און ווענט,
שאַרן זיך שוין אויף אַלע פיר צו די טירן
די קלייניגקע מיטן פוך אויף די קעפּ.
זיי שמעקן ווי די הינטלאַך מיט די נעזער
שטופּן אין דער לופטן די מאָרדעס,
לעקן די פרישע ווייכע זון אויף די שוועלן
און שפּאַרן, שפּאַרן די טעמפּע קעפּלאַך
אין דער וועלט אַריין.

ריטער

מיין גאָט, דו שטענדיקער מיט מיר,
סוועט זיין אַ וואונדער
אַ גרויסער וואונדער
אַז מיר וועלן איבערוואַנדערן
די פערציק יאָר ניו־יאָרק און מאַנטרעאַל.
און שמאַכטעניש, און דורשטיקייט.
מיט דיר, מיט דיר, מיט דיר,
מיין גאָט, מיין דאָן קיכאָט
און איך, דיין חבר,
סאַנטשאָ פאַנטשאַ.

וואָס זעען מיר
מיט אונזערע פאַרגרעסערטע אויגן.
וואָס הערן מיר
מיט אונזערע פאַרגרעסערטע אויערן
אין די פּראָסטע פּראָסטקייטן
פון מענטשן, קינדער, ציגן,
שטובדעכער, ווייבערשע קעפּ
און ווייבערשע קיאַישער אויגן?
דו בוקסט זיך
און איך בוק זיך נאָך.
דו גרויסט זיך
און איך בלאָז זיך אויך
און נאָכדעם דערשמעקן מיר ביידע
אינדערפרי נאָך דער שמעקנדיקער נאַכט.
דעם שווערן ריח אין אַלע הייזער

מיין גאָט, מיין שטענדיקער מיט מיר,
איבער ברעג
איבער דער ברייט פון טאָלן,
דער סוף־זומער ברענט
און דעמפט מיט ברוין און רויט,
אַ קאַלטער בלוי פאַרלויטערט אין די הימלען
און מיר ביידע, גייען, גייען, גייען
שפּאַנען אין דעם מדבר
פון ניו־יאָרק און מאָנטרעאַל,

צוויי ריטערלאַכע יאָלדן קינדער
תמיד להוט נאָך לויב און ליד,
נאָך צוליִיגטע פייערלאַך איבער בערג

מיר ביידע, גייען, גייען,
צוויי ריטערלאַכע יאָלדן־קינדער
פון פערצנט־פערציקסטן יאָרהונדערט
ווי בייזוואונדער.

מיט פאַרגרעסערטע אויגן,
מיט פאַרגרעסערטע אויערן.
מיט פאַגרעסערטע שטערנס.

וויגליד

אין מיין פענסטער
קוקט אַ שטערן.
אויף מיין אינגעלעס באַק
צוויי טרערן.

אינגעלע וויל ניט
פרי גיין שלאָפן,
וויינט עס, וויינט
און־ווערט אַנטשלאָפן.

סוף פון טאָג.
טונקל־ליכטיק.
נאָר דער מערב
קלאָר, דורכזיכטיק.

פונם מערב
פונם טיפן,
זע איך קומען
גאָלדענע שיפן.

דורך די ברעמען,
דורכן חלום,
וועט מיין אינגעלע
זען זיי קומען.

שיפן, שיפן
אויפ׳ן הימל,
שטיל, פאַרביי
מיין אינגעלעס דרימל.

און גאָט...

און גאָט האָט צו דעם אָרימען
פּראָסטן פויערל אַזוי געזאָגט:
שטיי אויף פון די קני פאַר מיר.
איך האָב געהערט דיין געבעט,
און וועל היינט ביינאַכט
אַ רעגן איבער די פעלדער צושטראָמען.
כ׳וועל שניידן מיין הימל
אויף מיליקע פּאַסן פון פייער.
כ׳וועל וואַרפן מיט דונערס
אויף פעלדער און וועלדער.
נאָר רואיק און שטיל
וועלן קינדערלאַך שלאָפן אין שטיבער,
און שעפעלאַך אין שטרוי פון די שטאַלן,
און ווייבער וועלן איינזאַפּן אין זייערע לייבער
באַפרוכטונג און ליבשאַפט.
אינדערפרי ווען סטו אויפשטיין,
וועלן שטיין שוין די פעלדער צעוואַשן.
און ריטשקעלאַך דינע און שטילע
וועלן אַפרינען ביים ברעג פון די וועגן אין גראָז,
אַזויווי די טראָפּנס אויף לענדן פון מענער
צו די קרעפטיקע האָריקע פיס.

דעמאַסקיר!

מיט מענטשן,
מיט שטיבער,
מיט רייד
און מיט מעשה׳ס
און געשמאַקן רכילות
אויף אייגענע, שכנים
און פרעמדע.
מיט ליבע וואָס היט זיך
און וואַרט הינטער פענסטער,
אונטער נאַכט און רעגן.
מיט שיפּיקער שנאה,
וואָס צינדט אונטער שייערן
אין שמעקנדיקן נעכט
פון שניט־צייט.

מיט אמת,
מיט ליגן.
צוצווייג־זיך,
צו־צי — זיך
ביז לעצטער דערגרייכונג.
גיס ליכטיקן שטראָם אין מיין, לעבן,
עפן מיך אויף ווי אַ פעלד,
מיט צובליטקייט ביז אַלע ווייטן.
שטאָלץ מיך אויף ווי אַ בארג
מיט די אַקסלען אין דער זון.
פאַרשאָטן מיך אין נידער פון טאָל
און ווייאָן אויף מיר שטילקייט
פון טויטלאַכע טריט,
און פאַרטרוי מיר אין אויער:
ביזט מיד, מיד.
טו זיך אויס,
צי זיך אויס,
רו זיך אָפּ.

און —
נעם פון מיין פּנים די מאַסקע אַראָפּ.

אַ וואַסערטוי

קליין, קליין און אָרים
גיב זיך מיר,
ליב לעבן.

און איך וועל נישט פּאַלן
אין אומעטיקן פּיין
פון קנאה.

און צו זיין אַליין
וועט מיר זיין גרינג
און פרידלאַך.

און צו זיין אַליין —
וועל איך זיין ערד,
וועל איך זיין גראָז,
וועל איך זיין אַ וואָרים,
וועל איך זיין אַ טראָפּן
קילער וואַסערטוי —
ווייל זייער אַלעמענס מוטער
איז די זון.

הלוואי רעד איך שוין אויס
די לעצטע ווערטער פון זיך.
הלוואי טו איך שוין אויס
די לעצטע פאָרמען פון זיך.
הלוואי שטיי איך שוין אויף אין אַן אינדערפרי,
און גיי אַוועק פון מיין שטאָט און אירע איינוואוינער,
און מיין לעצטער פריינט אין לאַנגן ווייסן קלייד
וועט אויף מיר וואַרטן ביים טייך
ביי דעם פלויט פון בית עולם.

אַ תּלמיד חכם

אַלטע פּיס און ווייסע זאָקן,
אַן אַלט פּנים און אַ ווייסער באָרד.
נאָר די אויגן — לויטער־יונג פון עלטער,
ווי דאָס האַרץ איז קלאָר פון עלטער.
ער עפנט אויף די האַנט
מיט פינף ליכטיקע פינגער,
און ער טענה'ט:
אַ תּלמיד־חכם איז דאָס לעבן,
לערן און לערן.
אַ שורה צו צוויי
איז נאָר אויפ'ן פּאַרמעט,
איז נאָר אויפן בלאַט פאַרשריבן,
און דו מיינסט ס'איז אַ סך,
און דו מיינסט ס'איז אַן סוף.
אַז דאָס וואָס עס איז
איז נאָך אַלץ נישט פאַרשריבן,
אַז דאָס וואָס עס איז
איז נאָך אַלץ נישט דערזען,
איז נאָך אַלץ נישט דערהערט,
איז נאָך אַלץ נישט באַנומען,
ווי קאָן מען, ווי קאָן מען דען,
אַז ס'איז נאָך אַלץ אַזוי יונג,
ס'איז נאָך אַלץ אַזוי ווייט,
אויף דער ערד וועלט

אַ וועלט

די לויטערקייט פון גוטע אויגן,
די ליכטיקייט פון נאָענטע רייד.
און זע, דער זומער קושט די צווייגן
און יעדער שטוב איז אַ נעסט פון פרייד.

אין אַלע הייזער לאַכן קינדער.
אין אַלע הויפן שפּילן זיי.
און מעשׂות, וואונדער, מלא וואונדער
דערציילן באָבעס בלינדערהייט.

מיר אַלע גרויסע ווערן קליין נאָך
און כאַפּן זיך פון אומעט־אויף,
און — אַלע זאַכן זיינען שיין נאָך,
און אַלע וועגן — ועג־אַרויף.

דערצייל אונז פון דיין גרויסן שבת,
וואָס וואַרט אויף אונז אין דיין געצעלט.
מיר טאַטעס, מאַמעס, זיידעס באָבעס,
און אייניקלאַך אַ גאַנצע וועלט.

פֿון פֿריִער

פֿאַרשלעפּטע, פֿאַרשלאָפֿענע האָפֿנונג.
די מאָרגנדליך קריכן ווי ווערים,
און די ריחות פֿון וואָכיקער אַלטגעבאַקנקייט
פֿאַלן דעמפּיק פֿאַרמאָכט פֿון שימל.

עס דערהאַלט נאָך דאָס געפֿאַלענע האַרץ פֿון חלשות
דער האַרב־געשמאַקער דופֿט פֿון שפּעטנאַכטיקער קאַווע
אין באַלעגאָלישן אַלטן רעסטאָראַנדל.

די סעודה׳ס פֿון פֿריינט לאָז איך וואַרטן,
און די הײמן פֿון קרובים האָב איך ליב נאָר אינדרויסן.
איך קום אין זייערע גאַסן ווען די שטיבער שלאָפֿן שוין,
גיי נאָנט לעבן די ווענט און פֿענסטער,
פֿיל זייער אָטעם און רו אויף זיך,
און טייל מיט די טויבע שווער
פֿאַרזונקענע סענטימענטן.

און
פֿאַרטשעפּעט אין אַלטבאַלעבאַטישע גרונטן איז מיין פֿוס.
אין נאָנטקייט פֿון באַקוועמער פֿאַרזוניקטע רו אין ברייטע זאַלן
איז מיין העלסטע דערמאָנונג פֿאַרצוייגן.
אין פֿריִע פֿרימאָרגנס
ווייסלײלאַכדיקע געלעגערס,
אין פֿאַסן פֿון זון,
אין פֿאַסמעס סאַמעטשוואַרצע האָר
אויף פֿרישע ווייכע קישנס.
און אַ דינער גיגאָלדענער מה־טובו —
דער זיידע, אַ הויכער, אַ שיינער
אין טלית און תּפֿילין,
ביי די פֿענסטער צו די ביימער אין גאָרטן אַרויס —
די באַרן ווערן געל און צייטיקן.

צו קאַליאַ טעפּער

און אין אַ דאָרף וועל איך קומען.
ביי אַלע גאָרטנפּליטן אויפ'ן וועג
וועט שטאַרבן דער בלעטערפאַל.

אַ קראַנקע זון,
אַ קראַנקער אינדערפרי,
פון קלויסטער קופּאָלן און פון שטוב דעכער,
און פון קילע קעפּ פון ביימער,
וועט אַרונטערקוקן אַ ליכטיק טרויריק אויג.

איך וועל זוכן דיין שטוב,
און מיר וועט גוט זיין צו זען
דעם רואיקן גאַנג פון די מענטשן,
אין דעם דאָרף וואו דו וואוינסט.

און וואָס צווישן אַלע שטיבער דאָ
אין דער רו פון אינדערפריאיקער זון
ליגט אויך דיין שוועל.

און אַז איך וועל דיך זען פונווייטן גיין,
וועל איך אָפּווענדן מיין גאַנג.
מיר זיינען אַמאָל געגאַנגען איין וועג,
און ביי איין ברעג פון אַ קלאָרן שווייגן.
האָסט זיך דאָ געזעצט אָפּרוען,
און לעבסט דאָ אין אַן עקאָ פון אַן אַלטער וועלט
און אַז די קלויסטערס קלינגען דערציילן זיי
ווי עס לעשן זיך גערטנער,
ווי פעלדער דרימלען מיד
אין הערבסטיקער זון,
און זשומען טיף און זיס
פון גוטן רוען.

מיט אייך

פונם שוועל פון מיין הויז
איז מיין לעבן געגאנגען
זיך קלאָגן אין אייערע גאַסן.

אין אייערע גאַסן איז ווינטער געשטאַנען
און די נאַכט איז אין שניי שוין געוואַקסן.

כ'האָב געוואוסט,
אַז אין וואָרימער ליבשאַפט פון אייערע היימען
בליט אַ הייליקער הימן צום הימל,
פאַר ברויט און פאַר טיי,
פאַר קינדער וואָס ווערן געבוירן,
און בליען און וואַקסן.
פאַר דאַרע מינוטן פון אָפּרו,
פאַר האָפענונג אויף מאָרגן,
פון מאָרגן אויף איבערמאָרגן
און שפּעטערע שפּעטערן. —

פאַרן ליכט וואָס צוציגדט זיך אין זינען,
אַז סוועט אַלץ זיך אויפהויבן,
אויפגיין און וואַקסן
און אויפוואַקסן הויך און דערהויבן
ביזן הימל פון שיינקייט. —

און מיין לעבן האָט געקלאַפּט זיך
ביי אייערע פענסטער און טירן,
און איר האָט געהערט,
און אין שווערקייט פון טאָגיקע יאָרן
געפאַלן ביים פינסטערן ברעג פון די בעטן
אין טויטלאַכער מידקייט און שלאָף.

און —

צום שוועל פון מיין הויז
איז געקומען דער עלנט פון אייערע גאַסן זיך קלאָגן.
מיין הויז איז געלעגן אין טרויער פון טויט,
טיר און פענסטער אין שוואַרצן
פאַרלאָרן.

ס'איז געלער באַגינען געוועזן.

כ'האָב געהערט ווי עס וואיען אַון וויינען
די הינט פון דער גויט צו דער זון
וואָס גייט אויף אונטער וואָלקנס.
נאָר טיף און באַהאַלטן,
אין מיינע פיר ווייסטע ווינקלען פון הויז,
דאָס געביין פון פאַרבלוטיקטער ליבשאַפט,
האָט פון פאַרלוירנקייט גערופן, געבעטן:
קום, רייס מיך אַרויס,
קום רייס מיך אַרויס
מיט דיין גרייטקייט
און פאָטערשאַפט.

קום.
צינד אָן אַלע לאָמפּן.
אַז זיי לעשן זיך אויס
צינד אָן ווידער.
צינד אָן.
צינד אָן.
סווערט פינסטער,
סווערט פינסטער.
אָט זיינען די לאָמפּן
זיי הענגען אין פינסטערער הויכקייט
מיט שוואַרצע קנויטן.
צינד אָן אַלע לאמפּן,
סווערט פינסטער.

ביים שוועל פון מיין הויז זענט איר אַלע געשטאַנען
מיט טרויער אויף אייערע בלינדע קליידער.
און אויף אייערע קעפּ איז געפאַלן די טעמנע פאַרצווייפלונג
פון מיינע פאַרשעמטע אויגן.

אָן טרייסט

און ער איז געשטאַנען פֿאַרנאַכט ביי זיין וואַרשטאַט —
אַ הילצערנע שטאָל.
ווייסע פרישע אויפגעשטעלטע טישן,
בענק, שאַפעס, לאַנגע ברייטע ברעטער.
סהאָט געשמעקט מיט פרישן האָלצהאָניק,
האַלץ־פעך —געשמאַק און רייציק.
אַנטקעגן דער אָפענער טיר
איז געלעגן אַ שטיק ערד,
און זיך געגרעזלט אין העלן פרילינג.
עס האָט געשמעקט מיט נייקייט, פרייד,
מיט הנאה און מיט גוטסקייט.

ער איז געשטאַנען און געהובלט און געטראַכט:

הלוואי וואָלט ער געקאָנט גיין צום בערגל
און אויפוועקן פון דאָרט זיין קליין מיידל:
„טאַכטער, גוט קינד, שיינע,
איך האָב געזען שוין צוריקגעקומענע פייגל
און דאָס גראָז האָט זיך שוין צוריקגעוויזן.
האָב שוין באַגעגנט אונזער זיידעלע
אויפן שטעקן אָנגעשפאַרט
ביים שוועל, פאַרטראַכט.
פון וואָס? פון דעם פרילינג
וואָס קומט נאָך צו זיינע זיבעציקער יאָר,
ווי אַ צוריקגעבליטער גראָז.
אין זיין איינגעשרומפּן האַרץ.
בין מיט אים געזעסן אויפ'ן שוועל, געשמועסט
פון קלייניקייטן, פון אונזער אָרימקייט, פון מתים
אין אַ וויטער וועלט וואָס לאָזן זיך נאָך דערמאָנען
ער האָט דיך דערמאָנט מיט אַ טרויריק וואָרט
און מיט אַ ווייענדיקער ליכטיקייט.
ער איז געבליבן שולדיק זיצן אויפן אָרט,
און שווייגנדיק מיך פאַרן אַקסל אָנגערירט
און נישט געזאָגט קיין טרייסט.“

גן־עדן

זי איז בלאָנד און מאַט־געל,
מיט אַלטער רויטקייט אַרום די אויגן.
נאָכגיביק טריפן די רייד פון אירע ליפן,
איבערגעצוקערטער גוטסקייט און וואוילשאַפט
פאַרמאַכט איז איר טראַכט פאַר געבערן
און טרוקן אירע אויגן פאַר טרערן.
דאָס בייזע מזל רייסט אַרויס פון איר בעט
אַפילו דעם ביסן אומפרוכטבאַרע ליבע
פונם ווייכן און ניט שיינעם מאַן.

איר מאַן איז אַ לאַנגער
מיט פאַרוואַסערטע אויגן,
קריכט ער אַוועק זיך
ערגעץ אין הינטער־ניו־יאָרק
און ליגט דאָרטן אָפּ
אַ שטיק זינדיקע וואָך
און קריכט קוים אַרויס
שפּעט אין פרייטיקצונאַכטס
קוקט זיך אַרום
אויף דער גאַס אַרום זיך,
און דערמאָנט זיך
אין וואָסער אַ זייט
ער דאַרף זיך פאַרנעמען אַהיים.

קומט ער שפּעט און קלאַפּט אין טיר
עפנט זיך אויף די טיר:
ברענט אַ קליין לעמפּל אין קיך.
דרימלט די קאַץ אויף אַ שטול,
שטייט אַ פלאַש מילך אויפן טיש
וויינט אַ געוויין אַ באַהאַלטנס אין אַ בעט.

און ער, דער לאַנגער,
מיט פאַרוואַסערטע אויגן,

גייט זיך רואיק אין בית־הכסא אריין.
דרייט אויף דאָס לעמפּל אין וואַנט
און זעצט זיך אוועק מיט אַ צייטונג אין האַנט
און לייענט: „ווערטער הער רעדאַקטאָר,
מיין מאַן גייט אין שלעכטע וועגן,
ער טוט מיר מיין לעבן צוברעכן,
און לאָזט מיך אַליין מיט די נאַקעטע פיר ווענט
ביי טאָג און ביי נאַכט און יומטובים.
וויל איך אייך בעטן אַ ראָט".

לייגט ער אוועק דאָס בלאַט,
און פאַררוויכערט אַ פרישן פאַפּיראָס
און נעמט פון אונטערן פאַסיקל לעדער אין הוט
ארויס פון דער „זי" דעם פּאָרטרעט:
אַ ווייסע, אַ גראָבע, אַ נאַקעטע
צוויי שווערע ווייסע פיס,
אַ קאָפּ מיט אַ שווארצן שויבער
אזויווי אַ שד'ישער לייב
און אויגן — „ווי קוילן".

גאַווערן זיך זיינע וואַסעריקע אויגן,
קוקן און היצן און בליצן.
ביז ער דערהערט
אין טומאַניקן גלאָז פון דער טיר
אַ גרינגן, גרינגן באַריר:
קום שוין ארויס אמאָל.

נאָכגעלאָזט שטייט זי פון יענער זייט טיר
מיט די באַרוועסע פיס אויף דעם שטיינערנעם דיל
אירע פיס זיינען הייס און דאַר
און דער דיל איז קיל.

דערוויל

.1

זינגט מיר און זשומעט מיר אין אויער א קלאנג:

ביי גרעניצן ווארט איך אויף דיר,
ביי ברעגן פון שטעט און פון שטיבער.

נאָר איין טאָג שלעפט דעם צווייטן אוועק פון מיר,
און אַן עלטער מיט מאָך און מיט שימל
האָט אויף מיר זיך פארזעצט.

אַז איך קום צווישן די וועלכע גייען אין צענטן,
און בלייב אליין מיט זיך קיינמאָל נישט איבער,
שטיי איך שטיל ביי דער טיר אַ פארלייקנטער.

און איך טראַכט און איך ווייס:
אַט־אַזוי־ווי דאָסדאָזיקע שטאַרקע און גרויסע לאַנד,
דאָס וואָוויליונגיש גראַביונגערישע לאַנד,
וואַקסט מיט שטיינעריקע אַקסל
מיט ריזיקע פלאַכע און שפּיציקע קעפּ,
אַזוי זיכער ווי דאָסדאָזיקע מעכטיקע וואַקסן
אַזוי זיכער ברעך איך צונויף און איך פאַל
אין צופאַל און צושטויב.

נו, ווייל איך זוך אָפּ נאָך דערוויל
דאָ אַ האַלבן טאָג, דאָ אַן אָוונט.
לייענט מיר אַ מיידל פאַרכלינעטע לידער,
מאַכט מיר אַן אייגענער ברודער אַ סעודה,
און גיט מיר אָפּ כבוד אַזויווי דעם פרעמדסטן,
מיט טיי און מיט ווײַן און מיט זיסע געבעקסן.

נאָר איך ווייס:
איך ברעך צונויף
אונטער מיין ליד און מיין עלנט
און סוואַקסט אַריבער מיר,
אַ וועלט מיט שטיינערנע אַקסל.

.2

דאָס אָרימע אָרים ירושה׳לע,
ווינקלט אין טונקל פון הויז.

דער יחוס און שטייגער פון נעכטן
איידלט אראפ ווי א שפינוועבס אין זון —
א ראדירונג פון אן אלטן אידן. —

אזוי ווי מיין זיידע, פארזארגט
אין קילן אינדערפרי, סוף־זומער,
ווען ימים נוראים זיינען אנגעשטאנען
ביימער האבן גענומען וויאנען
גארטנס האבן זיך אויסגעליידיקט.

אט אזוי איז די וועלט — ווי א שפין,
אויף די איידעלע דרעטלאך פון דער מידלאכער זון,
געגאנגען און ציטריק געגילדט.
אין אונזער קליין מקום
האט א שיינקייט געשפילט,
און אין מיר ארייגעזונגען,
און אין מיר — גייט עס אויס.

.3

איז ביי אונז שוין אויפגעגאנגען די געפאלנקייט?
א ברידער דערוואקסענע, זאגט וואס טוט מען
צו אזא נישט־נחת׳דיקער לאגע פון א גאנץ קיילעכדיק פאלק?
לאנגע הענט האבן אונזערע בחורים צו די גאלדבלאנדע שיקסעלאך
פון די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען.
און אונזערע מיידן, ווי־צו־אונז,
שלאנקען אוים זייערע כשר׳ע ווייסע פים
צו די פלאקסנהאריקע שקצים.
אלט איז אונזער בלוט און ווייגט פון שווערן אומרעכט
פון גאט און פון מענטשן.
און און שווער איז אונזער געדאנק, און ווי פארנאכט
איז אונזער ווארט און אונזער בליק,
ווי־זשע פאסט עס אונז אז אונזערע אינגלאך
זאלן זיך פארחלומ׳ען אין לידער צו קלויסטערטע צלמים.
זיי האבן ליב דאס ביסעלע גאלד פון דער זון אויף זייערע שפיצן,
ווי דאס ביסל גאלדענע האר אויף די שיקסישע קעפ,
און מיר,, אלטע און פארשעמטע און פארמשפט׳ע,
ווי זאלן מיר זיי שלעפן צום משפט פון א סנהדרין.

.4

צי דען, אוי, דארפן מיר נישט דיין א ווארט

זאָל רופן אונז צו גוטס און ערלאַכקייט,
צי דען, אוי, דאַרפן מיר נישט דיין דערבאַרעמונג.
און דו, דו איינגעשוויגענער גאָט,
זיצסט לעבן אויוון ערגעץ אונטער א דאָרפישן דאַך
און דערוואַרימסט זיך די קאַלטע הענט.

שווער איז אונז דער טאָג
און שווער די שטאָט אַריבערטראָגן,
אַלץ אין קוילנשטויב פאַרשמירט, פאַררויכט.
אין די פּודיקע מידקייט פון די גלידער לייגט אונז,
וואַרפט אונז ווי אַלטע חורבה'ס צו דער ערד.

צי דען אוי, דאַרפן מיר נישט דיין א וואָרט
אפילו דורך דער אַלטער האַנט מיט דער צדקה־פּושקע פון גרויען בלעך,
זאָל אויפמאָנען דעם גראשנדיקן מעשר פון אונז.

אָט וועלן בלייבן אונזערע פאָטערס אין אונזער שטוב
טויב־שטומע זיידעלאַך מיט ווייסע קאַלטע קעפּ.
די דאַרע הענט, ווי הילצערנע, אַראָפּגעלאָזט,
די אויגן — פּוסטע גלעזלאַך ליידיקע.

צי דען אוי, דאַרפן מיר נישט דיין א וואָרט.

בייזעריק

מיר האָבן אַזאַ שווערן מזל.
מיר האָבן שוין געלעבט יאָרן אין דער וועלט,
זיך געפּייניקט, געפֿאַלן, זיך אויפֿגעהויבן,
בעטלעריש זיך אומגעשאַרט צווישן מענטשן,
ווידער פּיינט געהאַט די פּייניקער,
און צוגעהאַלטן זיך ביים גראָשן
וואָס האָט אונז געראַטעוועט פֿון שפּלות.

נאָר ביידע, ביידע,
ביידע האָבן מיר געוואוסט,
ווען די גוטסקייט און עניוות הייסט אונז אראָפּגיין
פֿון דער פֿאַרקראָכענער איזיאָלירטקייט,
און קוקן מילד און רעדן מילד צו מענטשן, —
ביידע האָבן מיר געוואוסט אַז — מיר האָבן פּיינט.
קראַנק איז אונזער האַרץ און וויינט,
נישט פֿון נאָכגיביקער ליבשאַפֿט,
נאָר פֿון איבערפֿלוס פֿון שנאה,
פֿאַרוואָס מיר קאָנען נישט בייסן,
פֿאַרוואָס מיר קאָנען ניט שפּייען אין פּנים,
פֿאַרוואָס מיר קאָנען ניט.

און אַזוי פֿינסטער זיינען מיר געלעגן באַגראָבן
אין דער פֿאַרראָסטעטער אָרימקייט פֿון שטוב.
ווינטער איז געווען. די פֿענסטער האָבן געפּראָסטיקט,
פֿוניענערזייט האָט דער מאַרק געפּראַוועט קריסטמאַס,
מיט פֿייערלאַכע פֿינקלענדיקע אילומינאַציעס.
און פֿרומע סאַלאַווישאָן־ווייבער האָבן אין פֿייקלאַך געקלונגען
מיט די נדבה־זילבערלאַך פֿאַרן אָרימען פֿאָלק.

צו א. מ. פוקס

כהאָב ליב צי בראַדיען אין די זאַפּטיקייטן פון דיין אידיש.
ווי אַנדערש קאָן מען צו דיר קומען
ווי צו אַן אַלטן גוטנברודער פאַרטאָג. —
די ראַסע ליגט נאָך אויף די שטויבן פון דיין שוועל,
און אויף די פענסטער פון דיין אַלטמאָדישער כאַטע
ליגט ערשטע זון מיט קושנדיקע ליפּן.
ווי אַנדערש קאָן מען זיך מיט דיר באַגעגענען
ווי מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע: גוטער־ברודער,
אַ שווערע האָרעוואַניע דאָס פּראָזע קנעטן,
דאָס פּראָזע־הובליען און דאָס פּראָזע האַקן.
די מענטשן דיינע לעבן אין רויען שטיין
און דו רופסט זיי, וועקסט זיי, שרייסט צו זיי,
קלאַפּסט אין זייערע שטיינערדיקע נאַקנס
און זיי דרייען אויס די קעפּ, די שאַרפע פּנימער,
(וואָס פאַר אַ ספינקסן־שאַרפע פּנימער.)
אַ וואָוויליונגערישער ראָדען פון אונזער ליטעראַטור,
הינטער וועלכן פעלז האָסטו זיך פאַרקליבן
און אַרויסגעהאַקט דאָס וואונדערלאַכע בערגל דיינס.
מיר, נאָך אַלץ, נאָך אַלץ די טרובאַדורן,
מיר גייען צווישן די יונגעביימער אין וואַלד
און פונדערווייטנס הערן מיר דעם שווערן הילך פון דיין האַמער.
זיי געגריסט, געגרויסט און אַ גוטמאָרגן דיר:
אונזער טאָג איז יונג און אונזער הימל — הויך.
די זון איז נאָך איר האַלבן וועג נישט צוגעקומען.
געשטאַרקט זאָל זיין דער שטאָל פון דיינע אָדערן,
און פרוכפּערדיק דער פעלז,
און זאַפטיק דער קיזלשטיין
אונטער די דונערדיקע קלעפּ פון דיינע האַמערס.

אַ היטער

אָ,ווייקל מיך אין וואָכיקן גרוי,
מיין אָרימער, מיין שפּלער טאָג.
נאָך גוט, נאָך גוט
וואָס אַלטע שמות זיינען פול מיט שיינגעזאַנג.
נאך גוט, נאָך גוט וואָס אַלטע גאַסן,
שטיבער מיר און קראַנק
שפּילן זיך מיט דינע פּאַסיקלאַך סופּטאַגיקער זון —
דאָס טרויעריקע מינץ פון בעטלער.
איך האָב ליב די איינגעבויגנקייט פון דער וועלט,
דאָ וואו מקומט נישט מערער, —
די באָבעדיקע הילצערנע שטיבער,
שטייען מיט פּאַרהאַקטע טירן,
מיט אויסגעשלאָגענע שויבן.
און אַ קלויסטער אַן אַלטמאָדיש,
אָפּגעקראָכן, אנדערוואָכן, פּאַרלאָרן, —
אָ וויפיל אומהיימלאַכע היימלאַכקייט,
אויף איטלאַך טרעפּל בעט אַריינצוגיין
ווי אין אַ זיידנס שטוב.

כבין בלינד צום גלאַנץ און קלאַנג
און הויכן וואוקס פון ניו־יאָרק.
און פיל זיך נאָנט און צוגעבונדן
צו דער לויטערקייט פון אַ פּריערדיקעך וועלט.
און יעדן אָוונט קומט אויך דאָ אַהער
אין די קליינע גאַסן פון ניו־יאָרק
אַ רואיקער שיין פון יענע גענאַדן.
אויף שטיינעריקע בריקלאַך ביי די שוועלן
ליגט ער.
פון די אויגן פון אַ הונט ביים טיר
קוקט ער אַרוים.

אָ ווייסע זיידענע שעהן פון זונטיק אינדערפרי, —
קליינע דערפעלאַך וואוינען אין ניו־יאָרק,
און איך בין זייער אָרימער היטער.

אָ בלויע זיידענע שעה'ן פון זונטיק פּאַרנאַכט, —
קליינע דערפעלאַך וואוינען אין ניו־יאָרס,
און איך בין זייער אָרימער היטער.

אָן טרייסט

די טרערן ליגן קאַלט אויף דיינע באַקן
אָן טרייסט. אייביק, אייביק אַזוי.
דו זעסט קוים און דיין קינד ווערט גרויס,
און דיין קליינע שטאָט ווערט גרויס.
די אַלטקייט פון דער צייט
וועבט שפּינוועבס אַרום דיר
און פאַרוועבט דיך.

און פון אוונט און אָוונט
גייען מענטשן נאָך מענטשן.

אין אַלע הייזער שטאַרבט מען.
אַלע דערוואַרטונגען קומען קרום.

אַלע אויסגעגליכטע וועגן
פאַרווילדעווען צוריק אין חורבה׳ס.

פאַרשפּיל דיין האַרץ.
איינמאָל אין אַ יאָרטויזנט
פליט דורך אַ מלאך איבערן הימל.

אַלטע אידן זיינען צוגעוואוינט צו גאָט,
צו דער וועלט ווי צו אַן אַלטגעזעסענער שטאָט.

און אויך זיי בלייבן פאַרשוויגן פון ספקות.

אין אַלע הייזער שטאַרבט מען.
און — אַלע דעכער פאַרבט מען
לכבוד פרילינג אין רויט און גרין.
און די זון — די גרויסע גאָלדענע בין
גיט אייביק איר וואַרימען האָניק
צו די קינדער פון דער ערד.

הערבסט

טיפע בלאנקע הימלען
און די ערד פארוועלקט.
נאָר די אינדערפריען
זיינען בלאָ און בליענדיק,
לייכטן דורך די וועלט.

הערבסט.
סאיז אַ וועג, אַ וועג אַזאַ
צו אַ שטאָט פון זילבער.
סאיז אַזאַ מין פארביקער טאָוול
צו אַ קלוגן ספר.

העלע, קלאָרע שורה׳ס,
אַזאַ שוואַרץ־אויף־ווייסן.

לייען, לייען דאָס שווייגן
פון די שטילע ווערטער.

דער וואָס דאַרף שוין ניט די פירות,
זעטיקט אים די גרויקייט
פון די ליידיקע צווייגן.
זעטיקט אים די רו
פון די ליידיקע צווייגן.

דאָס הויז — די גאַס

דאָס יונגע און דאָס פֿריילאַכע גייט אָפּ פֿון אונז.
און אַט־דאָס הויז — אַ וויפֿיל מאָל איך האָב זיך אָפּגעריסן דערפֿון
און — זיך צוריקגעקערט. געווען אַליין. פֿאַרשפּאַרט אין נעכט
און אינדערפֿרי אַרויסגעכאַפּט זיך אויף אַ ווייל
צו זען די גאַס וואָס איז מיר תּמיד פֿרעמד,
און ענג און ווייט און בענקט צו מיר נאָך נאָענטקייט,
און בעט זיך ממש: נעם מיך כאָטש אַמאָל ביים האַנט
און קוק מיר אין די אויגן אַמאָל אַריין,
און זאָג מיר שטיל, ווי דו ווילסט אַליין:
מאַמע.

און איין איז זי אונז אַ מאַמע אַט־די גאַס,
דאָ, אין איר גרוי און פֿוילן טריבן רויש,
ווי אונטערן סטעליע פֿון אַן אַלט הויז
האָב איך מיט דיר געזען זיך אַלע טאָג.
דאָ איז איטלאַכן פֿון אונזערע געגאַנגען קרום,
און שווער און — אַלט האָט מען זיך איינגעבויגן
אונטער אומליבן שלימזלדיקן עול,
און איינער פֿונם אַנדערנס האַנט
האָט געריסן און געצויגן דאָס שטיקל ברויט.
און אומבאַרעכנט זיך געפּאַרט בייניאַכט, געקינדלט
און זיך באַשווינדלט מיט אַזאַ בלינדן בטחון,
זיך אונטערגעגעבן, אומגעפֿאַלן אינמיטן וועלט
און זיך אַן איר צובראָכן.

און אויף אַט־דעם הויפֿן אומגליק
ליגן מיר, גייען מיר אַרום.
זאַט און ניט זאַט, מיד און מיד און שפּעט.
אָפּגעאייגנטע, אָפּגעזעגטע,
און אַן אויסוועג און דורך אומוועג
פֿאַרנאַכט ביים בעט זיך ווידער באַגעגנט,
נאַרישלאַך און קלוג דער בליק:
דו, דו, ביזט געווען גליק.
ביזט געווען ווייס און פֿריש און זיס,

און בלענדנדיק ארויסגעבליט אין בעט,
פון ביינאכט אין אינדערפרי אריין.
צוליב דיר זיינען געקומען די בחורים
און צוליב דיר זיינען געקומען די מוידן
און צוליב דיר האבן מיר אין א ראד
ארום גרויסן גרויסן טיש
געטרונקען וויין,
געטרונקען וויין
און — געטרונקען וויין.

דו, דו, ביזט געווען גליק
ביזט געווען וויים און פריש און זים.

אַ נביא'לע

אויף אונזער אָרים געגנאָד
איז אויסגעפאַלן צו דערזען נאָך
אַ נבילע, אַ קליינטשיק נביא'לע
מיט אַ פוטערן שטריימעלע,
שפּאַנט דורך אונזער האַוועניש,
און ס'איז אַ צער אויף אים צו קוקן.

אַז וואָס קאָנען מיר טון מיט אים,
נישט ביים טישקעסטל געלט אַוועקשטעלן
נישט ביים טיר די קונים רופן,
נישט אין נאַכטקלוב אָנצוטאָן די טאַנצשיכלאַך
די שלאַנקפיסיקע דאַמען.

און דערצו נאָך איז ער גרויס ביי זיך
און — איז דער גרעסטער עניו.
שטעלט זיך אָפּ אין מאַרק,
קויפט אַ בייגל אויף אַ פּושקאַרט,
לייגט עס אין זיין קעשעניע אַריין
און גייט געבויגן אַהיים.

שוין יאָרן־יאָרן
אַז ער גייט אַרום צעווישן אונז
אַלע טאָג איבערן מאַרק.
אפשר האָט ער נאָך אַ נאָרע ערגעץ.
(אָ וויפיל אַלטע הינטערשטאָט ליגט פאַררוקט
ערגעץ אין די ווייטעניש פון ניו־יאָרק).
און אין נאָרע ליגן אָנגעפּלאָדיעט
נאָך אַזעלכע ווי ער.

איז וואָס־זשע זאָלן מיר טון מיט אים?
פאַר אַ שמש אין דער סינאַגאָגע?
איז ער שוואַך נעבאַך.
פאַר אַ שומר אין דער סינאַגאָגע?
איז ער שוואַך נעבאַך.

און דערצו נאָך זיינען מיר אַזוי פאַרהאַוועט און פאַר'חוה'ט.

און דאָ דאַרפֿן מיר זיך אַלע דאָך באַנייען
און אַריינזיינגען אין אונזער גאָלדגערוקנטע סידורימלאַך
דאָס התקוה׳לע.

און אין איטלאַך הויז ביי אונז
זיצט נאָך אַ פֿאַרלעגערט זיידעלע,
זיצט און עסט און אידישט,
און — עס שטאַרבט ניט,
ווייס איז דאָס ווי זילבער
און עס שטאַרבט ניט.

וואס־זשע זאָלן מיר טון
מיט אַזאַ נביאלע,
וואָס גייט דורך אונזערע קלייטן יעדן טאָג
אַזוי אָרים, אזוי קליינטשיק,
און ס׳איז אַזאַ צער אויף אים.

נאָר איינער

איינער ווערט נאָר מיד
און דער איינער גייט אַוועק.
ניט שעלט זיין אָפּרו, מחנה,
ער בלייבט אַזוי אַליין.

די וועלט, די וועלט טוט וואַקסן
און יונג און שטאַרק איז איר ליכט.
און איינער נאָר בלייבט אין שטילקייט,
און דאַרף אַן אָנשפּאַר ביי גאָט.

טאָ לאָז אים אין רו פאַרן אַוונט
און לאָז אים צוזינגען זיין וואָרט.
און לאָז אים רעדן פון די טויטע,
די ווייטע וואָס זיינען געווען שיין.

פון אַ דור בלייבט אַ סטיל אַ שטילער —
מעבל און אַ בוך־אָרנאַמענט.
און אַ קלייד מיט ברייטע אַרבל
און אַ האָרן פון אַ הירש אויף די ווענט.

טרויער

דאָס שלעכטע ווערט ניט שלעכטער.
סווערט בעסער דאָס שלעכטס און דער אבל,
דער טרויריקער מאַן, גייט פון ווינקל ארויס
צו דער וואַנט מטן ליכטיקן פענסטער. —
ביים פענסטער שטייט אַ לעבעדיקע וועלט
קוקט ער אויף דער גרויסער גאַס
וואָס האָט אויך איר קלאַנג פון טרויער,
גאָר פֿארהילט אים מיט רעש,
מיט קינדער, מיט קולות,
מיט זון איבער דעכער,
און מיטן געברום פון האַרעוואַניע,
צו אָנפּאַקן אַ פּעקל שפּייז,
אויף אַ געזונטן טאָג,
אויף אַ קראַנקן טאָג.

נאַדיר אביסל יונגע קאַרטאָפל
מיין פֿאַרזאָרגט ווייב.

נאַדיר אַ קרענצל נייע מערן,
מיין אָרים ווייב.

נאַדיר אַ בינטל גרינע ציבעלעס
מיין מאָגער ווייב. —

אזוי ברומט די טאָגטעגלאַכע האַרעוואַניע
איבער די גרויסע גאַסן פון דער וועלט.

און דער מאַן, דער אבל ביים פענסטער,
הערט זיך איין צום געברום און טראַכט:
דער טרויער איז שוין איינגעשטילט אין מיר,
כ'וועל פֿאַמעלאַכן עפֿענען די טיר,
און ארויסשטעלן אַ פוס אויף דער וועלט.
מיין ווייב איז אליין, אין מחשבות פון טויט,
איז מיר שווער זי צו לאָזן אליין,
וועל איך איר נעמען פֿארן האַנט,
און מיר וועלן ביידע אינאיינעם גיין,
זיך שטעלן אונטערן רויש פונם יאָך,

און מירן בּרענגען אַהיים פֿאַרנאַכט
אַביסל יונגע קאַרטאָפֿל.
אַ קרענצל נייע מערן,
אַ בינטל גרינע ציבעלעס,
און אַ ברויטל.

מיד פֿונם טאָגיקן רויש
וועלן זיך וויגן אונזערע קעפּ איבערן טיש,
ביי דעם איבערבלייב פֿון אונזערע שפּייז,
אין די קאַלטע טעלערלאַך.

און איבער אונזער לויטערן פֿענסטער,
וועט זיך נידעריק, נידעריק אַראָפּלאָזן
דער גרויער פֿאָרהאַנג פֿון דער נאַכט.

וואוהין?

קומען צו מיר ליידיקע הוילע שעהן,
און — נישטאָ צו וואָס זיך נעמען.
און נישטא — וואוהין צו גיין.

לייען איך ווי מענטשן האָבן לענדער איינגענומען,
ווי מענטשן האָבן הייליקע ספרים אָנגעשריבן
און — אט־אָט די גרויסע מויערן און טורימס
זיינען דארפשטיבלאך געווען אמאָל. —
לייען איך, פארשטיי אַלץ,
און עס וואונדערט מיך נישט,
און עס וואונדערט מיך נישט,
וואונדערט מיך נישט
אין די הוילע ליידיקע טעג.

כגיי אין גאַסן.
צוואנציק שטיבער
און — איין קלויסטער.

וועל איך אנטרעפן דעם גלח,
וועל איך בעטן:
„גלח גוטער,
עפן מיר אַ ווייל,
נאָר אַ קליינע ווייל
דיין קלויסטער.

אין אַ ווינקל
וועל איך זיך פארנורען,
ליידיקע טעג זיינען מיך באפאלן.
כגיי ארום דאָ אין די גאַסן,
ווייס קיין אויסוועג,
ווייס קיין ברעג נישט.“

קום איך צו אַ פארק מיט גראָז און ביימער
לאנגע בענק מיט מענטשן,
קינדער,
זעץ איך זיך אויף אַ ליידיקע באנק אַנידער,
זיץ און קוק, און קוק:

ווייט איבער די בוימער,
א ברייטער הימלדיקער קופּל פון אַ קלויסטער
גלאַנצט אין זון פאַרבלענדט.

גייען מענטשן מיר פאַרביי,
קוקן זיך אום אויף מיר,
קוק איך זיך אום אויף זיי.
האָט מיך עמיצער דערקענט?
איך — קיינעם ניט.

גייען אויף מיר ליידיקע שעה'ן,
און — נישטאָ צו וואָס זיך נעמען,
און נישטא — וואוהין צו גיין.

אַהיימגייענדיק

מאַרק און מענטשן.
אַלטער מיטוואָך.

אויפ'ן אַקסל
און אויפן נאַקן,
נורעט זיך די זאָרג
און בעט:

ווי־ניט־איז
אויף זיך נישט פילן
אומקריכן די טעג
ווי ווערים.

נאָר אַביסל שטילן הונגער,
ווי אַהונגעריק קליין הינטל.

וועל איך היימלאָך מאַכן מיינע קינדער
ביז זיי שלאָפן איין.
זיץ איך מיר,
אַליין אַזוי,
ביי זייערע שלאָפנדיקע קעפּלאַך,
אַזוי שולדיק,
אַזוי זינדיק,
אַזוי אומעטיק
און קינדעריש:

כ'וועל אייך היטן
אויף אייערע אָרימע געלעגערס,
הינטער מיינע אומזיכערע ווענט.

ס'איז מיר אומעטיק
פון זיך אַליין,
און פון הערן
דעם רעגן גיין
דאַר און לאַנג
גרוי און לאַנג
איבער די גאַסן,
אין דער נאַכט.
און פון טראַכטן
פון אַ לאַנגען

לאנגן אינדערוואַכן.
פון ארומגיין
דעם פּאַלאַץ זוכן
אויסצובעטלען דאָרט
אַ גרעסערע נדבה.
און — איך טרעף נישט.

גיי צוריק.

מילדע זון פון אוונט
מילדערט מיין צוריקגיין
צו מיין שטוב.

אויף מיין אַקסל,
אויף די זאָרגן,
אַזא פיינלאַכע
פיינלאַכע ליבשאַפט.
אַזא ווייִנענדיקער,
ווייִנענדיקער באַגער.

אַלטברוקלין

צו טויזנט מענטשן פרעמד.
צו טויטע גאַסן נאָנט.
און אז עס ווייזט זיך פון אַ טיר
אַ מענטש אַן איינציקער —
וואָס פאַר אַ רייכע פרייד
בלויז די פאַרב פון זיין קלייד
דערוועקט ביי מיר.
ער שטייט אַזוי ביים טיר,
קוקט זיך אַרום:
די שטיבער שלאָפן
אינמיטן העלן טאָג.
די טאַפּאלן גרוי, אָן בלעטער,
די גערטנדלאַך ביי די טירן
אין מידע שלעפּערדיקייט.

ס'איז טאַקע זונטיק, יאָ,
נאָר אפילו מאָנטיק
איז דאָ גרויע שטילקייט.

טאָמער פאָרט אַ וואָגן דורך,
טאָמער גייט אַ רעגנדל,
די שטילקייט בלייבט דאָ גאַנץ —
אַן אַלטע באָבע איז זי,
זאט מיט וועלט) און טעג,
וועט נאָך לעבן, לעבן
אין איר רואיקייט.

(דו, דו גרויס-ניו-יאָרק,
וועסט קיינמאָל נישט אַהער אַרייַנקומען.)

אַפילו די פייגל וואָס נעסטן אינדערהויך פון די ביימער דאָ,
לאָזן אויך אַרויס אַזאַ מין מאַטן הייזעריקן קלאַנג אַמאָל,
ווי דאָס געזאַנג פון אַלטע מיידן,
אין אַלטע ווייך-טאַפּעטירטע זאַלן,
וואו טויבע שטויביקייט נעסטיקט
אין בושן פון בלינדן פלוש.

טויט

פאַרוואָס נישט אויפנעמען דעם טויט
ווי אַ גוטן און אַלטבאַקאַנטן קרוב.
אין וועמענס הייזער איז ער שוין נישט געווען,
מיט וועמענס קינדער זיך שוין נישט געשפּילט?
אינמיטן נאַכט דורך רעגן און חושך,
דורך בילנדיקע הינט און פינטלענדיקע לאַמטערנס,
איז ער געגאַנגען, איז ער געגאַנגען איבער דער וועלט
אין זיין נאַסן שוואַרצן רעגנמאַנטל —
ער איז געגאַנגען צו אונז.

און ער האָט אונז געלערנט,
אַזויפיל מאָל געטייטלט און געלערנט.
דאָס לעבן איז זיין הויז,
און ער הייסט אונז וואוינען רואיק.
און ער הייסט אונז און זאָגט אונז אָן
פון דעם און דעם זאָלן מיר עסן,
זאָלן' מיר ניט עסן און ווידער —
זאָלן מיר יאָ עסן און יאָ טרונקען
ניט וויסן און יאָ וויסן און —
אהין זאָלן מיר נישט גיין
און אהין יאָ גיין
און ער הייסט אונז און ער לערנט אונז.

ער קומט אַמאָל ווען עמיצער פון אונז
בלייבט אַליין וואַכן אין דער שפּעט,
ער זעצט זיך אנטקעגנאיבער אַוועק
און שמייכלט און רעדט מיט אַ גוטן הומאָר:

„צו וואָס ניט וואוינען פּשוט, אָרים,
שטיל און גוטמוטיק און אָרים.
ס'איז מאָדנע ווי איר האָט די ווענט
מיט בילדער און מיט גיפּסענע גאָטן באַהאָנגען
און אָנגעשטעלט אין די ווינקלען
אַזעלכע טויטע קאַלטע פּעדעסטאַלן, און מאָנומענטן

נאָך שפּינאָזאָן, באָטהאָוון
נאָך ברוכ'ן און זרחן
און אַנדערע, אַנדערע אַלערלייאיקע
גרויסמענטשן.

פאַרוואָס אַזוי זיך אונטערשפּילן
מיט מענטשן וואָס איך האָב שוין לאַנג
אַרויסגעפירט אין שלאָפנדיקן פעלד,
אונטערן גרינגן דומם פון שטיין, אונטערן
קאַלטן ליכט פון ביינאַכטיקע הימלען
צו רוען אין דער ווייט פון אַלץ און אַלעמען."

ער רעדט זיך אָפּ די עטלאַכע ווערטער
און גייט אַרויס. און דער מענטש
וואָס האָט דידאָזיקע ווערטער געהערט
ווערט רואיק, קליין און מיט ריין געמיט
און הויבט אָן וויסן קלאָר אַז אַלע טויטע, ווייטע
וואָס שלאָפן הינטערן שטאָט אין פעלד,
רוען — און מען קאָן וועגן זיי
נישט רעדן מיט קיין ווערטער.
נישטאָ וועגן זיי קיין ווערטער.
פונקט ווי מקאָן צו זיי ניט נאָנט זיין מיט לייב,
אַזוי קאָן מען זיי נישט נאָנט זיין מיט קיין לויב,
ווי מ'קאָן זיי נישט זען מיט די אויגן
און נישט אָנטאַפּן מיט קיין האַנט.

אָבער דער טויט אַליין וואָס קומט אין אונזערע שטיבער
ציילט אונזערע קינדער, איז אונז אַן אייגענער.
אַז ער נעמט אימיצן אַוועק פון אונז,
טוען מיר אָן אַזעלכע קליידער ווי ער טראָגט,
גייען מיר געבויגן אַזוי ווי ער גייט,
ער גייט און גייט און מיר קוקן אים נאָך.
ער איז אונז אַן אייגענער ווי דער אייגענער
וואָס איז מיט אים אַוועקגעגאַנגען
מיט צוגעמאַכטע בלינדע אויגן,
מיט אַראָפּגעלאָזטע קאַלטע הענט.

מענטשן

מענטשן, סאָלדאַטן, ווי איר הייסט דאָרטן,
אַז איר קריכט אַרויס
פון אונטערן ברוכווארג פון מלחמה,
זוכט איר אַרום אייערע דערפער,
קריכט איבער פּלויטן
מיט צובראָכענע לאַמטערנס,
מיט שטיקער בוימערשטעקנס אין די הענט,
ביז איר דערשלעפּט זיך צו די שטיבער.
און אין די שטיבער —
די אַלטינקע
זיצן ביי די ווענט
און שלאָפן מיד.
פאַררויכערטע טשייניקעס זידן
ביינאַכט אויף די אויוונס.
טרינקט איר אַלע טיי,
ווישט איר דעם שווייס פון די שטערנס,
פרעגט איר זיך נאָך אויף קליינע קינדער,
און ,אייערע קעפּ פאַלן מיד,
און איר שלאָפט און שנאָרכט
ביז דער ה־יי־ל־י־ק־ע־ר מאָרגנבלוי
קומט ליכטיק אין דער וועלט,
און קוקט אַריין צו אייך,
אויף די גרודעס האַרטער מידקייט
פון אייערע פּנימער,
און — דערקענט אייך.

וועגן אַמעריקע

אַ שטילער ווי אַ גלח איבערן גראָז פון זיין קלויסטערהויף
גיי איך אַרום איבערן רעש פון דער צוצונדענער בראָדוויי.
מיין באַגייסטערונג בלענדט אויף איבער דער פאַרלוירנקייט, אומעטיקייט,
פון לינקאָלנס וואונדערלאַך פּנים. — דאָס איז געווען אַ מאַן
וואָס האָט געוועלטיקט איבער זיין הערלאַכער וועלט.
אָרימע גאַסן דערמאָנען אָן זיינע טריבע גוטע אויגן
אָן דער שוואַרצער עלנטקייט וואָס האָט געטיפט אין זיי.
ער איז ווי פּאָ — עקזאָטיש, פרעמד פאַרן אייגענעם לאַנד
נאָר פּשוטער. — עס רעדט אַראָפּ פון זיין פּיזשאַק
גוטבחורשאַפט אונטער דער געטרייקייט פון אַ מאַמעס אויגן.
פון קענטאָקער לאַנען איז ער אַרויסגעגאַנגען
צו די מזרח־שטעט און — אַ פאַרטרויעטער פאָטער
פון ביידן פאָרגעפיל וועגן זיך און וועגן גאַנצן לאַנד,
איז ער אַרומגעגאַנגען פינסטער, שוואַרצגעקליידט
אין די לאַנגע וואַכע נעכט אין ווייסנהויז,
און האָט געזען קלעטערן די מיאוסטע שאַנד פון שקלאַפעריי
אויף אַלץ און אויף אַלעמען ביז איבער די הימלקראַצערס,
מיט גאָלד־און־בלוט געצונדענע אויגן.

גאָט

אין אָרימע שטיבער,
אין הינטערגאַסן,
ביים מידן סוף פון שטאָט
וואו אָרימלייט רוען אָפּ,
קומט אויך גאָט.

ער קומט העלפן,
קומט גוטמאַכן.
דאָס שווערע געמיט
פון חרטה און שולדיקייט.
און די פּיין פון געדולד,
דאָס וואָרט פון די ערלאַכע.

אין די רייכע שטיבער
קומט ער ניט.

אין די רייכע שטיבער
איז גענוג אַ הונט
זאָל היטן די טיר.
איז גענוג אַן אָפּגאָט
אויפ'ן פאַרביקן טאַפּעט
די קינדער און דער פעטן ווייב
צום פוילן שפּיל.

שפּינען

און די וואָס האָבן נישט קיין זכות,
און בעטן קיינמאָל גאָרנישט אויס ביי גאָט,
שטענדיק בלייבן זיינע ברייטע טויערן פאַרמאַכט.
זיי גייען אין דער שטומסטער פּיין און געשלאָגנקייט
פון זיין אומדערבאַרימדיקייט אָפּ.
ווער ווייסט ווי ווייט, וואו ווייט און וואו פאַרווינקלט,
אויף אַ שאָטנדיקער זייט פון דער ערד,
זיי שטעלן זייער איינגעהויקערט הויז אַוועק,
און פון דער זאָרג, און פון דער מידער מי
קומען זיי, געשלאָגענע שטומע הינט
צו זייער שטוב, צו זייער הויזגעזונד.
אַראָפּ־אַ־באַרג,
אַ קרומער בוים,
אַן אַלטער טיש,
אַן אַלטע הון,
אַן איינציק גרוילאַך הינדעלע,
דרייט זיך אַרום אין דער וואָכעדיקייט
און דער אומעט גרויט אין שפּינוועבס פון די ווינקלען,
וואו אַלטע שפּינען שלאָפן.

מיט אַ פּאַקל

איך בין געגאַנגען אין דיינע אָרימע שטיבער.
און האָב געזען דאָס קלאָרסטע ליכט פֿון ערלאַכקייט
אויף ענגע ווענט און אויף מידע שטערנס.
און האָב געהערט דאָס וואָרט פֿון ריינסטן אמת
פֿון שענסטן אמת און פֿון ווייטן וואונדער.

נאָר פֿאַרוואָס אַזויפֿיל קליינע קינדער שפּייזן
מיט סם און ביטערברויט.

דורות גייען מיט בליציקע שפּיזן
און פֿאַלן ביים פֿאַרנאַכט אין האָריזאָנט.

און איך, און מיין קינד און מיין פֿריינט,
מיר נייגן טריב די קעפּ אויף בלעטער פֿון געבעט,
און קאָנען קיינעם מיט גאָרנישט העלפֿן.

האָבן מיר געשוואָרן:
מיטן שטילסטן איינהילן אין זיך די טרויריקייט.

און מיט די געוויינטלאַכסטע ווערטער
זיך צוזאַמענריידן ווען דער עלנט
ווערט אייזן און שטיין אויפ'ן רוקן.

ווי אין אַ טרייסט טוליע איך זיך
צו די שטיבער אין נידעריקן געגנט:

דאָרט רוט דער ערנסט פֿון אַלטע,
וואָס גייען אויפ'ן שליאַך צו גאָט.

פֿון דאָרטן טרעט אַרויס איינער
מיט שוואַרצע פּאַסן צער אַרום די אויגן,
און גייט ביים זייט און זעט־אויס די וועלט
און קומט און זאָגט אָן אַ גרויסן גלויבן
אין די שפּעטע טעג.

איך וועל אייך זינגען

איך וועל אייך זינגען שיינע ווערטער
איך וועל אייך זינגען פון זיך און מיין סוד.

ס'איז שיין אזוי נישט צו זיין ווי איר אלע,
און אוועקגיין ווייט ווי אין מדבר אריין.

איך בענק נאך די ניט־דערהערטע געזאנגען
פון שטיין און פון בוים און אויך פון אייך.

איך האב אייך ליב ווען איר ווערט ווי קינדער
און גיט זיך איבער ליב צו לייב ווי א לויב.

איך האב אייך ליב, ווייל אייערע קערפערס
זיינען ווייס ווי שניי און ווארים ווי זון.

איך האב אייך ליב ווייל איר הייסט ווייבער
און אייער זיסקייט איז געשמאק ווי ווייַן.

אז מען טרינקט אייך אויס און מ'לאזט אייך ליגן
ווערט איר ווידער פול מיט רויט און ווייַן.

אין אייך וואקסן קינדער. מיר קומען שלאפן
ווי מידע פייגל לעבן אייערע פיס.

היט־אָפּ

היט־אָפּ די ליבע אָרימקייט.
און גלייך נישט אויס די קרומע גאַס,
און לאָז דעם הערבסט־זיין ווי ער איז,
מיט ווינטן־עכא׳ס ביים פֿאַרנאַכט,
ווי ווייטע וועלט.

און לאָז אונז מיט דער ליכטיקער פֿרייד:
הערמאַנען זיך אַ שלעכטן טאָג.
דאָס טרויעריקע פֿיינלאַבע גליק
נאָנט זיין צום וואַרימען געמיט,
פֿון בעטלערס איבערנעכטיקן
אונטער אונזער דאַך.

און אַלע פֿיר זייטן פֿון דער וועלט,
און די פֿיר צייטן פֿון דער וועלט —
רוען ריין און קליין אין שיינעם וואָרט
פֿון אינגלס אויסנווייניק ליד
אין בלויען לערנבוך.

רו

אויף דעם דאָזיקן ברויט, אויף מיין אָרימען טיש
רוט די האַנט פון אַ פּשוטער וועלט.
ביים אָוונטמאָל — יונגע קאַרטאָפל און פיש, —
ווערט מיין שטוב אַ פּאַרצייטיק געצעלט.

ביים פענסטער: ניו־יאָרק ווערט אור־כשדים, כנען,
און מיין שטוב — ביי דער וואַנט פון אַ וואַלד.
מיין געזינד: ווייב און קינד און אַן אַלטינקער מאַן,
קאָפּ און באָרד לויטער זילבער באַשטראַלט. —

מיין פאָטער. זיצט שטיל אין אַ ווינקל און רוט,
ווי אַ בענטשונג אַ ריינע וואָס היט,
און ס׳איז אַלץ אַזוי פרידלאַך און שלום און גוט,
רו און פרייד אין זיין מידיקן טריט.

פעלדער וואָך ביי מיין פענסטער אין רו פון פאַרנאַכט,
און דער וואַלד שווין אין חשונ׳דיק ליכט.
ס׳האָט דער הערבסט אַזאַ רויטלאַכן גאָלד דאָ געבראַכט
און איטלאַכן בוים אָנגערירט.

אַלטוועלט

דו וועסט דערלייכטן זיך, דערהויבן,
ביים שטויב, ביים שטוב פון אָרימאַן.
זיין גאָט, זיין גוט און האָב און גלויבן:
ס'איז נאָך אַ גרויסע פרייד פאַראַן.

ווייל דורכן ליכט פון גלויבן זעט ער
דעם גוטן מלאך אויפ'ן וועג,
וואָס גייט און וועט ערשט קומען שפּעטער
און מאַכן גרינג די שווערע טעג.

דער טויט דערווייל מעג סערפּן, שניידן,
די גוטע האַנט פון לעבן — זייט.
דער וואָרים וועבט־זיך זיינע זיידן, —
דער שיינער כּלה פאַר אַ קלייד.

און פעסט די שטאַנגען און די דראָטן
אויף אַלע שליאַכן פון דער וועלט,
מיט טעלעגראַמעס אָנגעלאָדן,
פאַר אַלע מאַמעס פון דער וועלט.

און דער צופליקטער אַלטער טלית,
און דער פאַרשטויבטער בוך אין שראַנק.
די גאָלדענע האָפענונג פון דלות,
וועבט העל און גאָלדנדיק געזאַנג.

און נאָר דערפאַר ווייל אויף די טישן
אין פּראָסטע הייזער פון דער וועלט,
אַ זיידע טוט נאָך תהילים מישן,
אַ חתן ציילט נאָך נדן־געלט.

אייביק

דער אָוונט צינדט אָן זיין מזבח,
פֿראַוועט אָפּ זיין פֿאַרביקן כּשוף,
און גייט אויס.

אונטן ליגט אין שלום דער ברייטער טאָל,
און אין דעם קליין־זיך ציענדיקן רויך
איז די וועלט שיין און רייך.
און אינם שלאָף פֿון הונט
ביי דער טיר פֿון הויז
איז די וועלט געזונט,
איז די וועלט גרויס.

און אינם קלינגען פֿונם בלעכענעם גלאָק
פֿון דער לעצטער קו אין פֿעלד,
קלינגט אָפּ אַזאַ־מין זיכערקייט,
אַזויפֿיל אייביקייט פֿון דער וועלט.

קלאָר

אז דער הערבסט קומט
טרעפט ער אויפ'ן פעלד:
א דין בוימל וויגט זיך אום,
און איינציקער פערד גייט אַרום
איבערן אָבגעגעסענעם שטרוי.
און די שייערן שטייען פול און זאַט
שוין אויפ'ן גאַנצן ווינטער.
שטיל און שאַ, ניט מיד.
ניין, קיין זאַך איז ניט מיד,
פאַרקערט: דער געדאַנק
פון דער וועלט בלאַנקט קלאָר
און לויטער ווי קרישטאָל,
וואָס פאַר־א וויי־טער הימל,
וואָס פאַר־א שטילע ריינע זון,
ווען האָט זי אַזוי גוטמוטיק געקוקט
און ווען האָט מען געקאָנט פאַרשטיין
איר גוטמוטיקע פרייד ווי היינט.
און דער אייגענער געדאַנק איז אַזוי ריין
ווי דער העלער וועג פון וואַלד אַרויס
וואָס פירט צו דער ליבער שטאָט.

די ערד

אונטער זיבן קלאָרע הימלען
ליגט די טונקעלע ערד.
אַקערט איר אַ מענטש אַ שטילער,
און אַ שטומער פערד.

אין אַ דערפל שטייט אַ קלויסטער
קלינגט ער גאָלדיק־העל.
קומען אין אים שטילע מענטשן,
קניען זיך ביים שוועל.

בעטן ברויט און רו ביים הימל
אויסלייזונג פון לייד.
טוליען אין געזימס זיך טויבן,
ווען אַ רעגן גייט.

נאָכן רעגן — רעגנבויגן,
גאָט האָט גוטס באַשערט.
אונטער זיבן קלאָרע הימלען
ליגט די טונקעלע ערד.

אַ לויב

אַ לויב, אַ לויב, אַ לויבגעזאַנג אייך אַלע שפּראַכן
אַלט־דייטש, סלאַוויש, רוסיש, העברייאיש,
אַלט־פראַנצויזיש, פּויליש, אוקראַייניש, אַלע, איר אַלע
וואָס האָבן געטראָגן זילבן, ווערטער, קלאַנגען,
געהובלטע גראַמאַטיק, פּולבלוטיקע דעמביקע שטאַרקע עמהארצות,
זייד און וואָל און באַוול און פראַסטן פלאַקס
און צונויפגעהעפט און צונויפגעשפּינען
אונזער וואונדערלאַכן טייערן אידיש.
אַפילו אין זשאַרגאָן־פּעריאָד,
ביזטו געווען פריש און קרעפטיק און קאַקעטיש,
מיין וואונדערלאַכער טייערער אידיש.
די משכּילים און גראָביונגישע בית־מדרשניקעס,
וואָס האָבן זיך געריבן די הויזן מאַמרים־שרייבער,
האָבן דיך פאַרשעמט און געטראָטן אויף דיר,
ווי דער קליינשטעטלדיקער בור אויפן פרישן גראָז.
ווען דו, ביי ווייסע שבת־טישן ביי געבענטשטע ליכט,
ביזט פרום געזעסן מיט אַ פאַרפלאָכטענעם צאָפּ
און געזאָגט די הייליקע תחינה פון נאָך ליכטבענטשן.
און ביים טייטש־חומש, לעבן אָפענעם פענסטער.
דער זומער מיטן גאָרטן צווייט האָט געבליט
מיט דער ראָמאַנטישער בליאונג ווי דו
אין דיין שיינער פרומער יוגנטצייט.

און ווינטער.
שניי איבער די בוימערצווייגן,
קראַען אויף די ווייסע פלויטן,
רויטלאַכע רויכלאַך
פון קוימענס אין דער לויטערער לופט.
די זשומענדיקע היימישקייט פון גאַסן,
וואַסערפירערס,
אינגלאַך פון חדרים,
דינסטמיידלאַך מיט קינדער,
און פאַרנאַכט, די שנייען בלויען,
פון די בוידימער פילדערן אַראָפּ
די גענז וואָס פאַשן זיך אויף חנוכּה, —

אויף אַלץ און אַלעמען האָסטו געבליט,
געפּלאַטערט איבער זומערן און ווינטערן,
איבערן פרילינג צוויט און איבער זומערדיקע פּירות,
באַרן, עפּל ווײַנשל, אַגרעסן און פלוימען.
האָסט אַלע זייערע ריחות אין זיך אײַנגעזויגן,
אײַנגעזאַפּט און אײַנגעזופּט און אײַנגעזונגען.
אָ, ווי איך וויל זיך אין דיר אויסזינגען
אין ברייטסטע גאָלדענע רינגען פון געזאַנג.
און מײַן ליד זאָל האָבן אין זיך די געזונטע זריעה
פון דײַן וואָרט און אידיאָם און געדאַנק.
און איך זאָל פילן אין דיר דעם געשמאַקן טעם
ווי מײַן באָבע וואָס האָט דיר גערעדט/מיט אַלע אירע ציין
אין אירע איבערשטאַרקע זיבעציקער יאָר.

פון אַן אומעטיק לאַנד

.1

אינם לאַנד פון די אומעטיקע
ציט אַ פוילער גרויער הימל מיט וואָלקן.
אַ שנירל מיט זומערגרין שלענגלט זיך דורך
איבער דריי קליינע וואָרימע חדשים
און שווערער הערבסט קומט אָן.

אין בעטן ליגן דינע קינדער.
די בלאָנדע קעפּלאַך מידן און וועלקן.
די שיינע אויגן פליסן אונטער פאַרנאַכטיקן שאָטן —
קליינע טייכלאַך אין אַ וויטן וועג.

מווייסט דאָרט אַלע מעשות
אינם אומעטיקן לאַנד.
מהאָט געהערט פון אַלע ניסים
און זיך געוואונדערט איבער אַלע וואונדער.

און ביכעלאַך זיינען דאָ אין אַלע שטיבער.
אַז קינדער קאָנען שוין פאַרשטיין אַ וואָרט,
און קאָנען שוין דערהערן אַ קלאַנג פון אַ אות
דערציילט מען זיי
פון אליהו הנביא,
פון ראָבינזאָן קרוזאָ,
טויזנט־איין־נאַכט.
און נאָך און נאָך
און נאָך.

אין אַלע שיינע מעשה׳ס
זיינען דאָ ווינקעלאַך
וואו עס ברענען אומעטיקע יאָרצייטליכט
נאָך זיידעס,
נאָך באָבעס,
נאָך דינע קינדער,
וואָס שלאָפן אַלע נעכט און טעג.

.2

פאַרהאָרוועטע אידן
ביִיטאָג, אונטער דער וואַרימער זון,
גייען נאָך נאָך אַ לויה.

ביים בית עולם ליגן בערגלאַך.
ליגט אַ טייך מיושב און גלאַט.
און אַ קרעניצע גיסט זיך
מיט געלייטערטן וואַסער.

און וואָס פאַר אַ זעלטענע ניגונים
גייען אויף פאַרטרויט אין גאָט
דורך די אַלטע פענסטער.

אַלע האָבן מיר קליינע הערצער.
גאָט, דו גאט פון אונזער פאָטער,
דורך די אָרימע פרנסה'ס,
דורך די אומעטיקע אויגן
פון די קראַנקע אין הקדש,
שלעפן מיר זיך גאָט צו דיר
מיט הכנעה און מיט ציטריקן בטחון
ווי אין תהילים שטייט געקריצט
מיט גאלד אויף קיזל:
אשרי, וואויל, האיש
דעם מענטשן.

מיר, פון אומעטיקן לאַנד, —
דורך, אונזערע פענסטער
קוקן אונזערע בלייכע טעכטער.
אין אַלע פיר ווינטן פון דער וועלט
פליט דאָס רעטעניש פון אונזער מזל.
און עס טוען אונז ווי די אָרעמס
ווי מידע אָפגעשוואַכטע פליגל
צו דער ניט־קלאָרער האָפנונג.

.3

אין אומעטיקן לאַנד
איז אָוונט.
זיצט אַ אינגעלע אַ שטילס

ביים טרעפ פון אַן אַלטער שטוב.

אויף אַלע שטיבער ווייט אַ גוטסקייט
און אַ מידע רואיקייט.

שווין זיך אָנגעקליבן אויף דער ערד
אַזויפיל קלאַנגען, נאָכקלאַנגען
פון וואָר און חלום.

קומט אַ מענטש צוגיין אַמאָל
רעדט ער אַנדערע ליכטיקערע ווערטער.
קליינע מענטשן פון אומעטיקן לאַנד
רינגלען אים אַרום אין מאַרק:
פונוואַנען קומט ער?
פון די בערג?
פון באַהעלטענישן?

קומט זיך איטלאַכער צו זיין שוועל
אָנגעלענטע ביי די טישן,
טראַכט מען, קלערט מען.

אָוונט רואיקער
זיי זיצן אין אים
ווי אין אַן אָרימער אכסניא.

אין פֿרילינג

און איך האָב דורכן פענסטער געטראַכט
פון קליינע סטעשקעלאַך וואָס רינען שטיל
ביי דעם נידעריקן פּלויט פון אַ בית עולם.
אַ נאָכמיטאָג מיט אַ נעפּלדיקער קליינער זון.
אַן אומבאַקאַנטע געגנט. רו פון קליינע שטיבער.
זעלטן ווען עס ווייזט זיך עמיצער אין גאַס
און גייט די גאַס אַריבער.
נאָר אַ פייגל ציטערט דורך אַ צווייג,
נאָר די שטילקייט אָטעמט וואַרימען ווינט,
נאָר די נעפּלדיקע זון קריכט מיד,

אַלט־פּרילינג זינגט

איך האָב אָפּגעלאָזט די וואַסערן,
אָנגעצונדן די גראָזן,
אַוועקגעטריבן די קראָען,
אַרויסגעבלאָזן דעם אומעט
פון צווישן די ביימערצווייגן.

איך האָב מיין האַנט אַ פיר־געטאָן איבערן הימל,
און קליינע וואָלקנדלאַך זיינען אָנגעקומען צו דער זון,
ווי טשערדעס שאָף צו אַ גאָלדענעם ברונעם.

איז איבער דער ערד אַרויסגעגאַנגען
דאָס יונגע גליק: אַ מיידל מיט אַ בחור,
מיט די אַלטסטע ליבעלידער
וואָס באָבעס האָבן נאָך געזונגען
ביי די שפּינראָדן. —

און מיינע שענסטע ערטער זיינען געלעגן ווי אין חלום,
שמאָלע וועגן הינטער בערג. נידערונגען
אין דורכזשומענדיקע טייכלאַך.
קלאָרע שטיינדלאַך־ברעגן.

קליינע בריקלאַך מיט קאָרעדיקע פּאַרענטשעס,
קומט צוגיין אַן אַלטער בעטלער, זעצט זיך
מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס צום וואַסער.
הערט זיך צו צום וואַסער־פּיעשטשען
איבער קעפּלאַך פון שטיינער. —
אַזוינע ליבע שטילקייטן, מעשה׳לאַך, פאָלקסלידער,
ווי: 1)ביים ערשטן דערפעלע, ביים ערשטן שטעטעלע;
2) און וועסטו קומען צו אַ וואַסערל;
3) אוי, דו פאָרסט אַוועק און אוי דו —
און נאָך, און נאָך און נאָך.

און דורך דער בלויער דורכזיכטיקייט פון טאָג
ווערט יונגער און ליכטיקער די אייביקייט,

קלינגט און זינגט די אייביקייט
מיט גאלד און זילבער און וואַסערן.

צווייגן קניפּן צונויף קנאָספּן ווי רעטעניש, ביינאַכט,
קומט דער אינדערפרי און פּרוווט זיי צונעמען, טרעפן,
עפנט זיי און — ס'טוט אַ שיין אַ שניי מיט צוויט,
און ווידער בינדט זיך דער צוויט צונויף,
און ס'ווערן קליינע בערן, עפּל, וויינשל, —
באַשעפענישלעך וואָס טרינקען, זויגן
מילך און האָניק פון דער זון,
פון מיין זון.

און די ערד ווערט ווייכער, וואַרימער, לייביקער,
ווייל — איך האָב אָפּגעלאָזט אַלע יונגע וואַסערן,
זאָלן שווימען און זינגען איבער דער ערד,
און אָנטרינקען מיט פרייד די ערד,
זי זאָל אויפזינגען.

סעפּטעמבער

סעפּטעמבער הויבט אָן לייטערן די וועלט.
די טעג פֿאַרטיפֿן זיך:
וואָס איז טאַקע דער זין?
אויסגעשליפֿן, קרישטאָלנדיק
ווערט די זון.

טרויעריקע פֿאַרבן שפּילן מיט דער ערד.
וועגן ווערן ריינער, ברייטער און אָפֿענער.
אין דער ווייטער ליכטיקייט פֿון בלויען טאָג
בלענדט און ברענט אַ ניט דערקענטער שיין:
אַ דאַך? אַ טייך? אַ פֿענסטער?

אַלץ באַקומט אַן אַנדער קלאַנג.
דערוויטערונג, דערקענונג אין פּיין:
דו ביזט שוין אין מיין וועלט אריין,
און אַלץ געזען, אָפּגעדעקט און אָפּגעהילט,
און אַלץ געהאַ־ט, און אַלץ געפֿילט,
איצט זיצסטו אויפֿ'ן שוועל,
און רו קומט אָן צו דיר.
און איך בין נאָך אין שטוב.
הויב אויף מיין קאָפּ
און קוק פֿונוויטנס, צו דער אָפֿענער טיר
אויף דיר.

איך וויל דיך רופֿן:
(נאָר איך רוף דיך נישט)
קום אריין.

טאָג

יעדע מינוט מאַכט אונז גוט
און פאַר איטלאַך קוואַלעכל זון
קוועלט מיט זון דאָס האַרץ אַנטקעגן.

איינס אין צווייטן דערזעען מיר ליבשאַפט,
אין די אויגן, אויף די ליפּן,
אין די הענט, אין די פּיס.

גיב מיר דיין נייַנצניאָריקע מיידלשאַפט,
גיב מיר דיין גוף מיט צוזאָגן.

בלויז עטלאַכע יאָרן שטייען פעסט,
ווי יונגע ביימער אויף גוטן באָדן.

נאָר עטלאַכע יאָרן קאָן מען גיין אין דער וועלט
אָן אָנהאַלט אָן, דער האַנט פון גאָט.

בלייבסט ניט שטיין אין אַ ווינקל.
שאָטנס ציען ווי ווייסע וואָלקן,
און זיי גייען אַוועק פון דער זון.

דו ווייסט, ערגעץ איז דאָ אַלטקייט,
האָסט איר געזען אין הויז פון דיין זיידן,
נאָר אויך דאָרט האָט עס אויפגעזונגען
פריילאַכע שורה׳ס פון תהילים.

אָ, דער תהילים האָט פריידיקע קאַפּיטלען,
און מ׳זעט דאָרטן דוד׳ן און שלמה׳ן
מיט שווערדן אין בלאַנקן נצחון
הינטערן שונא׳ס גרעניץ.

טריט

פאַרנאַכטיקע וועלט.
דער בעל־שם טוב זיצט
ביים ברעג פון א וואַלד.
דאָס רויט פון זונפאַרגאַנג
צוגייט און פאַרווייט.

דער בעל־שם־טוב שווייגט.

אַרום און אַרום
איז נאָר שווייגן דאָ.
גאָט שווייגט מיטן וואַלד,
גאָט שווייגט מיטן גראָז.

ווי אין בוים און אין גראָז
שווייגט אויך גאָט אין מיר.
וועט קומען א ווינטל,
וועט רוישן דער בוים,
וועט רוישן דאָס גראָז,
וועט רוישן מיין האַרץ
מיט לויב צו אים.

אויפ'ן וויטן וועג
ליגן נאָך גאָלדענע טריט
פון דער פאַרגאַנגענער זון,
פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג,
און פון מיין געמיט.

איך וועל ווערן — וועלטלאַך — —

דרייצניאָריקער,
דיך וועט באַפאַלן
אַן אַלטקייט און אַ טרויריקייט.
די חכמה פון געלע שמות
מאַכט געלע פלעקן אויף די באַקן,
און קנאָכיקט איין די יונגע פּיס,
און מאַכט מיד דעם מח.

די מידקייט
איז אַ זאַמדיקער מדבר.
און אַ דורשטיקייט ברענט די ליפּן.

וואָס־זשע זאָגסטו,
וואָס־זשע זאָגסטו
תהילים מיט דער גאָלדענער באָרד?
משניות מיט די סאַמעטענע פּאות?
יורה־דעה מיט דער שווער ברייטער באָרד?

זאָל איך טאַקע פּרוּוון
ביסלעכווייז די אויגן עפענען
די אויגן אויפהויבן,
און אַריינגיין אין אַ קלייטל:
אפשר דאַרפט איר אַ משרת?
איך וועל טראָגן זעקלאַך מעל,
איך וועל וועגן פודן זאַלץ,
איך וועל גיין אַ גאַנג צום מלוה,
כוועל דעם פּייערטאָפּ צובלאָזן

און פאַרקערן דאָס מיסט פון שוועל.

העלער טאָג

אַן אָרימאַן גייט איבער שטיבער,
און שפּאַנט דורך גרעניצן און לאַנד.
און איבער שטיינער, איבער גריבער
פירט אים אַריבער גאָט ביים האַנט.

גאָט קאָן די אָרימעלייט פון וועגן,
און היט זיי פון סכנות אָפּ.
אין רעגן שיקט ער זיי אַנטקעגן,
אַ שויז, אַן אָפּדאַך איבערן קאָפּ.

די קרעטשמעס זיינען גאָטס געצעלטן,
צעשטעלט איבער די מיילן וועלט,
פאַר אָרימעלייט פון אַלע וועלטן,
ווי אַברהם אבינו'ס פראָסט געצעלט.

אַ בענטשונג רוט אויף יענע טישן,
ווי אויף דער תבואה פונם פעלד.
ווי כוואַליעס זון און גאָלד צופליסן
די פריידן איבער גאָר דער וועלט.

אָרים־מלך

צו דעם מאָרגנס גוטער סעודה
גרייט זיך צו און ברייט זיך אָן
און — שלאָף זיך אויס.
וועט נאָך זיין דערווייל מלחמה אין א העק וואו.
און דאָס קליינע־קלענסטע קעניגל,
אויף זיין אַלטן פאָטערס בריטן טראָן
קרייזלט זיך דאָס בלאָנדע בערדל:
„אָרים איז מיין פאָלק געוואָרן.
פעלדער גיבן ווייניק קאָרן.
אומגעפאַלענע דעמבעס אין וואַלד
און דער טורם־טויער צופאַלט.
אויפן שטאָטזייגער איז צובויגן אַ ווייזער
ספוילן די דעכער אויף אַלע הייזער.
און פאַרנאַכט מרוקען די בהמות
טרויעריק און הונגעריק,
טרויעריק און הונגעריק.

א קלאנג

פארנאכט אין די בתי־מדרשים
ווארימען זיך אלטע אידן.
ברייטע בערד אריבער די ברייטע משניות'ן,
און ברייט איז די וואנט פון דער הרובע,
און ברייט איז די נאכט און דער ניגון.
און — איך בין אויף דער וועלט פארפאלן געווארן
די וועלט האט מיך נישט אנגענומען.
נאר איך וועל שוין דערבעטלען מיין שפייז ביי איר
אזויווי ביי א קארגן בעל־צדקה.
און ווען איך וועל נאר האבן א רגע
צו קאנען אוועקגיין פון בעטלען,
צו קאנען אוועקגיין פון מענטשן,
אין שפעטקייט און אין היינטערגאסן,
וואו עס ברענען ווייניק לאמטערנס, —
וועט מיר ווערן דער קאפ לויטער
און כוועל זיך דערפילן אין שטילקייט
אז איך בין נאך ווי איך בין געווען.
וועל איך זען די בליצנדיקע פענסטער
פארנאכט אין די בתי־מדרשים.

פארנאכט אין די בתי־מדרשים
ווארימען זיך אלטע אידן.

אַזוי זינגט גאָט מיר אין אויער —

און אין אייערע גאַסן וועל איך אָנצינדן ווידער
מיינע שבתדיקע אײדעלע לאָמנטערנדלאַך.
אייערע יאָסעלאַך אין סאַמעטענע היטלען
וועלן גיין ביי אייער זייט און מיטטראָגן
די טליתזעקלאַך פון זייד אין שטאַרקן ווײנקאָליר.
די ברייטע טיר פון דער גרויסער שול שטייט אָפן,
מיין גרויסע זון פאַרגייט איבער דער ערד,
און מיין הימל איז קלאָר און שטיל.
ביים שטאַכעטן־פלויט פון שולגאָרטן
וואַקסן דאַרע מאָכיקע דערנער,
ווילדגעוויקס און שטעכעלקעס —
איך וויים עס זייער גוט.
איך וויים עס זייער וואויל.
איך האָב אייך געלאָזט זיך באַזעצן
אין די באַרגיקע און טאָליקע ישוב'ן,
אין שכנות מיט אַ גוייאיש פאָלק.
זייערע קלויסטערלאַך קלינגען צו מיר,
און דער בלויער רויך פון זייערע תפילות,
גייט אויף און שלענגלט זיך פאַר מיינע אויגן
דערשמעק איך אויך זייער פאַרוואָגלקייט,
און דעם צער פון זייער פאַרהאָרעוועט,
פאַרהאָרעוועט שוואַרץ שטיקל ברויט.

אזא־מין שטיקל ערד

א.

מיין ברודער האט געקויפט א שטיקל ערד
מיט אן אלטער דארער שטוב פון האלץ,
און א ציגל, און א שטיקל ליים אויף זיך.

דאס שטיקל ערד מיט פארוועלקטן איינגעפאלן היי.
ניט אפגעשניטן — האט דער רעגן עס צעווייקט,
דער הערבסט עס אומגעווארפן און צופוילט.

א דאנערשטיק האט זיך מיין ברודער
אין דער שטוב אריינגעקליבן,
אינמיטן גרויען טאג האט אים דער וואגן
צוגעפירט דאס ביסל ארימקייט פון שטאט, —
דאס אלטע מעבל און דאס בעטגעוואנט
און דאס ווייב.

מיין ברודער מיט די אינגלאך זיינע, הויך ווי ער,
האבן שוין גענעכטיקט פריער א נאכט אין דער שטוב,
איך בין אויך צעווישן זיי געווען.

דער סוף־זומער, הערבסט זיינען אריבער אין נעץ און רעגנס,
אין קעלט פון ווינט, אין פייפעריי דורך די ווענט,
אין וואיענדיקע קולות איבערן דאך.

ווייט און אפגערוקט זיינען געשטאנען אנדערע שטיבער
האבן געליכטיקט איינציקע לאמטערנס צעווארפענע,
איבער די ליידיקע שטיקער וועלט און פעלד.
אזא מין איינזאמקייט, אזא מין איינזאמקייט.
קוים די וואלקנס האבן איר פון ארט גערירט מיט זייער גאנג,
אמאל דער העלער שטערן אינם גרויסן הימל־ברעג
איר שטייענדיקע גרויקייט דורכגעשטאכן.

די שטוב פונאינעווייניק —

ברייטע ברעטער האָלץ, ניט אָפּגעהובלטע ווענט.
און אַלטע ברוינקייט האָט פֿון זיי געפֿינסטערט,
קיין ווייסער קאַלכפֿלעק, קיין פּינטל בלוי,
רויע הוילע ווענט און אַ רויע סטעליע,
נאָר אינמיטן קיך — דער שיינער ברייטער שטאָט־אויוון,
מיט פֿאַרצעליי און שפּיגלגלאָז פֿון פֿאָרנט,
נאָך ניי, ערשט פֿאַראיאָרן אויסגעצאָלט
דאָס לעצטע פּאַפּירל פֿאַר אים.
אוודאי פּאַסט ער ניט אַהער
אוודאי שטייט ער פֿרעמד און אומעטיק,
נאָר וואָס קאָן מען טון.

פֿונדעסטוועגן האָט מיין ברודער זיך געפֿרייט
מיט דער ערשטער ליכטיקייט פֿון שניי,
וואָס האָט זיך אויסגעוויסט איבער זיין שטיקל ערד.
ווען כ׳פֿלעג אַראָפּקומען פֿון שטאָט צו אים, אַמאָל אַ זונטיק,
האָב איך פֿונוויטנס אים דערזען איבערן שמאָלן שטעגל לעבן שטוב,
ער האָט ליב געהאַט צו זיין אַליין, האָט ליב געהאַט
די פֿרישע ליכטיקייט פֿון שניי אויף שטרעקעס ערד,
ווי איטלאַכער וואָס טראָגט אין זיך הארטע זאָרג,
שעפּט שטילקייט, ליבשאַפֿט פֿונם מינדסטן ביימל, גרעזל,
פֿון פֿאַרמאַכטע טירן, אייגענעם ניט־רעדן,
און פֿון ליידיקער וויט.

דער שיינער אויוון אין דער טונקעלער שטוב,
האָט גוט, האָט זייער גוט געוואַרימט.
דער ווינטער איז געווען אַ שטאַרקער און אַ פֿלאַמיקער,
אַזאַ שאַרפֿע גרינקייט אין פֿאַרנאַכטיקן פֿראָסט
ווי אויגן טיגערשע פֿון אַ טיפֿן וואַלד ביינאַכט.
די פֿענסטער אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע, שמאַטעס,
דער ווינט זאָל ניט קיין שליטה האָבן.

אין אַזאַ נאַכט פֿלעג איך בלייבן נעכטיקן ביים ברודער.
מ׳האָט זיך פֿאַרזעסן שפּעט. דער אויוון ברענט און גליט,
דער ווייסער טשייניק זידט הייימלאַך באַלעבאַטיש,

דער ברודער גיסט אָן טיי, דערגיסט
און לאָזט נישט ענדיקן.

וואָס פאַר־אַ זכרונות ער האָט דאָן ניט אויסדערציילט,
וואָס פאַר אַ פרייד עס האָט געהויכט פון זיינע רייד,
דערציילנדיק פון דאָרף אין זיינע בחורשע טעג
אינדערהיים ערגעץ אויף אַ וואָלינער וועג.

דאָס ווייב האָט איינגעדרימלט ביים קאַנט פון טיש,
ער האָט איר פאַמעלאַך אויפגעוועקט, גענומען פאַרן האַנט
איר צוגעפירט צום צווייטן חדר, צו איר בעט
די אינגלאַך האָבן פריער נאָך זיך שלאָפנגעלייגט.
און דאָ ביים טיש, אויג אויף אויג מיט מיר,
האָט אויפגעפלאַמט די הייסע נאָנטקייט
וואָס איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געוואוסט —
אַ ברודער מיט אַ ברודער.

איך האָב אים קינדווייז קיינמאָל נישט געזען,
דאָ ערשט בין איך פון שיף אַראָפּ־צו אים אין שטוב אריין.
זיין קאָפּ איז שוין געווען פאַרזילבערט,
און מידע זאָרג אין זיינע אויגן,
בלויע אָדערן אויף זיינע דינע הענט.

מיט מיינע אינגליש־קינדערשע אויגן,
האָב איך דערזען אים ווי אַ דערהויטערטן פאָטער,
מיין יתומשאַפט האָט זיך צו אים געשטרעקט,
נאָך צערטלאַכקייט, נאָך אָנגענעמען ביים האַנט,
נאָך גוטסקייטן פון זיינע אויגן.

און איצט איז ער מיט מיר ביים טיש געזעסן,
אַ נאַכט פון קעלט און שניי צעווישן ערד און הימל,
ער האָט געריסן, געריסן די דעק פון זיין פאַרקלעמטן לעבן
און וויפיל ער האָט נישט דערציילט פאַר מיר, געוויזן,
איז אַלץ עפּעס פאַרהאַקט געבליבן אונטער טויטער ווייטקייט.
מסתמא שטייען נאָך דאָרט גאַנץ אין די וואָלינער טאָלן,

די דערפֿלאַך וואו ער האָט אָפּגעאָרימט.
מסתמא לעבט נאָך וואו א חבר זיינער,
וואָס געדענקט אים נאָך אין חלום פֿון זיין יוגנט.
דאָ, אין דער שפּעטער נאַכט ביים קעראָסין־לאָמפּ,
איז ער מיט איטלאַכער ערינערונג געוואָרן עלטער.
ווי ריין איך האָב אים ליב־באַקומען.
ווען ער מיר באַלייט צום בעט,
האָט שוין געבלויט זיך אין די פֿענסטער
דער אויוון איז שוין געשטאַנען קאַלט,
אַזאַ געהיימע גרויקייט איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב.

ביים פֿענסטער איז שוין דער פֿרימאָרגן געשטאַנען.

ב.

בלויז אויף א גרויסן גאָרטן
האָט געקלעקט מיין ברודער דאָס שטיקל ערד.
האָט ער פאַרזייט דאָרט גאַרטנוואַרג
פאַרזייט עס אומגעשיקט,
(צי אפשר איז די ערד צו־זאַמדיק?)

ווען ביים שכן איבערן פּלויט
האָט הויך זיך אויפגעהויבן פרישער גרין,
זיינען פון ברודערס ערד געקראָכן קראַנק און שוואַך,
שפּיצלאַך ציבעלע גראָז, קוים מיטן אויג צו זען.
דאָס ווייב מיין ברודערס פלעגט אַרומגיין גאַנצע טעג
יעטן, רייניקן, קלייבן איטלאַך שטיקל שטיינדל,
שפּענדל, העלצל אין איר פאַלע — ניט געהאָלפן.
צום אָנבייסן האָט מען באַנוצט די ברעקלאַך ציבעלקעס,
צום מיטאָג־טיש די קאַרליקדיקע בולבעלאַך,
יעדן טאָג א טעפּל אָנגעקליבן צום געקעכץ.
ביים פּאַרקן האָבן זיך אויפגעהויבן נישקשה׳דיק
דריי לאַנגע שורה׳ס קוקורוזן ווי די גרינע הענער,
די איבעריקע זיינען אינגאַנצן ניט אויפגעשטאַנען,
קיין רעגן און קיין זון האָט זיי נישט געקאָנט דערוועקן,
זיינען זיי געבליבן שלאָפן אין דער ערד.

דריי יאָר האָט אויפן הארטן שטיקל ערד מיין ברודער אָפּגעוואוינט
מיט ווייב און קינד און מיט א קו און א פאָר הענער.
ער האָט קיין רידל ניט אַריינגעשטעקט אין איר.
א לאַנגער הויף א ליידיקער, אוים גאָרטן.
האָט אויפן דריטן זומער זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער ערד
א שפע ווילדגראָז, געדיכט און פול זיך אויסגעשפּרייט
הויכע טויבע גרעזער איבער גרעזער
שטעכעלקעס אויף שטעכעלקעס,
א גערעטעניש די אויגן אויסצושטעכן.

און

גיי דורך א גאַס, אַ שטיקל שטאָט,
אַ דערפֿל ערגעץ אָנגעשפּאַרט אָן אַ באַרג —
ווי פּעסט דער מענטש לעבט צווישן בוים און פליג.

און איינער אין אַ חור קומט אָן
און טראָגט אויף זיך דעם אָפּבילד פון גאָט,
און אין זיך — זיין ליכט.

ער גייט דורך דער פאַרהאַוועטער ערד,
און רעדט די רייד פון גאָט און זאָגט אָן
אַ יונגן יומטוב אויף דער ערד.

און די מענטשן בלייבן שטיין ביי זייערע וואָגנס און פערד,
די בייטשן און די הענט אַרונטער,
הערן אוים די רייד פון גאָט.

און — דאָס פערד טוט אַ ווייטערן טראָט.
און דער מענטש גייט נאָך,
און גראָבט און אַקערט די וואָך.

מיר ,וועלן

מיר וועלן אַלע אָנזעטיקן זיך מיט ניו־יאָרק,
און נאָכדעם זיך צוריק אין אונזערע דערפּעלאַך צופֿאָרן.

אין די קליינע ישוב׳ן,
אין די שטעטלאַך,
האָבן מיר נאָך אַלע היימען.
וואַרטן אויף אונז זיידעס אויף די שוועלן.

ווילסטו דען ניט, ווייל איך דען ניט,
אוי, ווער וויל דען ניט אַוועקלאָזן זיך אויף וועגן.
אין די קענטאַקער ישובן וואו לינקאָלן האָט געחלומט,
אין די פּליינען, בערג וואו דער בעל שם טוב
האָט גאָלדענע פורלאַך ליים אָנגעגראָבן,
און געפֿירט זיין פערדל פאַרן צוים
מיט געזאַנג איבערן וועג.

מיר וועלן אַלע אָנזעטיקן זיך מיט ניו־יאָרק
און נאָכדעם וועלן מיר די מויערן און טויערן
ווי טויטע שפּייכלערס צושליסן.
און די לאָמפּן אויף די גאַסן אויסלעשן
און אַרויספֿאָרן ׳פונדאַנען.

מיר האָבן דאָך נאָך אַלע ערגעץ היימען.

פרעמד

אין פרעמדער שטאָט, אין פרעמדן טאָג
ווי קאָן מען זיך אַ פריינט דערקלייבן,
נאָך גוט וואָס די שטאָט איז נישט גרויס,
און אין יעדער גאַס איז דאָ אַ לעצט הויז,
און אין אָוונט שטעלט זיך דאָרט אַוועק
די אַלטינקע אומעטיקייט אין איר טרויערקלייד
אויף איר שטעקן אָנגעשפּאַרט.

נאָך גוט, נאָך גוט וואָס פּאַמעלאַכן אַזוי,
האָב איך שוין אָפּגעלעבט דרייסיק יאָר.
און ס'טוט מיר שטיל אַזוי שטיל וויי,
נאָך יעדן טאָג וואָס גייט אַוועק,
און שטילער, שטילער נאָך פרייַ איך זיך,
וואָס איך לעב אַזעלכע אַלטע טעג
אין מיינע פריע דרייסיק יאָר.

אין פרעמדער שטאָט,
אַ שיינער זונטיק רוט אין גאַסן,
אין יעדער געסל אַ קלויסטער קלינגט.
און אַלע גייען אין די טויערלאַך אַריין,
און איך וועל בלייבן אַליין אין גאַס,
אַליין דאָ מיט דער גרויסער זון,
און קיל אַזוי וועט זיין מיין האַרץ,
און אָפּגענייגט וועט זיין מיין אויג,
איבער דער ליידיקייט פון דער וועלט.

והחסידות

והחסידות, און דאָס חסידות זאָגט:
מיין בעל־שם טוב איז אַ פּשוטער איד.
האָט ער ליב געהאַט די גאַנצע וועלט
און אַלצדינג וואָס איז נאָר דאָ אויף איר.
און אין דער פרייד וואָס יעדער טאָג איז דאָ אַ וועלט
און יעדן אינדערפרי קאָן ער דערזען די וועלט,
און גיין אין גאַס און זיך באַגעגענען
מיט אידן און מיט אידענעס,
מיט גויים און מיט גוייעטעס.
און אַלע שטיבער זיינען לעבעדיק,
און אַלע שולן האָוועגען צו גאָט,
האָט ער אָוועקגעשטעלט זיך ביי דער זייט פון גאַס,
די אויגן אויפגעהויבן אין דער הויך
און אַזוי צוזאָגט זיך און געזאָגט:
אוי, גאָט, גאָט, טאַטע אונזערער,
קיין מדינה האָבן מיר ניט,
קיין בית־המקדש אויכעט ניט,
אָבער די וועלט האָבן מיר דאָך יאָ,
איז די וועלט דיינע דען ניט דיין וועלט,
איז די וועלט דיינע ניט אונזער וועלט.
און אַז קיין בית־המקדש האָבן מיר ניט,
האָבן מיר קליינע בית־המדרש'לאַך,
גיב־זשע, גיב־זשע דו אַליין אַ קוק,
פאַר טשויקאָוועס טו אַליין אַ קוק,
ווי פרי די אידן דיינע איילן זיך
צום ערשטן מנין אין די שולעכלאַך,
אַז מיין האַרץ ווערט פול מיט פרייד,
און מיין נשמה גייט אַריבער פון לויב,
אוי, גאָט, גאָט, טאַטע אונזערער,
קום, לאָמיר גיין איבער שטאָט און שטעט,

קום, לאָמיר גיין הינטער שטוב און שטאָט,
און דערציילן עס פאַר וואַלד און פעלד,
און צווינגען עס פאַר טייך און קוואַל.
לאָמיר גיין איבער גאָר דער וועלט
און דערציילן עס פאַר לאַנד און לייט,
און אַ פרייד וועט זיין אויף גאָר דער וועלט
און אַ יום טוב אויף דער גאַנצער ערד.

והחסידות,
און דאָס חסידות זאָגט.

אַ קלאַנג

ווען דיך וועלן אַרומרינגלען
ווייטע ברייטע גאָרטנס אין שווייגן,
דער הערבסט וועט וואוינען אין וואַלד
אין זיין רויט איינזאַם שטיבל,
פֿאַר קיינעם ניט, פֿאַר זיך אַליין,
ברענט דאָס פֿייער אין זיין פֿענסטערל.
דער שמאָלער לאַנגער וועג איז ווייט פֿונדאַנען,
די בערג רוען אין זייער אייביקייט און גרויס.
נאָר דו וועסט שלאָפֿן און זיין טויט,
און רואיקער פֿון דער קלענסטער זאַך
וואָס לעבט און לעקט זיין שטיקל זון
גרעזלאַך אין די מיליאָנען,
פֿייגלען אין די מיליאָנען,
מענטשן אין די מיליאָנען
און מוראַשקעס אַרבעטן פֿלייסיק,
און פֿון אַלץ און ביי אַלץ
קאָן איטלאַבער קומען אַמאָל
און זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר,
ווי צו זיין בעסער כאָטש איין טאָג,
נאָר דו וועסט שלאָפֿן און זיין טויט.

ווי גאָלדן זייד

און איטלאַך וואָכעדיקער טאָג פאַרטומלט
און אויפ'ן רעש פון מאַרק איז אַן אייביקער שטויב.

איך האָב געזען אַמאָל אַ שעה פון ערב שבת,
ווי דער מאַרק ווערט שטיל,
ווי אויף די ליידיקע שטעלן
ליגט ווייך ווי זייד דער לעצטער טוך
פון דער אונטערגאַנג-זון.

ס'איז מיר פאַרבליבן ווי אַ סימבאָל
פון דעם שענסטן קינדערשן טאָג
פון אַן ערב שבת,
פון אַ גרויסן שבת
וואָס איז נאָך נישט געקומען.

איך
און איר
חברים מיינע,
מיט רידלען און מיט רודערן
אויף ערד, אויף ים און אויף ווינט.
יונגעלייט, משפחה־שפּייזער, פאַרזאָרגער,
פאַרקויפטע, פאַרדונגענע, פאַרשלונגענע,
פאַרליענע, פאַרליגנערטע, פאַרבאָרגענע און פאַרבאָרגטע.
מיר טומלען־אויף דעם טומל פונם מאַרק.
מיר שטויבן־אויף די שטויביקייט פון וואָך,
מיר יאָגן גרוי, ווי מייז אַרונטער
פונם שליאַך פון מאַרק
און פאַלען ערגעץ הינטער ווענט
מיט פאַרקרייצטע דאַרע הענט
אין ווייסטערניש.

איך און איר און זיי,
די עלטער שטופּט אַרויס־שוין אירע הויקעלאַך אויף אונזערע פּלייצעס
אָן ווערטער וויינט אַרויס פון אונז אַ ניגונלאָזער תהילים.

וועלט

אָפּענער ברייטער וועג
צו ברייטע און ליכטיקע טעג.
איינער מיט זיין וועגעלע ברויט,
און זיין ברודער מיט זיין וואָגן מיסט,
און אַן אַנדערער צושפּרייט
די טעפּיכער מיט קווייטן באַבליט.
און — עס ווערט אַזאַ גרויסער יאַריד
אין די ברייטע ליכטיקע טעג.

און פאַרנאַכט, ווי אַ טונקעלער טאָג
ווערן די ברייטע ליכטיקע טעג,
און איינער פאַלט מיד אַוועק.
און זיין ברודער ביים זייט פון וועג
זיצט און ציילט זשעדנע זיין מינץ,
און אַן אַנדערער — אַ פּרינץ,
אַ פאַרשטעלטער, מיט אַ שטעקל אין האַנט,
רעדט מיאוסקייט און זיסקייט —
אַ וואַלוועלער חכם אין לאַנד.

ליכטיקע פּים

זי זינגט —

נעם, נעם פון מיר
וויפיל דו ווילסט.
דיינע אויגן גליִען,
דיינע אויגן מידן־איין.

איך קוש ווידער דיין שטערן
און קוש דיין קאָפּ.
און בייג זיך צו דיר
אויף דער ערד אַראָפּ.

און דיינע אויגן זיינען צו,
און מיינע פאַרמאַכט.
ווער וואַכט ביים פענסטער —
דער טאָג צי די נאַכט?

איך עפן מיינע אויגן,
דיינע אויגן זיינען צו.
און אין הויז איז זון,
און טאָג, און רו.

אין שטוב

אזא־מין נאָנט גליק,
און אזא אָפענע פרייד.
דיין קושנדיק מויל, דיין אויג
און — דיין שטוביק קלייד.

דו ווייסט, ערשט היינט האָב איך
דיין גאַס דערזען.
אויפ׳ן ווייסן שניי
איז אַזויפיל זון געווען.

און איידל, איידל אַזוי
די שטילקייט פון שניי.
אַז מ׳הערט זיך איין אין דעם,
טוט אַזש וויי.

אַזא מין לויטערן טאָג
איבער דיין גאַס דערזען
און — אַ גאַנצן טאָג מיט דיר
אין שטוב געווען.

צו ו.

דו ביזט געגאנגען מיט מיר
מיין שווערן בלינדן טאג.
מיר האבן זיך ביידע געפירט
אן האפנונג אין א ליידיקייט.

ווען מיין עלנט האט געפונען ווערטער,
בין איך אויך פאר דיר געבליבן שטום.
ווען כפלעג זיך דערמאנען אן גוטע מינוטן
פון יענעם קינדערשן וועג און וועלט,
ווען יעדע נייע שטוב אין גאס
איז א געבוירענע פרייד,
בין איך אויך נישט צוגעגאנגען צו דיר
מיט מיין אויפגעלויכטענעם שמייכל,
נאר געווען, געווען ביזטו מיר
ווי געזונטע ערד פארן שוואכן גראז,
ווען דער הערבסט נעמט אפ׳סמ׳ען
דעם ווייניקן האניק פון דער זון.
ווען מידע קינדער קוקן דורך די פענסטער
און פילן טרויעריקע סודות אינם פארנאכט.
און געווען, געווען ביזטו מיר
דאס ווייטע גליק וואס האט מיך
אין א ריינער אינגלשקייט געהאלטן,
און געלאזט מיר וויינען לעבן זיך,
און געגעבן און געזשאלעוועט
דיין ליבשאפט און דיין בלוט.

פון אירע ליפּן —

מיט מיין ערשטקייט,
מיט מיין ניט־שולדיקן בליק,
בייג איך פאַר דיר מיין קאָפּ:
זאָלב איך מיט מיין מויל.

איך בין אַ שטילע פרוי.
אין די פיר אײַלן פון אַ שטוב,
בין איך אָפּגעזונדערט ריין,
בין איך אָפּגעזונדערט שיין
געזעסן און געוואַרט אויף דיר.

איצטער איז איינגעשטילט געוואָרן די וועלט
מיט אַ סוד, מיט ווייטקייטן.
פון אומעטום קומסטו
און אומעטום ביזטו דאָ,
קיינער האָט נישט אַזעלכע טריט
ווי דיינע.

וואָס וועל איך טאָן
אַז דו וועסט נישט קומען,
אַז מיינע זין וועלן גרויס־ווערן,
אַז מיינע האָר וועלן גרוי־ווערן,
וועל געדענקען דיין ריינקייט
פון הינטער באַגערנדיקע ליפּן.

דו ערלאַכסטער און הערלאַכסטער
און קינדערישסטער פון אַלע מענער.
אין מיין אַלטסטער עלטער
וועל איך דיך נאָך האָבן
ווי אַן ערשטע פרייד
וואָס ליגט ביטער
אויף די מידע ליפּן
און זיסט.

דיין שטוב

אין דיין שטוב
איז אזא גאָלדענער
און זעטיקער בייטאָג.

הינטער די פאָרהאַנגען
אזא ליבער רויש,
און אַ מילדקייט.

פנים־צו־פנים,
און קאָפּ צו קאָפּ.
ווי מיר האָבן זיך ליב.

אין אונזער שווייגן
בלענדט פאַרוואונדערונג:
ווי אַזוי, ווי אַזוי
האָבן מיר געטראָפן
איינס צום אַנדערן.

ווי אַזוי און ווי אַזוי
זיינען געבליבן שטיין
די גאָלדענע מיטאָגן.
ביי דיינע פענסטער,
יעדן טאָג.

אין גאַנצן שטאָט
איז דיין שטוב
די שענסטע שטוב.

אין גאַנצן טאָג
איז דיין זון
די גאָלדענסטע זון.

פון אירע פיס —

נאָריר אַלץ וואָס דו ווילסט
און פאַרשלים זיך אין מיר,
און פאַרפלאָנץ זיך אין מיר,
און פאַרבלי זיך אין מיר.

און וואָס זאָל איך נאָך טאָן,
זאָלסט מיר זיין ווי אַ קינד?
ווי נאָך דורכזיכטיק זיין?
ווי נאָך פינסטער און בלינד?

און וואָס נאָך זאָל איך טאָן
מיט מיין נשמה און לייב, —
וויפיל זינד, וויפיל גליק,
צו פאַרבלייבן דיין טויב? —

און מיין ליכטיקע ווייס
שפּרייטן זוניק אויף דיר
זאָלסט זיין ליכטיק אין מיר,
זאָלסט פאַרבלייבען אין מיר.

דאָ...

אַז דער זומער וועט שוין ווערן האַריק,
מיט הויכע גראָזן, מיט געלער תבואה,
מיט עפּל פון גאָלד און — פּעטע רעגנס
וועלן דורכקושן די ערד מיט באַפרוכטונג,
וועסטו נאָך זיין מיר
אַ דין מיידלש ווייב,
מיט קליינע בריסטן,
מיט לאַשטשעטדיקע הענט
און פאַרטרויטע אויגן.
און וועסט ליב־האָבן
בלייבן מיט מיר אַליין
און קוקן אויף מיר:
דאָס ביזטו
דאָס ביזטו
וואָס שטילסט איין
אין אַ אינגליש גליק
דורך קליינע לידער
און דורך מיר,
אויף מיינע קליינע בריסט,
דיין קליין מיידלש־ווייב,
וואָס זאָגט נישט קיינעם אויס
און קיינער טאָר נישט וויסן,
און קיינער טאָר נישט זען
ווי כ'טראָג אַרום דיין פרייד
אויף מיינע פולע ליפּן.

פון איר לייב —

דיינע הענט
אויף מיינע אקסל.
און מיר איז גוט אזוי
צו זיין נאַקעט,
צו זיין שיין
פאַר דיר.

פאַרוואָס, זאָג מיר
איז מיין נאַקעט לייב
אַזוי זיס פאַר דיר?
און פאַרוואָס קושטו
מיינע פיס,

מיר איז גוט
צו זיין גוף פאַר דיר,
צו זיין נשמה פאַר דיר,
און זיך געבן דיר
וויפיל דו ווילסט.

מיר איז גוט
צו זיין געזאַנג פאַר דיר,
צו זיין קוואַל פאַר דיר
און קושן דיין קאָפּ
ווען דו בייגסט זיך אראָפּ
אין דאָרשט צו מיר.

צו...

האַלט מיך
אין דיינע גוטסקייטן,
אין דיינע וואַרימקייטן.

וועלט איז פֿול
מיט פֿרעמד און גרויס
און מיינע נאָנסטע
זיינען געשטאָרבן אין איר.

און מיינע ליבסטע —
אין ווייטע גאַסן,
שלעפֿערן אין פּיין,
אין עלנטקייט.

אָ, ליב פּנים,
ליבע הענט
און פֿיס,

האַלט מיך
אין דיינע וואַרימקייטן
אין דיינע גוטסקייטן.

בלוי אויף מיר
דיינע אָפֿענע
דיינע לויטערע
אויגן.

האַלט מיך נאָנט
אין די פֿאַלדן־קנייטשן
פֿון דיין לייב.

אינמיטן דער זון

ידו ווּעסט אַמאָל דערציילן:

איך האָב אים יעדן טאָג גערופן,
און מיט זיך אים איינגעשטילט,
און מיט זיך אים גוט-געמאַכט,
און מיט זיך אים איינגעגלויבט
אין שיינע זאַכן פון וואָס ער האָט נישט געוואוסט.
איך האָב אים שטאַרק ליב־געהאַט
און אַלע טעג מיינע אים אָפּגעגעבן,
איך האָב אין אים געזען אַן איינציקן
מיט קינדערשע ריינע אויגן,
און ער ווייסט פון גאָט
און איז אַזוי פּשוט
און אַזוי שטאָלץ
און — פאַראומערט אויך.
האָב איך אים יעדן טאָג גערופן,
און מיט זיך אים איינגעשטילט
און מיט זיך אים גוט־געמאַכט,
און מיט זיך אים איינגעגלויבט
אין שיינע זאַכן פון וואָס ער האָט נישט געוואוסט.

צו ז.

און דורך ווערטער זינג איך זיך,
און דורך ווערטער דערצייל איך זיך,
איך וועל זיך ציען, איך וועל זיך גליען
מיט לידער ווי מיט סטרונעס ארום דער וועלט.
דורך דיינע שיינע גופן פון פרויען,
דורך אלע נאקעטע לייבער וואס לייכטן
און ליכטיקן צו מיר אריבער — ליבן
און גיבן און טריבן און טרייבן
און טראגן מיך איבערן שטראם פון גליק
און — איינזאמקייט, און — ליידיקער וועג
קומט מיר אנטקעגן און רופט מיך צוריק,
צוריק.

ביי מיין פענסטער שטייט א קליינער ישוב.
שטיבלאך, היימען און א גוטפרייינטלאכער טאג.
און איך וועל אריינרופן איינעם, א דורכגייער,
און אים דערציילן פון דיינע דינע הענט,
און ווי דו בייגסט דיין קאפ צום קושן.
און דיינע מוילווינקלען שאטענען
און שמעקן און ווינקען און עפענען זיך.

ווי נס

און איינמאָל, איינמאָל
האָסטו מיך דערהויבן.
איך בין אַזש שטום געוואָרן
פון געשעעניש און נס.

ערשט איצט, האָב איך געטראַכט,
וועל איך מיט דיר אַרויפגיין
אין די הויכן, אין די רייכן
פון דיין היים געגנאָד.

אַז גאָר די וועלט,
און אַלץ וואָס עפנט זיך,
און עפנט אויף די אויגן,
און עפנט אויף דאָס שמאַכטן,
און די דורשטן, און די הונגערס, —
איז דיין היים געגנאָד.

און ווי אין אַ נייער שטאָט
האָסטו געפירט מיך העל
דורך מיינע אַלטע גאַסן
צו יענעם גוטן הויז.

האָסט אַראָפּגענומען
פון מיין בלוט די בלינדקייט.
האָסט דורך מיר דורכגעלויכטן
ווי אַ זון דורך אַ גרינעם בלאַט,
ווען זומער איז נאָך יונגע פרוי,
און ווייכע פרילינג־ווייסקייט
דורכזיכטיקט זיין לייב.

אַראָפּפֿאַל

איך וויל אַזוי פֿון דיר זאָל אין מיר עפּעס בלייבן.
ניט טויט עס אָפּ, ניט ברען עס אויס.
אין בעטלערישן גרוי, נאָך אַזאַ רייך פֿון בלענדונג.
עס איז געווען אַ טאָג, איך בין געווען גרויס.

איך צינד אין אָנדענק זיך
מיט יונגע ליכטיקע פֿלאַמען.
איך צינד־זיך פֿייערלאָך,
און רעד מיט זיך פֿון דיר,
און גיי איבער דיין גאַס,
און זע די מענטשן וואָס קאָנען דיך,
און זע דאָס קלייטל וואו דו קויפֿסט
און זע דיין קינד אין שולע גיין,
און לאָך צו אים.

און נאָכדעם, ווייס איך,
איז אַ שווערער גראָבער טאָג.
אונטערן ברייטן ראָד פֿון שעה'ן
קריכן מענטשן, גאַסן — מיט בוימער,
שיינע הויכע הייזער, קליינע געבליבענע האָלצשטיבער,
הינטער די פּלייצעס פֿון דער שטאָט,
און אין הימל — אייביק אין זיין בלויען זיידנס —
גאָט.

און איך פֿאַרגיטיק זיך
מיט אומעטיקער לינדערונג, רייד
וואָס וואַרימען און טרייסט:
איך בין מיט דיר געווען אויפֿ'ן הערלאַכסטן וועג,
און מיר האָבן געזען און געזען
אויף דער רואיקסטער הויך,
פֿון דער רואיקסטער הויך.

מיר

1.

איך דערמאָן זיך:
אַ ווייס פֿול לײב
איז צו מיר געקומען:
איך האָב דיך אַמאָל געזען, דערזען
און ביזט דורך נעכט פּאַרפֿאַלן געוואָרן.
איך האָב געגנאַרט און געגאַרט
מיט ברענענדיקער שיינקייט.
און צוליב דיר
בין איך ניט אַלט געוואָרן
און צוליב דיר
האָבן מיינע ליפּן גערוט
אין געוויין פֿון ריינער ליבשאַפֿט
צווישן די קעפּ פֿון מיינע קינדער.

מיר איז געווען פֿיינלאַך־גוט.
כהאָב זיך צעוואָרפֿן ווי בליאונג
אין אַ אינגלשער שיינקייט
און אַזאַ מין ליכט
אַזאַ מין העלע זון
האָט מיך אַרומגעלויכטן.

.2

דיין שיינער טאָג
האָט אויף מיר געלויכטן.

און כהאָב געזייט אין דיין גוף
מיין ליכט און מיין בלוט.

כהאָב דיך ליב נאָנט
אינדערפרי אויפ'ן בעט.

ווען אין די פענסטער קומט צופאָרן
דער בלויער אינדערפרי,
מיט אַ פורעלע זון.

אויגן אין אויגן
האָבן געזאָגט און גערעדט:
אונזער ווארים בעט.

שלים נישט אויף די ווענט,
און די טיר שלים נישט אויף.
וואָס פאר־אַ שיינע פיס,
וואָס פאר־אַ שיינעם גוף
דיין נשמה האָט.

צו...

דו גוטע, דו טייערע גוטע,
פאַרוואָס ביזטו שלעכט?

אַזאַ וואַרימער גליקלאַכער טאָג האָט גערוט
לעבן מיר, לעבן דיר, ביי די טריט.

און די גאַס, אָט די גאַס,
ערשט אַצינדערט דערזען —
אַזאַ יונגע און שיינע דיין גאַס
וואו דו וואוינסט.

נעכטן און היינט און — מאָרגן —
כ׳וועל וועלן, וועל וועלן צו דיר,
און וועל זיך פאַרהאַלטן ביים שוועל,
און — ווי נעכטן און היינט און מאָרגן —
לויפן צו דיר.

לויפן צו דיר.

און ביים טרעפּ פון דיין טיר,
וועל איך מיאוס־זיין פון קליינקייט —

ווי מעג איך,
אַזוי שוין אין אומעט,
אַזוי שוין אין שאָטן,
נאָך קומען!

אייביק־גרוי

מײַן ווילן נאָגט נאָך קראַנק אין מיר
נאָך דיר: כאָטש קומען און אַ קוק טאָן
מיט אַ פֿאַרלאָרענעם בליק.

איך האָב זיך אײַנגערעדט
אַז כוועל נאָך קאָנען אָפּרעדן עטלאַכע פֿײַנלאַכע ווערטער
פֿאַר מײַנע קרענקלאַכע פֿרײַנט, די לידער.
איך וויל זיך נאָך מסתּם צוליב־טאָן
ווי מווילֿ אַ לעצטען קוק־טאָן אויף אַ נאָענטן
וואָס גייט אַוועק.

איך האָב זיך אומזיסט געשטאַרקט.
האָב נישט באַוויזן נאָך צוברעכן זיך ביז איצט.
איך צי זיך נאָך צו דיר דורך ווענט,
און בעט זיך: הויב מיך אויף.
און בעט זיך: הויב מיך אויף.

און אַמאָל ווײַן איך נאָך
נאָך מידן שמאַכטן און טריקעניש אַרום זיך.

כבין פֿון דיר אָפּגעגאַנגען שטיל און קינדעריש
און נישט געוואוסט פֿונוואַנען כ׳בין געקומען
וואוהין צוגיין. און נישט געהאַט קיין וואָרט
פֿון נאָענטקייט צו עמיצן.

און — אַזוי טאָג איך, נאַכטיק איך, וואַכיק איך
אין אָט־דער שטאָט וואו דו ביזט דאָ.
ניט ווײַט פֿון דער גאַס וואו מען קאָן דיך זען
נאָר איך גיי איר מער נישט דורך.
כ׳בין אין דער וועלט ווי אין אַ טונקעלער שטוב,
פֿונוואַנען כ׳גיי אינערגעץ ניט אַרויס שוין מער.
דער דרויסן איז פֿאַרגרויט פֿון אָוונט־קעלט און פֿוילן רעגן
וואָס האַלט שוין אָן אַזוי פֿון אייביק־לאַנג.

העל־גרין

קיל פליסט דער יונגער חן אויף דיין פנים נאָך היינט אַמאָל,
ווי פריער שיין אויף גראָז און וואַסער און צווייגן,
ווען די זון איז נאָרוואָס אַרויס פון איר רויט
אויף דער בלויער הימלישער ברייט.

שטיל בין איך צוגעשוואומען צו דיר,
פון טריבע ווייטקייטן צו דיין גוטן ברעג.
האָסט מיר געלאָזן זיצן אין דיין זון.

אין קלאָרן פליסנדיקן טאָג
איז אַלץ אַזוי אויפגעריכט און הויך,
און גייט אויף פרייליכע גאָלדענע כוואַליעס
אין דער אומענדלאַכקייט פון דער וועלט.

פון גרויער איינגעדרימלטקייט
האָב איך זיך אויפגעוועקט.

גיב מיר דיינע הענט,
גיב מיר דיינע פיס,
די ווייסע מילך פון דיין לייב איז זיס,
ווי דאָס גליק פון האָבן קינדער
וואָס וואַקסן אַרום דיר ווי גראָזן
אין העלן גרין.

און אויף דער שוועל
וואו די קליינע שפילן זיך בייטאָג
רוען מיר זיך אָפּ פאַרנאַכט.
מיד זיינען מיר ביידע
פון פריען און פון שפּעטן צער
פון ציטערדיקן וואַקלען אויף דער שמאָלער סטעשקע
צו יעדן נייעם טאָג אַרויס.

נאָך ליב

איך האָב דיך נאָך ליב, נאָך ליב אַזוי,
מיין יונגער מיין ניט־געטרייער פריינט. —
איז מיר שווער צו נעמען פאַר בייז
דאָס שלעכטס וואָס טוסט מיר היינט.

נאָך פינסטערער וואָלט מיר געווען,
ווען דו קומסט שוין ניט מער צוגיין,
— — — — — — — — — —
כהאָב געזען מענטשן אין גאַסן
נידעריק ווי גראָז און קליין.

אין איין טראָט זיינען אַלע געגאַנגען,
און איין גרויקייט פון שווייגן מיט זיי.
כ'בין מיט אַלעמען שפּל געוואָרן,
און פון אַלעמען האָט מיר געטאָן וויי.

דו ביזט נאָך דעמלט ניט געווען,
איך וויים נישט ווי דו ביזט געוועזן.
כ'בין געגאַנגען אין גרויען־געבויגן,
אין ערגעץ דיך נאָכנישט געזען.

דאָס ווייב רעדט שטיל —

דיין קליינער טאָג,
און דיין אָרימער לוין,
און דיין איינציק וואָרט
און דיין פאַרווינקלען זיך,
דיין פאַרוויקלען זיך
מיט מיר, דיין שטיל ווייב,
אין איין לייב.

און קיינער ווייסט נישט,
און קיינער זאָל נישט וויסן
ווען מיר זיינען בייז,
און האַווקען, און ציישן
אויף אונזערע ווענט.
און רייסן זיך דורכן פענסטער
אויף דער וועלט,
אין דער וועלט.

און קיינער ווייסט נישט,
און קיינער זאָל נישט וויסן,
ווי דו גייסט צו צום בעט
ווען איך דרימל שוין
און לייגסט דיין קאָפּ
אונטן צו מיינע קני,
אונטן צו מיינע פיס,
און איך הער.
און איך פיל —
מיר זיינען איין לייב.

און נאָכדעם
ליגסטו לעבן מיר,
נעם איך דיך אַרום.
איך וואָלט דיר פאַרגעוואָרפן
די אַלע בייזע זאַכן,
די אַלע שלעכטקייטן
פון פריער, פון ביי טאָג
נאָר איצט איז דאָך
נישט ביי טאָג
און אַלע שלאָפן רואיק,

און — סאיז שלום
אויף דער וועלט.

אויפ'ן דרויסן איז ווארימע זומערנאכט
אין אונזער גאס שטייען קליינע שטיבער
גארטנס. יונג־פארזעצטע ביימער
און אלע אונזערע שכנים
לעבן אזוי ארים זייער ארים לעבן.

דיין קליינער טאג,
און דיין ארימער לוין
און דיין איינציק ווארט,
און דיין פארווינקלען זיך
און דיין פארוויקלען זיך
מיט מיר דיין שטיל ווייב,
אין איין לייב.

און דו

איך גיי אַוועק פון ענגן הויז
און דו בלייבסט הענגען אַליין אין אַנגסט
רופסט אין דער שטומקייט מיין נאָמען,
ווילסט איך זאָל זיין מיט דיר.
ס'איז קיינער נישטאָ אין דערדאָזיקער שטאָט
וואָס זאָל קומען אויף אַ שעה צו דיר
דו זאָלסט אויפמישן דיין מיידלשאַפט,
מיט שטילע שעמעוודיקע ווערטער —
אָט־דאָסדאָזיקע שיינע בוך
מיט די ווייסע זיידענע בלעטער.
דאָרט שטייט געשריבן
אַז ביזט מזל'דיק,
אַז דאָס גליק,
דאָס גליק דאָס יונגע
האָט שוין ווייסע בליטן
ווי אַ בוים ביים פרילינג אין גאָרטן
ווען פריע פייגל וויזן זיך.

טייערסטע

אויך דו וועסט מער נישט ברענגען
די לאַסטשענדיקע גוטע אויגן.
דו זיסער פולער גוף.. דו טרייסט
פון געזאַנג אין אַ באַהאַלטן שווייגן.

פון ווארימער נאַנטקייט — אין ווייטן עלנט,
און ווידער זיינען מיר פאַרפרעמדט געוואָרן,
אַ קוק־געטאָן און — פון אויג פאַרלאָרן.
ווי טוואָלט דיך אומגעריכט באַגעגנט וואו,

נאָר ווי האָב איך אין זיך אריינגעזאַפט
די ווייסקייט פון דיין אויסגעקושטן שטערן.
איך וואָלט געוואָלט אין מאַרק ארומגיין
און וועגן דיר כאַטשע רכילות הערן.

די ווייבער טראַכטן אוים צען־טויזנט זינד,
און די ניט־קלוגע מאַנסבילן דערשרעקן,
און גייען אום מיט ברילן פון פאַרדאַכט,
און זוכן אום סימנים,פלעקן.

נאָר דיינע לייַלאַכער זיינען זויבער־ריין,
און פון דער קלאָרער ווייסקייט פון דיין שווייגן
בין איך דער שיין וואָס בלענדט ארוים פון שניי
מיט טויזנט פאַרביקע קרישטאַלן־אויגן.

צוויי

צו מ.

דיין העמד איז ליכטיק.
דיין לייב, דיין ווארימקייט איז ליכטיק.
נאָך מיין פרייד מיט זיך און מיט דיר,
בלייב איך זיצן שטיל אזוי,
ווי לעבן א גוטער מאַמען.

פאַרוואָס לאָזטו מיך אזוי שפּעט פון שטוב —
רעגן און ווינט איז אין די גאַסן,
פינסטער און קאַלט איז אין די גאַסן,
וואוהין זאָל איך זיך לאָזן גיין
אין אַזא שפּעט און נאַכט —

אַלע שטערן זיינען פאַרלאָשן אין וואָלקן.
די לאָמפּן בלאָנדזשען אין נעפּל.
די בוימער אין פּאַרק וויינען.

צו פּ.

דו ביזט מיר ווי טאָג און ווי זון
וואָס לייכט מיר אריין דורכן שויב.
דו ביזט מיר ווי וואַסער און ברויט
אויפן ליכטיקן טיש געגרייט.
נאָר שטומער וואונדער פאַר דיר
צינדט זיך אין בלוט ביי מיר,
ווען אין ווארימער זעט אין בעט
שווער און גרויס די נאַכט טרעט,
און מיר ליגן ווי מידע פערד
אויפ'ן שלאָף ווי אויף נאַכטיקער ערד.

נאָך

דיין ליב איז גוט
און גיט זיך נאָך,
נאָך און נאָך.

אַ שפּיל מיט מיר
איך ווער ווי געזאַנג
אונטער דיין באַריר.

ווי אַזוי ביזטו
געוואָרן אַזוי יונג,
און וועמענס ביזטו
געווען פריער?

סאיז גוט אַזוי
וואָס סאיז נאָך פרי.
דו ווייסט, עס איז
אַזוי נאָך פרי
ביי מיר און דיר.

טרינק מיין וויין,
טרינק פון מיר.
איך האָב ליב
אַז דו טרינקסט פון מיר.

איך האָב געגרייט
און אָנגעגרייט.
בין פול מיט וויין,
בין פול מיט פרייד.

און היינט, און היינט
איז ערשט דאָך היינט
מיין אינגל־פריינט,
מיין אינגל־פריינט,
מיין אינגל־פריינט.

ירושה

מײַנע װאוילע פּרײַנט
האָבן זיך פֿאַרקליבן
אין ליכטיקע און רואיקע ישובים.

זײערע װײַבער
טראָגן ברײטע װײַסע קלײדער.

מײַנע װאוילע פּרײַנט
האָבן אָנגעירשנט
אַ שײן ביסל ירושה:
שטאַרקע בעט און טישן,
זילבערװאַרג און קופּערװאַרג,
גאָלד אין סאַמעט־שאַכטלען.
אַזאַ יחוסדיקער בלױער הױך פֿון טרױער
אָטעמט פּונם קילן גלאַנץ אױף דער ירושה.

נאָר פּעסט זײַנען זײ אײַנגעזעסן
מײַנע װאוילע פּרײַנט אין דער ירושה,
װי אַן אַלטער גוטער ספֿר
אין אַ שטאַרקן לעדערבאַנד,
בלעטער װי פֿון פּאַרמעט
און די װערטער — שאַרפֿע
אײַנגעזעצט װי
שװאַרצע פּערל.

דיינע אויגן

די גוטע קינדערשקייט אין דיינע אויגן.
דער העלער שמייכל. טרויריק. קיל.
ווי איך האָב דיך ליב.

בין אַזוי אָרעם אין דער וועלט געוואָרן,
האָב נישט מער שוין צוליב וואָס
צעווישן מענטשן קומען.

צוליב דיר איז מיין טיר נאָך אָפן —
עמיצער זאָל נאָך אַמאָל אַריינקומען
ביי אונז היימלאַך זיין.

און דו ביזט גליקלאַך.
שמייכלסט ליכטיק,
וואָס מענטשן קאָנען מיך
וואָס מענטשן זאָגן מיר: דו.

זיצסט פונוויטנס ביים טיש.
און העלע רייד, נאָנקייטן, גוטפריינטשאַפט
דערפרייען דיך און דערמונטערן,

שמייכלן דיך אויף,
ווי עס דערפרייט אַ קינד
די וואונדערלאַכע צוזאָגן אויף דער וועלט:

דער ברייטער זומערדיקער הימל דורכן פענסטער.

דאָס שפילן פון זעלנערישע מאַרשן אויפן שליאַך --

אויף אַלע בריקלאַך ביי די שטיבער,
אויף פענסטער
אויף שוועלן,
אויף דעכער,
אויף שפיצן בוימער, —

רוט אַ יומטובדיקע שכינה.

די גוטע קינדערשקייט אין דיינע אויגן.

צו...

אין דיין הויז
רוט אַ ריינקייט,
און אַן איידעלע,
אַ היימלאַכע
ליגט די זון
אויף די ווייסע בעטן.

דיינע קינדער
ביי דיין פּאַלע —
קליינע קעפּ
און קלוגע אויגן.
כ׳האָב זיי ליב,
ווי דיך.

אפשר, אפשר
שפּילן מיר זיך
אַלע אינאיינעם.
רופן מיר דיך
מאַמע.

וואַרט איך
זאָלסט צו מיר זיך קערן,
און מיר וויזן אויפן בעט
זיך שלאָפנלייגן.

נאָכדעם טרעסטו
שטיל און איינאַליין
אזא רואיקע און ריינע.

מאַמע, מאַמע,
געליבטע מאַמע.

טויט־גרוי

ווידער מאָנסטו,
דו נאָך־ניט קלוג־געוואָרן,
נאָך נישט ריין־געוואָרן
קינדערש האַרץ.

יונגער זומער
קלאַפּט שוין זיינע פליגל
אויף די נייע וואַסערן.
און די שטאָט וואַשט זיך
מיט אַ בלויען הימל.
און דו, דו ווילסט
נאָך ניט פאַרגעסן אַלץ
די שלעכטע האַרטע שעה,
פון אינדערפרי ביז נאַכט,
ווען זי איז געקומען אויף אַ מינוט
און געזאָגט ניט־גוטס
און אַזוי שלעכט־געווען,
מיט פרעמדע אויגן.

און אַוועקגעגאַנגען.
זיך נישט אומגעקוקט.

קלענער פון די קלענסטע
בין איך אַרומגעקראָכן
אין נידעריקע גאַסן.

קלויסטערס זיינען פאַרמאַכט,
די וואָך פירט די גאַסן און די מענטשן
מיט מאָנאָטאָנע טריט,
ווי אַן אַלטער פאַסטוך
זיין טשערעדע.

איך שלעפּ זיך־נאָך,
אומוויל, מיט שוואַך גרוי לעבן
אין מיין בלוט.

די פרוי פון...

.1

אַ שיינער קאָפּ,
איך וועל דיך קושן,
איך וועל דיך האַלטן
אין די וואַרימקייטן
פון מיין ליבשאַפט.

זאָג מיר
און זאָג מיר
מיט דיין אײדל אויג
די שיינע פּראָסטקייטן.

איך וויל,
און וויל
דיין לייב.

איך וויל דיין נאַכט,
און דיין טאָג — אויך.

דורשט מיך,
איך קוועל צו דיר.

איך קוועל צו דיר.
מיט זון אין זיך.
מיט קילקייטן,
מיט פרישקייטן,
מיט אַלע מיינע יונגנט־רייפקייטן,
מיט אַלע גלידער־רייפקייטן.
איך וויל דיך צוקייטן צו זיך
מיט מיינע הענט
און אַקסל,
און פּיס.
און

נאָכדעם — ליג לעבן מיר
ווי ביי אַ וואַסערברעג.
קוק ארויף צום הימל —
ער האָט באַרואיקונג

אין זיינע בלויען.
און — ביזט שטיל גראָז,
דו גוטער מיינער.

און —

כ'וועל זיך ווידער צושאַרן צו דיר.
כהאָב נאָכאַמאָל דיזעלבע אויגן,
און נאָכאַמאָל די שוואַרצע האָר,
און נאָכאַמאָל דאָס געשמאַקע לייַב
וואָס דו האָסט ליב.

אַ שיינער קאָפּ,
בייג זיך צו מיר,
איך בין ווייס,
איך בין לייב,
צוליב דיר
בין איך ליכטיק לייב,
בין איך לויטער לייב,
און פריש און פרום
און גוט ווי שלאָף.

צוליב דיר,
צוליב דיר.

.2

שפּילן, שפּיל צו מיר
דורכן קרישטאָל פון דיינע אויגן.

האַלט מיך וואַך און הויך
און איבער זיך אַליין דערהויבן.

מיט דיר, ווי אין יונגן גלויבן,
גיי איך ניי איבער דער וועלט.
אַ בחור דו,
דו אינגלשער בחור,
מיטן הערלאַכן חלום
איבערן שיינעם קאָפּ,
לאָז נישט אָפּ מיין האַנט.

דו, בחור,
מיין אינגלשער בחור,
בוים אין פרילינג,
טו מיר ליב,
טו מיר וויי,
מיט דיינע דינע צווייגן,
מיט דיינע גוטע אויגן.

איך האָב זיך איינגעבויגן,
און דיינע ליפּן זאַלבן מיינע האָר.

.3

גוטער מיינער,
ביז אַ העלפט
האָסטו זיך אָנגעטרונקען
פון מיין שיינקייט.

איך האָב צו דיר
מיט אַזאַ יונגער פרייד
אַנטקעגנגעטראָגן
מיין באַפרוכפערטקייט.
און האָב געבליט
מיט שעמעוודיקן רויטן צוויט,
מיט ווייסע בליטן פרייד,
פאַר דיר.
פאַר דיר.

און בין געווען דיין כלה
און בין דיין כלה
ווי נאָר איך שטיי פאַר דיר
אין מיין ברייטן ווייסן העמד —
מיין חופה־קלייד.

מײַן װײַב זאָגט צו מיר —

איך האָב דיך ליב־געהאַט,
און האָב זײ דיר געהאַט
דײַנע מײדעלאַך.

דײַנע מײדעלאַך
מיט שײנע פּנימלאַך,
און ליב, װי דו ביזט,
האָב איך זײ געזױגן,
זײ האָבן מיר געצופּט
װי גרעזלאַך פֿון דער ערד.

און איצטער
שלעפֿן זײ זיך נאָך
נאָך מײַן לאַנגן קלײד,
צושפּרײטן די פּאָלעס ברײט,
און כ׳לאַך און לאַך אין זיך,
אַזױ ברײט, אַזױ ב־ר־ײ־ט, ב־ר־ײ־ײ־ײט
איב־ע־ר־ן ג־אַ־נ־צ־ן ש־ט־ו־ב.

יונג

און אויף מיין ברויט — שאַנד.
און אין מיין אויג — פּיין.
די קללה פון אַ האַנט
וואָ דאַרט און קוואַרט שוין איין.

די קללה פון אַ צונג
צעווישן פוילע ציין.
און — כבין נאָך אַזוי יונג
און וויל נאָך איבערגיין

דאָס לעבן הער־און־הין
כאָטש נאָך עטלאַכע מאָל,
ווי סגייט דאָס זומערגרין
אַריבער באַרג און טאָל.

און אָפּקלינגען אין מיר
וועט ווייט און לייט און לאַנד,
ווי אין אַ געליבטערס טיר
אַ ציטערדיקע האַנט.

יונג

אונזערע שטיבער
זיינען געשטאַנען נאָענט,
אַ שוועל ביי אַ שוועל.

דער קליינער טומל
פון די יונגע טעג
זשומט מיר נאָך
אין מיין געדעכעניש.

איך געדענק דיך
אין דיין קינדערשער שיינקייט
אין דיין טאַטנס הויז.

און איך געדענק דיך
אין דיין מיידלש אויסוואַקסן, —
דיין מיידלשע שיינקייט
דיין מיידלשן זייד.

אין שטוב בליען נאָך
קליינע קינדער
און יונג איז אַפילו
די זילבערנע באָרד
פונם שלאַנקן זיידן.

אַ יונגער זומער —
אינדערפרי, אויפן טיש
ביים פענסטער, אין קיך,
פרישע מילך
און פוטערגעבעקס.

מיין שטאָט

אין מיין שטאָט
קאָן איך די סוחרים,
קאָן איך די געלערנטע
און די וואוילגעווייילטע.
זיי גייען דורך אמאָל
די נידעריק־געבוקטע גאַסן.

אין מיין שטאָט
קאָן איך די געבייען
מיט די גאָלדענע שילדן,
מיט די חשובע פענסטער,
מיט די ברייטע גרויסע הויפן
מיט די שטאָלצע טאָפּאָלן.

און איך קאָן
אַן אַלטע גאַס.
דאָרטן וואוינען אַלטע לייט.
אַן אַלטע וועלט.

מוואַרפט אַראָפּ דאָרט איינציקווייז
די שטיבער פון דער ערד.
דאָרטן וואוינען שלעפּערס.
הורן און גנבים
און אפשר אויך דער הענקער
פונם היגן געריכט.

איך גיי דאָרט אָפּט אַרום
ווען איך האָב אַ פרייע שעה.
פּאַסיקלאַך קראַנקע זון
ליגן אויף טראַטואַרן און שוועלן.
און ווי די פּאַסיקלאַך קראַנקע זון
קומען דאַן פרידלאַכע פסוקים תהילים
אויף מיינע שטומע ליפּן.

וועגן ניו־יאָרק

א. ש. שקאָלניקאָוו׳ן

דער גוטער טאָג,
דער גוטער וועג,
דער גוטער מענטש.
מיין פריינט —
דו קאָנסט איגנאָרירן זיי נישט מיטנעמען.
דאָס קלענסטע שטיקל שאָטן איז אַ קראָ,
אַ שלעכטער סימן און אַ בלינד פאַרגעפיל.

טאָ, וואוהין, הילפּלאָז האַרץ?
דאָ, אונטן אין טאָל
איז אַלץ שטאַרק,
צו שטאַרק פאַר דיר.
אַלע מויערן זיינען יונג,
ניו־יאָרק איז אַ גראָבער יונג,
און דיינע שיינע זיך־חנ׳ענדיקע ווערטער
וועלן באַלד פאַרוועלקן.

דאָס אַלץ איז אַזוי ביטער־קלאָר,
און אונטערן בלוטיקן טריוואַקס־זיגל.

און דער גרויער גאָט פון הי
מיט זיינע רויע רעגנס,
מיט זיינע פאַרוואָגלטע קעץ,
ער זיצט איצט ווי אַ גרויסער שפין
אויף די שטאָלענע מאַסטן פון מאַנהעטן בריק,
און וויגט זיך אום
אַהין און צוריק.

מיטוואָכדיקע טיי

שטראָף מיך ניט. ניט מיט גוטן ניט מיט בייזן,
וואָס דו גיסט מיר האַלט זיך קוים אין מיין רשות.
די שיינקייטן זאָלסטו מיר נאָר פונוווייטנס ווייזן,
עס זאָל ניט שטרויכלען איבער זיי מיין בלינדער פוס.

דיין חסד זאָל ביים טיר פון מיינע ליבע שיינען.
ווען איך וועל קומען ווען צו גאַסט צו זיי,
זאָל שמעקן פרישער נאָך פון אַלטע וויינען,
דאָס העלע גאָלד פון זייער הייסער טיי.

די דאַרע פלעצלאַך — וואָכעדיקער כיבוד,
נאָר וויפיל יומטוב אין דער קלאָרער פשוטקייט.
קיין טראָפן פון דיין גנאָד גייט ניט לאיבוד,
פון דיין געמינערטער און צוגעטיילטער פרייד.

די פנימער פון האַרטער זאָרג צושניטן
נאָר וויפיל טיפע גוטסקייט שטילט אין זיי.
א קיך — אַוועקגעשטעלט א ברייטן טיש אינמיטן,
מיטוואָך אויפדערנאַכט ביי הייסע גלעזער טיי.

* * *

אַ אָרימקייט, דו טוסט אַלע ערלאַך האַלטן
אין פּשוטן קלייד און אין פּראָסטן וואָרט.
איך בין אין גאַס געגאַנגען, אין געשריי פון יובל:
דער קעניג פּאָרט. דער קעניג פּאָרט.

און איך האָב זיך נישט אומגעקוקט אפילו,
און האָב זיך דורכגעשפּאַרט דורכן המון,
און זיך אַראָפּגעקערוועט אין נידעריקן געגנט —
שטוב און שטאָלן שטום און ליידיק און אַליין.

ביי איינעם פון די שוועלן צוגעזעצט זיך
און האָב בעטראַכט: די גאַס איז אַזוי אַלט.
ניט איינמאָל אין דערדאָזיקער ענִיוות,
איז אויפגעשטאַנען דאָ אַ וואונדערלאַך געשטאַלט.

און ווי די לאַטאַם אין די טונקלע זומפּן,
האָט זיך זיין ווייסע ליכטיקייט געשפּרייט.
דערמאָן זיך: דער בעל שם טוב
און יענער יומטוב אין דער וואָכעדיקער פרייד.

מיין ליד

1.

איך געדענק אַן אַנדער גאַס,
געדענק אַן אַנדער שליאַך .
אַ ווייטע קליינע וועלט
אין האַלבן דרימל — וואַך.

אַ שעה אין אַ רואיקער זון;
פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט —
אַ סופר ביי אַ טיש,
פאַרגעסן און פאַרטון.

אין אַט־דער ווייטער וועלט,
בין איך אַרומגעגאַנגען
קליין, קינדעריש און — אַלט,
ווי אין אַן אַלטן וואַלד.

און אַזאַ שפּעטקייט האָט
מיין האַרץ אַרומגעהילט,
און אַלץ דאָרט איינגעשטילט,
און אַלץ דאָרט איינגעשטילט.

2.

אַ הערלאַכע ווייטקייט ליגט הינטער אונז, ברידער,
אַ וואָך און אַ שבת און אַ זון — אין גערזאַנג.

איך בין אין פאַרעלנטן טרויער געגאַנגען
און געפונען דאָס קול פונם ליכטיקן טאָג.

עס איז נאָר אַן עכאָ — נאָר איך קאָן שוין איצט לעבן
אין פאַרלויערטער שטילקייט מיטן געפונענעם קלאַנג.

עס זינגען פאַרעלטערטע שטיבער אין בלויען
אין הייליקן בלויען פון פאַרטאָגיקן שניי.

דער הימל קושט קלאָר די לענגלאַכע שויבן.
אונטערן גרויסן געוועלב ברענען עטלאַכע ליכט.

מיט עטלאַכע אידן, מיט טונקעלע בחורים, —
אין אינגל, אַ יתום, ביי דער ערד, קליין ביים וואַנט.

די פענסטער פון שול ווערן העלער און ווייסער,
און פירן די גאָלדענע כלה, די זון.

3.

און די ביימער ווערן קלאָרער,
ליכטיק פאַר די אָפענע הימלען —
אַלטע־יונגע, צייטיקע אין שווייגן,
שטילע פילאָזאָפן.
זאָג ניט: הייליקייטן,
זאָג נאָר: העלקייט,
העלקייטן און ווייטקייט.
א יאַריד איז אָפּגעפּאָרן,
און דער טומל האָט געלייגט זיך,
און די וועלט ווערט העל.
איך וועל אויכעט אָפּרוען פון מידקייט.
נאָר עטלאָכע קליינע ווערטער,
האַלט איך איין פאַר זיך אויף שפּעטער,
אויסבאַהאַלטענע שפּעטע יונגע שורה׳ס,
ווי עטלאָכע קליינע בלעטלאַך
אויף א שווייגנדיקן צווייג
אין קאַלטן בלויען טאָג
אויפ׳ן באַרגיקן הערבסט.
דורכזיכטיק דאָס קול פון ווערטער,
דורכזיכטיק קרישטאָל פון שווייגן,
אז איך קאָן אייך שוין גיין אַנטקעגן
גוטמוטיק אין פּשוטן אמת
אויסשטרעקן די האַנט —
שלום עליכם.

4.

אין טרויעריקן גרויען טאָג
בין איך דיין ליכט,
און ברען און פלאַם פאַר דיר
פון מיין ווינקל וועלט,
פון מיין ווינקל פינסטערניש.
איך בין אַן איינציקער אַזאַ,
נאָכגעבליבן הינטער א רייכער צייט
וואָס האָט אַוועקגעשפּאַנט
און איבערגעלאָזט איבערן וועג
א וועלט מיט קליינע חרוב־שטיבעלאַך,
נאַקעטע שוואַרצע ביימער,

בוידימער מיט לויער ווייסטקייט,
און — מיך.

אַ פונק
פון אונטער אַלטן אַש —
גלי איך אַרויס.

נאַכט ליגט נידעריק.
וואָלקנפייכטקייט איבער דער וועלט.

אויף דער וועלט גרויט תמיד, תמיד
אַ גרויסע אומענדלאָכע אָרימקייט.
גאָט קאַרגט איר זיין גענאָד,
גאָט שיקט אָן אומגליקן
און וועלף אין מענטשנס האַרץ.

זע איינדערפרי די אַלטע דאָ
צונויפגעקנאָכיקטע צום טויט
מיט קאַלטע שאַרנדיקע פינגער ביי די טירן
שאַרן זיי זיך צו דער זון.
די זון איז נאָך נישטאָ.

ביים שוועל ליגט נעכטיק מיסט.
אַן אַלטע קאַץ גייט דורך,
און טוט אַ קוק: אַן אַלטינקער,
און טוט אפילו נישט קיין ברום,
קריכט פויל אַוועק.

און אַזאַ רויער ווייטיק ליגט אין דעם
וואָס איטלאָכער וויל זיין אַ קינד,
פון אַלע שווערע שעה'ן זיך אַרויסרייסן,
אין שפּלות און געשלאָגנקייט לויפט מען צו גאָט:
מיר איז שווער און וויסט, גאָט,
און סטוט מיר ווי מיין גוף,
און מיין נשמה לעשט זיך
און צאַנקט אין מיר.

און אַזאַ רויער ווייטיק ליגט אין דעם —
אין דעם אַוועקרופן זיך אַליין
מיטן פּאַק מיט יאָרן ווי מיט שמאַטעס,
ווי מיט מיסט — אין שטילסטן אָרט פון שטוב —

די אַלטינקע, זיי שאַרכן מיט די פיס אין די טעג
ווי אין טרוקענעם בלעטערהויפן אויפן הויף,
און ווילן דאָך נאָך אָנרירן און אַ קוש־טאָן
דאָסביישטיידל פון יעדן נייעם אינדערפרי.

און זעט מסתמא אין דער זון דעם „שדי"
דאָס אַלטע אויג איז קיל און קלאָר,

און אַזאַ רויער ווייטיק ליגט אין דעם
וואָס איטלעכער פון אונז וועט איינמאָל, איינמאָל
בלייבן שוין פון אינדערפרי אין בעט.
איין טאָג און צוויי, און דריי און — אַ גאַנצער
וועט אין אַ מיטן העלן טאָג בייטאָג,
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט,
אַריינשטעלן זיך אין טיר —
מבקר־חולה זיין,
און אָפּזיצן אַ שעה מיט גוטע רייד,
מיט פסוקים תהילים און טרויריקער טרייסט,
אַז דעם מענטשנס לעבן פאַרגייט ווי אַ רויך,
פאַרציט ווי אַ ווינט און האָט קיין האָפנונג ניט.
מיט איוב'ן איז יעדער טענה שטום געוואָרן,
און צו דעם בעל־צער קומט גאָט אַמאָל
אויך נישט מער, און אויך נישט לענגער
ווי מבקר־חולה זיין;
ער זיצט זיין שעה אָפּ לעבן קראַנקן בעט
און הויבט זיך אויף פון אָרט
אַ שטאָלצער אין זיין הויכער גרויס
און גייט אַרויס.

כ'האָב אַזוי קינדעריש נאָכגעטראַכט דערפון,
און בין אַ שווייגנדיקער שטיין־געבליבן
הינטער אַלע טומלען פון דער וועלט.

אין מיין שווערן טרויריקן טאָג
בין איך דיין ליכט.
און ברען און פלאַם פאַר דיר
פון מיין ווינקל וועלט,
פון מיין ווינקל פינסטערניש.

5.

איך שטיי ווידער קראַנק
פאַר דיינע טויערן.

בין אַזוי מיד פון אַלץ.

איך שטרעק מיין מויל צו דיר,
איך שטרעק מיין שטערן צו דיר:
קוש מיך מיטן קוש פון טויט.

צו וואָס מיך אומפירן
אין אָט־די געסלאַך,
אין אָט־די וואָך און טעג.
אין אָט־די שבת'לאַך
אַרויף־אַראָפּ־אַ וועג.

.6

מײַן ליד ליגט װי אַ הונט
און היט די שװעל פֿון טיר.
און לאָזט קײן פֿרעמדן ניט
אַרײַן אין שטוב צו מיר.

און איך — קאָן זײַן אַלײן,
װי כ'בין געװען ביז הײַנט.
פֿאַראַן פֿוניעדנערזײַט
אַ סך װאָס כ'האָב נאָך פֿײַנט.

איך מיאוס זיך דורכצוגײן
די הױכע שפּיגל־גאַס —
די פּוסטע קלינגענדיקע
טומלדיקע פּאַס.

כ'האָב ליב דעם באַרג־אַראָפּ,
די גרױע הינטערשטאָט,
װאו אױף אַ שװעל זיצט שטיל
אַן אָרימאַן מיט גאָט.

און װי עס טוט מיר װײ
דער צער פֿון עדגאַר פּאָ,
אַזױ־אָ איבלט מיר
דער נאַר, דער בערנאַרד שאָ.

.7

איך האָב נישט צוגעלאָזט די שרײַער
צו מײַן פֿאַרװינקלט געצעלט.
די שעה װען איך װער נאָר אַ פֿרײַער,
בין איך דער פֿרײַסטער אין דער װעלט.

איך קאָן די װעלט און די נאַראָנים,
און די חכמים קאָן איך װאױל —
אַ קאָפּ מיט אַזאַ צװײַאיק פּנים
און פֿאַרן מאַרק — אײן גרױסע מױל.

זײ האָבן בײדע מיך פֿאַרשריגן
נאָר װאָס קאָן מען טאָן אין נױט?
איך קריך װי אַלע און מוז קריגן
פֿון זײ מײַן שטיקל אָרימברױט.

זײ גיבן מיר דעם קלענסטן חלק,
און גיבן עס מיט גיפֿט אין בליק.
נאָר דורכן גיפֿט װערט עס מיר הײליק,
יון זים און — מיאוס און איבלדיק.

8

און — זאָל־זיין אז איך האָב
ווי אַן אַלטער מענטש געלעבט,
און מיין „אַלטמאָדישקייט“
איז געווען מיין רואיקער ברעג.

נאָר איך האָב טיף אין זיך
אַ ריינקייט אָפּגעהיט.
בין פון אַ שטאַרקן דור,
געווען דאָס מידע ליד.

בין פון אַ שטאַרקן דור
געווען דער קראַנקער קלאַנג.
און אין זיין דאָרנבוים
דער לעצטער פלאַמען־זאַנג.

9

כוועל קומען מיד,
וועל קומען קליין.
אַ, אָרים איבערבלייב
פון מיין געביין.

וועסט מיר דערלאַנגען
אַ שטול צו רוען,
ביים וואַנט און פענסטער,
אין דער זון.

און איך וועל זען
דורך מידע טעג,
ווי דו גייסט דורך
מיין קרומען וועג.

ווי דו גייסט דורך
מיין שטומען פּיין.
קומסט פאַרנאַכט
אין שטוב אַריין.

און טרעפסט מיך זיצן
אין ווינקל שטיל,
אין שטוב איז טונקל,
שאָטנדיק־קיל.

מיר זיצן ביידע
שטומערהייט
ביי אונזער גרויען
אָרימברויט

אַרום אונז רוישט
אַ פרעמדע וועלט,

מיט ווענט און מויערן
פאַרשטעלט.

דו גייסט נאָך ווען
אַהין אַרויס
און לאָזט מיך איבער
אַליין אין הויז.

בקוק דורכן פענסטער
אַרויס אויף דיר,
און היט דיין שאָטן
ביי דער טיר.

.10

מיין יונגע קליינע שטאָט האָט מיך געפירט
אינדערליכטיק און אינדערהויך,
ווי אויף אַ גרינעם באַרג־אַרויף.

כהאָב דיך געזען, גאָט,
אַנקומען יעדן טאָג
פונעם ווייטן בלויען וועג.

ביזט אַרויסגעגאַנגען אויף דער וועלט
אין דיין פרימאָרגן־פורפור,
איבערן שטילן שליאַך.

און האָסט געזען, גאָט,
די קליינע שטאָט,
ווי פרי ז'איז אויפגעשטאַנען.
ליכטיק זיינען געשטאַנען
די בתי־מדרשים,
ווי אויף אַ באַרג.

אַראָפּ, אין נידעריקן טאָל,
האָט קרום אַרויסגעקוקט
אַ ברענענדיקער לאַמטערן,
ווי אין הימל אַ לעצטער שטערן.

.11

איך וועל דערציען צו דיין לויטערסטן קוואַל
און איבער מיין קאָפּ וועלן זיך גיסן
די קלאָרע קאַלטע וואַסער־צעפּ.
און איבער מיינע אַקסלען וועלן זיי פליסן,
ווי איבער ווייסע מירמעלנע טרעפּ.
און איבער מיינע פיס און הענט
וועלן זיי רינען, רינען, רינען,
ווי דאָס בלויע פרישע ליכט פון אינדערפרי
פון בערג און טאָליקע גרינען.

אַ פֿאַרנאַכטיקע סטעשקע

.1

איך בין אַ נידעריק געביי
אין אָרימקייט ווי אין זאַמד.
כהאָב ליב דעם אָוונט אויף זיך,
דעם סוף־טאָג מיט זיין טריבן עק
וואָס ליינט זיך ווי אַן אַלטע קאַץ אַוועק
ביי שוועלן שלאָפֿן.

ליגט מיר אַנטקעגן די ערד
ווי מדבר, ליידיקער וועג.
אַזויפֿיל מענטשן, מענטשן און — קיינער.
אַזויפֿיל טעג און טעג און — קיינמאָל
און אַזויפֿיל טומל — הימל,
טיפֿע ווייטקייט פֿון הימל
און שווייגן.

רוף איך נאָר קליינע ווערטער
וואָס וועלן מיט מידקייט, מיט שטילקייט
זיך און מיך פֿאַרוויגן.

מיינע מידע, מידע לידער,
ליגט מיט מיר זיך דרימלען
דאָ ביי דעם ברעג פֿון די טעג.
דער זומער שטאַרבט שוין סיווי,
דער קאַלטער האָריזאָנט שטייט אָפֿן,
ווי אַ ברייטער קלאָרער טויער
פֿאַרן פֿויגל וואָס פֿליט אַוועק.

.2

פֿון שטענדיקן באַשווערטן לעבן,
פֿון קליינקייט וואָס מאַכט אָפּהענטיק
אין נאָענטקייט פֿון איבלדיקער שכנהשאַפֿט.
נאָר — וואָס זאָל מען טאָן.

מ'איז גראָזביים ברעג פֿון וועג
פֿאַרשטויבט, פֿאַרוואַכעדיקט.
דאָס שטיקל וועלט ציט דורך
ווי וואָלקן דורכן מדבר.

הויב נישט הויך דעם קאָפּ,
און צי נישט ווייט די הענט,
דיר דאַכט זיך נאָר

אז אלץ איז אין געאייל.
דער טאָג איז אַ מדברדיקער זייגער,
טיקט מיט זאַמדיקן גרוי.

פּאַמעלאַכן, פּאַמעלאַכן
בייגן זיך די שעהן פון זייער דינער הויך
ווי זאַנגען פול צי ליידיק —

בלענד נישט אזוי ראַשיק
דאָס גאָלד פון דיין רייפקייט. —

דיינע אייניקלאַך פלאַפלען רוי
און קייען איבער דאָסזעלבע שטרוי
וואָס דו האָסט אויסגעדרעשט די קערנער
און צעוואָרפן אויפ'ן ווינט.

3.

און מיין קינד איז אריבער מיין שוועל,
און מיין קינד איז געגאַנגען צו דער וועלט,
סאיז געווען אזוי זומערדיק קלאָר אויף דער וועלט.

כבין געבליבן אליין אין מיין שטוב,
נאָך ניט אלט נאָר — פאַרקאַרטשעט מיט זיך
ניט צוקריגט נאָר — דערווייטערט פון אלץ.

און איך קוק דורכן פענסטער ארוים:
דאָרטן ווייט אויפ'ן הערבסטיקן וועג,
דאָרטן ווייט אין דער וועלט — —

דאָרטן וואַקסן גינגאָלדענע טעג,
דאָרטן שפּילן זיך וואַסערן מיט זון,
דאָרטן שלאָפט אַ שאָטן ביים וואַלד,
און אַ דאָרף און אַ גוטער פאַרנאַכט,
און אַ באַנק ביי אַ פּלויט.

און נאָך ווייטער און ווייטער איז — וועלט.

4.

איך בין אייך ווי אן אייגענער
און אַ פאַרפרעמדטער.
ביי מיין טיר האָב איך אייך גיין געזען
איר זייט געגאַנגען זייען,
איר זייט געגאַנגען גראָבן ברונימער,
און גראָבן גאָלד.

איר האָט פאַרזען מיין אָפּגעזונדערטקייט, מיין שוועל.
דאָס טיפע טרויעריקע אויג פון אָוונט האָט געגאָלדיקט העל

איבער די ראַנדן פון מיין אָפּגערוקטער שטוב.
איר זייט געגאַנגען פון דער אַרבעט,
איר זייט געגאַנגען פון גראָבן ערד,
איר זייט געגאַנגען פון גראָבן שטיין,
און איינער — אין אַ שטומגעוויין.
נאָר אַלע זענט איר געווען מיד
און אַזוי קינדעריש נאָנט, שיין.

איך קוק אייך תמיד נאָך,
ווי כוואַלט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אייך
מיט אַ ליידיקער גרויער וואָך,
און אין אַ מידן מידן שיין פון יומטוב
אויף מיינע אַקסל.

.5

ברידער,
איך בין נישט דערוואַקסן צו אייער גינגאָלדענער האָפנונג.
פאַרלאָזט מיך אין וויסט און מיחוץ אייער יובלענדער מחנה.
צו די ברייטע צועפנטע טויערן פון אייער מאָרגן
קאָן איך מיין זינדיק קליין האַרץ נישט דערשלעפּן.

איך וועל זיך פאַרנעמען אַליין אויף אַ זייטיקער שטעשקע.
סאיז טאָג נאָך,
און איך קאָן דאָ דעם וועג.

דאָ נישט ווייט אויף אַ קינדערשן בערגל
וועל איך זיצן אַליין אין מיין עלנט באַרואיקט.
אָט ערשט האָט פאַרדויכערט מיין קרבן,
אָט־ערשט האָט דער פלאַם זיך געלאָשן.

איך וויים,
איר וועט קומען.
נאָר איך מוז זיך דאָ שטעלן.
איך בין נישט דערוואַקסן צו אייער בטחון,
און מיין וועג האָט זיך איבערגעבראָכן.

.6

כבאַוועג זיך צו די שווערע צובראָכענע ברעגן
צום אָרים באַשטאַנד פון דער פיינלאַכער גאַס אונטערן בריק —
דער פישמאַרק פון אַלע פאַריאושטע אידן אין שטיין פון ניו־יאָרק.
כוויל נישט אָנרירן די ערלאַכע סטרונע פון ראָזענפעלדס האַרץ
וואָס העננט דאָרט אויף אַ ברודיקער שטיינערנער וואַנט,
נאָר מיין קאָפּ פאַלט אויך אין יענער פאַרעלנטקייט
פון פאַראומערטע נעכט און פרימאָרגנס,

וואו סגייען אום קעץ פארנעצט און פעררעגנט
און טוליען זיך נאך ווארימקייט און טרוקנקייט
צו די פיס פון פארטייעטע ווייבער אויף די טרעפ פון די סאבוויי־קעלערן.

.7

דער טיפער הימל
און דער גאלדענער קארן.
און איך מיט דיר
אין דער וועלט פארלארן.

אונזער גאס איז א פראסטע,
אונזער גאס איז א וואוילע.
דורך שול און שטיבער —
אלי, אלי.

גיי נישט קויפן קיין לענדער
פאר דריי גאלדענע גילדן.
אויפן בארג אייביקט א וואלד.
וואוינען חיות ווילדע.

מיר זיינען געגאנגען דורך דערפער
דורך שנייען און ווינטן.
אין טאל אייביקט א וואלד,
וואוינען הירשן מילדע.

מיר זיינען געקומען צום אפרו,
אונזער גאס איז א קליינע,
האבן מיר דערהערט פונוויטנס
אונזערע קעץ וויינען.

ווי פון הימל

נישט אזוי בענקעניש, ווי וואונדערונג:
א גאס און — איינמאָל און אזוי פּלוצלונג
גארגייט אין אָוונט די לעצטע שעה פון וואָך
און מענטשן טוען זיך אָן אין ליכטיקייט
און שטילע פרומקייט און ליבשאפט איז אויפגעגאנגען
איבער די גאסן ווי א גאָלדענע מנורה,
און זיבן גרויסע ליכט אין שטאָצעצ רערן,
האָבן עברענט איבער דער וועלט.

און הינטער אָט?די פרומע ליכט
שטייען אַנדערע גאסן,
שטיבלאך וואו די עשיר-לאך וואוינען
מיט הינט און גערטנער און ביימער.
די וואָכנדיקייט האָט געשאָטנט צווישן קנויטן
מיט פאררויכערטע און טויבע גלעזער.
אָן אַנדער שמאָס,
אָן אַנדער שבת,
נאָר צוגעוואקסן-צוגעוואקסן
צום וואָרצל פונם בוים אויף דער ערד.
און מיט דוממדיקער פינסטערניש
אין די פנימער.

און אז איינער פון זיי איז אריבערגעגאנגען
דאָס שמאָלע בריקל פונם טייך,
און איז געקומען צווישן אונזערע שטיבער
האָט ער דערזען אז ער איז א פרעמדער
די שולן לויכטן, זינגען,
דער הימל אין טונקל זיידנס,
די שטיבלאך שטייען רואיקע און פּרילאכע, —
איז ער אוועק, דאָס בריקל פונם טייך דורכגעלאָפן,
און אזא זינגען און געזאנג איז אים נאָכגעקלונגען
ווי פון די הויכע הימלען.

אייביק אַזוי

אויף ווייטע ברעגן ליגט פֿאַרוואָרפֿן
דער עלנט פֿון דער וועלט צושפּרייט.
וואָס זייט איר אַלץ נאָך טרויריק, ברידער?
אַזוי צושראָקן־נאָך פֿאַרן טויט?

נאַראַנים שפּרייטן זיך מיט קווייטן
דעם וועג צום מאָרגנדיקן היינט.
די ערד גייט אייביק שטאָל און דאָרן,
און שפּיז און שווערד אין האַנט פֿון פֿיינט.

און בלוט איז רויזנדיק אין ליבשאַפֿט,
און רוי און דאָרנדיק אין האַס.
דער קעניג בייט זיך מיטן בעטלער
פֿון מיאוסן לאַנגווייל, ניט פֿון שפּאַס.

און דער המון טאַנצט אויף די דעכער,
ער איז אַ קינד און גאַרט נאָך רעש,
דער נביא קומט און שטראָפֿט, און לערנט,
און גייט אַפֿ ווייסט אין צער, אין אַש.

אַמאָל האָט מען אים אויפֿגעשטאָכן
אויפֿ׳ן שפּיץ פֿון שפּיז צי — אויפֿ׳ן שטיין
אים ווי אַ קרוג פֿון ליים צובראָכן,
דער תם, דער ים, אַט דער המון.

אויף ווייטע ברעגן ליגט פֿאַרוואָרפֿן
דער עלנט פֿון דער וועלט צושפּרייט.
וואָס זייט איר אַלץ נאָך טרויריק, ברידער?
אַזוי צושראָקן. נאָך פֿאַרן טויט?

אינהאלט

1. די מידע זון דרימלט (א

*** — 5
אפרו — 6
אַ קום — 7
אַ קלאַנג — 8
מיין רו — 9
משיח וועט קומען — 10
מאַרגנליכט — 12
באַוויליק — 13
ליכט — 21, 20, 19, 18, 17, 16, 15
אַ קלאַנג — 22
פלוצלינג — 23
זאַלבונג — 24
דער טויט — 25
צו... — 26
ליטערקייט — 27
אַ קלאַנג — 29
יומטובים — 30
פוניענערזייט — 32
איך קום — 34
ווי תמיד — 36
דערמאנונג — 38
דו קינד... — 39
אַוועקגיין — 40
היים... — 41
יאָ, איך אויך — 43
איך בין — 44
אָ, רוף! — 49
פאַרגיין — 56
פאַרבינד — 51
פון דאָרטן — 52
נו... — 53
און צו דיר — 54
ביז איצט — 55
מיין אינגעלע — 62
אַנדענק — 63
ליבשאַפט — 64
ביים זאַק — 65
פאַרוואורף — 66
פאַרנאַכט — 67
באַשערט — 68
אַ הערבסטליד — 69
אַנהויב סוף — 70
די אַלטע זון — 72
קינדערש — 73
ברידער — 75
הערבסט — 78
אויך חיים קרול — 79
נאָנסטער — 82
ער זעט — 85
בליאונג — 86
פולער — 87
לבנה — 88
אין מיר — 89
איך — 90
ירושה — 91
ווינטער — 92
אַ מומעלע — 93
ליכט — 94
בענטשונג — 95
אונזערם — 96
געוואַכט — 97
זילבערגרוי — 98
לעצטע זון — 99
אין צער — 100
איך — 101

שבת — 102
אַנגעבריִיט — 103
אַ גאָלדענע שעה — 104
זיי — 105
צוריק — 106
ווי אַ בוים — 107
רו אָפּ — 108

2. די מידע זון דרימלט (ב)

זייט שטיל — 111
פֿאַרגיב — 112
פֿאַרגעפּיל — 113
פֿון דער טרויעריקר הויד — 114
אָרים גאָלד — 120
ליִיב — 124
ליכטיק — 125
טויט עלנט — 126
אייביק — 127
אַלטוועלט — 129
דאָס ניט פֿאַרגעסן — 130
פֿאַרגיין — 131
ליכטיק — 132
מיין קינד — 133
אַ בעל־חוב — 134
אוצרות — 135
וואונדער — 136
פֿאַרנאַכט — 137
שטיל־לעבן — 138
שטאַרבן — 139
די מידע זון — 140
אין אַ הייל — 143
אין איינגעבעטנקייט — 144
מיין בלוט — 145
איינמאָל אין אַלטברוקלין — 146
אָז אָנהאַלט — 147
וועלקנדיק — 149
צו ח. ק. — 151
מיט ווייטיק — 152
ריין — 154
קליינשטעטלדיקע — 155
דורך חלום — 156
חלומוואָר — 157
ליכטיקער טויט — 159
עפּנט — 160
דורות — 161
איבעריקייט — 162
גאָלד — 164
דו הייליקער — 165
ליכטיק — 166
התלהבות — 167
טרויריקייטן — 168
אין אונזערע אויגן — 170
מיר זיינען — 171
פֿון יענער נאַכט — 172
בית עולם — 173
מיין נאָנסטע — 175
מיר גייען אָפּ — 177
אַלטברוקלין — 179
ווי אַזוי מווערט אַליין — 181
אומגערעכט — 182

3. לעבן מענטשן

ערד — 185
פּרעמד — 186
סוחרים — 188
מיר — 190

געזאַנג — 192
פון אַמאָל — 193
קאָרעספּאָדענץ — 194
ריטער — 195
וויגליד — 197
און גאָט — 198
דעמאַסקיר! — 199
אַ וואַסערטוי — 200
אַ תּלמוד־חכם — 201
אַ וועלט — 202
פון פריער — 203
צו קאַליאַ טעפּער — 204
מיט אייך — 205
אין טרייסט — 207
גן עדן — 208
דערווייל — 210
בייזעריק — 213
צו א. מ. פוקס — 214
אַ היטער — 216
הערבסט — 217
דאָס הויז — די גאַס — 218
אַ גביאָלע — 220
נאָר איינער — 222
טרויער — 223
וואוהין — 225
אַהיימגייענדיק — 227
אַלטברוקלין — 229
טויט — 230
מענטשן — 232
וועגן אַמעריקע — 233
גאָט — 234
שפּינען — 235
מיט אַ פּאַקל — 236
איך וועל אייך זינגען — 237
היט־אָפּ — 238
רו — 239
אַלטוועלט — 240
אייביק — 241
קלאָר — 242
די ערד — 243
אַ לויב — 244
פון אַן אומעטיק לאַנד — 246
אין פרילינג — 249
אַלט־פרילינג זינגט — 250
סעפּטעמבער — 251
טאָג — 252
טריט — 254
איך וועל ווערן וועלטלאַד — 255
העלער טאָג — 256
אָרים־מלך — 257
אַ קלאַנג — 258
אַזוי זינגט מיר גאָט אין אויער — 259
אַזאַ מין שטיקל ערד — 260
און... — 265
מיר וועלן — 266
פרעמד — 267
והחסידות — 268
אַ קלאַנג — 270
ווי גאָלדן זייד — 271
וועלט — 272

4. ליכטיקע פּים

זי זינגט — 274
אין שטוב — 275
צו וו. — 276
פון אירע ליפּן — 277

דיין שטוב — 278
פון אירע פּים — 279
דאָ... — 280
פון איר לייב — 281
צו... — 282
אינמיטן דער זון — 283
צו וו. — 284
ווי נס — 285
אַראָפּפּאַל — 286
מיר — 287
צו... — 289
אייביק־גרוי — 290
העל־גרין — 291
נאָך ליב — 292
דאָס ווייב רעדט שטיל — 293
און דו — 295
טייערסטע — 296
צוויי — 297
נאָך — 298
ירושה — 299
דיינע אויגן — 300
צו — 301
טויט־גרוי — 302
די פּרוי פון... — 303
מיין ווייב זאָגט מיר — 307
יונג — 308
יונג — 309
מיין שטאָט — 310
וועגן ניו־יאָרק — 111
מיטוואָכדיקע טיי — 312
מיין ליד — 314
אַ פּאַרנאַכטיקע סטעשקע — 321
ווי פון הימל — 325
אייביק אַזוי — 326

געדרוקט ביי די
סיטי פרינטינג קא.